STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07164

ERTS-YISROEL

Peretz Hirschbein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק

פון

פרץ הירשביין

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

פרץ הירשביין

ארץ־ישראל

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright, 1927 by Peretz Hirshbein
Perec Hirszbejn — Erec-Isroeł

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

מכבייער=בלוט.

זעכציק באַגינענס איז די זון לויטער איפגעגאַנגען. זעכציק סוף־טאָגן האָט די זון אַראָפּגעגלידערט ביים ראַנד פון מיטללענדישן ים. זעלטן=ווען אַ וואָלקן האָט געשטערט איר אויפגיין און פאַרגיין: גרויסער זומער איבער ארץ=ישראל=ערד.

ווען איך בין אַהער אָנגעקומען, האָט דער פרילינג געהאַלטן ביים פאַרנייגן זיך צום זומער. דאָס לאַנד האָט רויט געפינקלט פון אַהינטער יעדן שטיין אַרויס: ווילדער מאָן האָט געבליט. רופט מען דאָ, אין ארץ=ישראל, דעם גליענדיקן רויט — מכבייער=בלוט. ווער דען האָט די בלומען פאַרזעצט צווישן שטיין און ביים זייט וועג? וועמעס האַנט האָט אַזויפיל אָנגעזייט און נישט מיד געוואָרן אין דער מיט פון זייען? העלדן=בלוט האָט מיט רויט געשפרענקלט די ערד, נאָכדעם ווי דאָס קליינע, עזותדיק=שיינע און ביז דאָרגדיקייט שאַלקהאַפטיקע לאַנד האָט זיך פאַרמענטשנס היים=ווי אַרויסגעבויגן.

בלוט מיט בלוט האָט זיך זיבן=און=זיבעציק מאָל איבערגעמישט, פונאַנדערגעטיילט און דאָך פאַראייניקט, צו מאַכן יעדן פרילינג די ערד גליען מיט ווילדן מאָן און בלוטיקער בענקשאַפט, בלוטיקע נאָגעניש — נישט=מיר, נישט=דיר; אַ בייזע שפּיל, וואָס גריזשעט זשאַווערדיק האַרץ פון וועלט און האָט אין פאַרבאַרגעניש אונטערגעוואָרפן גיפט אונטער קינדערשע שוועלן. קינדערשער בלינדער ווילן האָט אָנגעהויבן צו האַלזן די שאַרפע קאַלך — און אויך די שוואַרצע וואולקאַנישע שטיינער, אַזוי לאַנג געהאַלזט — זיך צעבלוטיקט און גרונט באַמיסטיקט, אַז באַרג און טאָל זאָל בליען און גרינען, ביז נייער ערד=צערודערונג, פעלקער=צעטרייסלונג, ביז צו מגפהדיקן עקסטאַז און הפקר=אָרגיעס.

אָ, די שטיינער, וואָס האָבן זיך פאַר געטער פאַרשטעלט און די הויכע ערטער, פון וואַנען יעדע פאַרחלומטקייט האָט דער־

שפּירט געטלעכע פליגל, וואָס האָבן געבלאָזן ווינטיקייט אין דעם זומערדיק־צעטריקנטן חלל! ליגט בענקעניש געשפּרייט אויף די פעלדער, וואָס האָבן צווישן איין פעלקער־קריג און קאַפּריזן־אונטערגאַנג דאָך אַרויסגעגעבן ווידערוואַקסונג צו מאַניען אויג פון דורכגייער.

און יעמאָלט, ווען ברכה־און־קללה געמישט, אינאיינעם געקנוילט, האָט אַ שלעכטער זייער געזייט אויף פּאַלעסטינעם פלאַכלאַנד — יעמאָלט, ווי איצטער, האָט רויטער מאָן מיט ווילדן רויט געפינקלט פון אַהינטער שטיין אַרום אין דער נאָענט־גרויער ברויניקייט און קאַלכיק ביז צום בלענדן ווייסער ווייטקייט. ארץ־ישראלדיקע האָפענונג האָט נאָך אַלץ נישט פאַרבאָרגן אין תהום איר רויט־בלימלדיקן חן, וואָס קען זיך אַליין ביז בלוט, דאָס לייב צעפליקן. מכבייער־בלוט — איז אונזער בלוט. פון אונזער וואונד קען עס אויך בלומען־זריעה מיט געפּרוווטער זייער־האַנט זייען.

* * *

אַזוי פיל בלענדעניש טאָגיקע האָב איך אין מיינע אויגן און בלוטן פאַרנומען פון וועלטס ווייטקייטן אין די לעצטע יאָרן — איז זי פאַרטונקלט געוואָרן דאָ, אין דער ווייסער זוניקייט. האָט דאָ אין אַלע דורות אַזוי די זון געשיינט? און ווי זיינען דאָ שווערד און שפּיז און שטיינשליידערער נישט פאַרבלענדט געוואָרן אין דראַנג נאָך פאַרטיליקונג אין אַזוי פיל דורות? וואָס האָבן מיר דאָ געטאָן, און וואָס האָבן מיר דאָ געלאָזן אונטער שטיין, און פון ווינטן אוראַגאַנען איפגעבלאָזענע זאַמד־בערג? העכער איז ארץ־ישראל פון אַלע לענדער איצטער, פאַר מיר, דעם יידן. אַן אַרויסבליק־פונקט, פון וואַנען איך זע אַלע אונזערע צעשטערטע לאַגערן אויף גאָר דער וועלט. און אַלע אונזערע וואונדן עפענען זיך אויף פאַר מיינע אויגן.

פון וואַנען נאָך קען מען אַזוי דערבליקן דעם ווייטסטן נערוו אונזערן, וואָס קאָרטשעט זיך פון נאַקעטקייט? אַלץ רעפלעקטירט אַהער. אַפילו מיראַושן באַווייזן זיך אויפן ראַנד פון מדבר און לע-

בעדיקן פֿאַרלאַנג. יעדער ציגל, וואָס איז גאַנץ געבליבן פֿון היסטאָרישע חורבות, קייקלט זיך אַהער און לעכצט נאָך האַנט, וואָס זאָל אים אָנרירן. קיינמאָל, קיינמאָל האָב איך אַזוי נישט באַגריפֿן, אַז נישט נאָר פֿייער אונטערערדישער קען זיין יונגט אויפֿהאַלטן — נאָר איך וואונדן דורותדיקע זאָלן אַזוי פֿריש בלוטיקן, גלייך ווי ערשט היינט האָט געזעגנט די זעג איבער יונגן לייב.

עס רעפלעקטירט מיט דער זוניקייט איך, די ווּסט און אויף איר ליגן אויסגעשפרייט אַלע ליידנשאַפֿטן פֿון מצרים, אַשור און בבלם העלדן, און פֿון די גריכן, רוימער ביז צום לעצטן פֿון אונזער מתנה. די וויסט האָט לשון און רעדט מיט רויטע בלימעלעך און פֿרעגט מיט שפּאָט: „האָט דיך נישט גערייצט דיין הויט צו מיין שטויב? האָסטו איך גערופֿן דעם שפּרוך פֿון מיינע שטיינער: לייב וועט ווי ריִנד עסן שטרוי — — — כאַ, ווילסטו לייב — קענסטו לייב דאָ זיין צווישן ימיינע בערג. נישט שטרוי צו קייען, נאָר בלוטיק רויב מיט דיין נאָז דערשפּירן.“

וואו איז לייב? אפשר טריט פֿון יהודה-לייבן, טריט צעבלוטיקטע, וואָס האָבן טראָפּנווייז אויסגעציילט אַלע בלוט-טראָפּנס און געזייט ווילדע מאָן-בלומען! קיינער, קיינער האָט נישט פֿאַרווּגט די וויסט. זי האָט מיט זון-בלענדעניש געמאַכט אַ בונד און קיינער פֿון אירע באַזיגער האָט נישט מציל געווען אפילו אַ שטויבעלע פֿון זיינע פֿאַרלוסטן. אַלע, אַלע האָבן אַהער געצילט און מיט די ציין די טעג דערצויגן, צו קענען אָנציִען געצעלט און ווי וואַסערן שטראָמיקע אויסגיסן היים-ווי אין קלעמעניש.

אונזער טייל איז לאַנג אין קאָן. אונזערע בלומען בליען רויט. מיר האָבן זיי באַפֿוילן. און די בריק צו איינגאַנג און אונטערגאַנג, ביז געניק בריגט זיך, ווי אַ בויגן אויס — די בריק איז אונזערע.

אונזערם איז לאַנג אין קאָן פֿאַרשפּילט געוואָרן. נאָר די ג ע-ווינערם האָט דונער איבער הענט געשלאָגן און דאָס געוואונענע אין שטויב פֿאַרלאָרן. אַלע, אַלע האָבן דאָ, איבער פּאַלעסטינער ערד אַלץ אין קאָן געשליידערט און מיט האַזאַרט פֿאַרשפּילט. און איצטער האָבן מיר אַ שותּפֿותדיקע שפּיל, צו וועקן אַלטן חשק און

האַזאַרט מיט נביאים־שפּראַך באַפליגלט. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען. אָנגעקומען מיט עלעקטריש ליכט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

איך בין דאָ נישט געווען אין יענע צייטן, ווען דער בעדוינער האָט נאָך פריי געקענט זיך אומטרייבן מיט זיין הויזגעזינד, קעמל, אייזל, שאָף און פליי. נישט ער האָט באַזעסנקייט געשפּרייט איבער ארץ־ישראלס פלאַכלאַנד. זיין חלום — ווי זיין וואָר! קריגט זיך נישט טאָג און נאַכט דאָ — ביידע זייט איר פאַרפירעריש, ווי די מיראַזשן, וואָס רייצן זיך מיט וואַנדערערס מידקייט, אויף ברעג פון מדבר און מידן פאַרלאַנג. עס האָט אונזער פאָלק נביאים פון זיין בלוט אַרויסגעיאָגט. איך זע זיי, די באָרוועסע, מיט געפּייניקטער און געביטשטער אומה, וואָס האָבן איבער אַלע וועלטן געוואָלט אַריבערשרייען.

נאָך איצטער קען איך קיין בילד נישט זען דורך פאַרב און קאָליר. ווייל אַלץ שרייט דאָ און שרייט זיך אַליין אַריבער. און מיר, וואָס האָבן אַזוי פאַרשאָלטן ממזר־בלוט און ממזר־לענדער אָנגעגורטע — וואו נאָך האָט דאָס ממזר־בלוט אַזוי זיך געפּרוכפּערט, ווי דאָ, צווישן די וועגן, וואָס ציען פון יהודה צום גליל?

„אַ צייט וועט קומען, ווען קינד וועט לייגן האַנט אויף לאָך פון ברענענדיקער שלאַנג און זי, די שלאַנג, וועט קיין בייז נישט טאָן."

איך ווייס, איך ווייס, אַז שלאַנג טוט גאָר ניט אַזויפיל בייז, ווי איך, מענטש, האָב זיך אַיינגערעדט. און צוליב־וואָס האָפן אויף אַ צייט, וואָס לייב וועט קייען שטרוי, ווי רינד?

איך זע זיי, די, וואָס זיינען איבער אונזערע וואונדן אַריבערגעשפּרונגען און ווי קיזלשטיין געשאַרפט האַרץ שאַרף און האַרט און געצילט אַהער, אַהער. און איך זע, אַז נישט אויף שלאַנגס לאָך האָבן זיי האַנט געלייגט און געוואַרט אויף חסד. דאָ האָבן נביאים אַ סך, אונזערע און פרעמדע, אַזויפיל גערעדט, אַזויפיל גערעדט. איך ווייס נישט, ווי שאַרף געשאַרפט און וויפל האָט געבלאַנקט שווערד פון טיטוס, אַספּאַסיאָנוס און אפשר גאָר פון אונזער שלמהן, אָדער שווערד פון אונזער פרעמד־אייגענעם הורדוס. — איך ווייס נישט, אויף וויפל טיילן עס האָט זיך די זון

אויף זייער שאַרף צעשניטן און אויף וויפל זונען זי האָט זיך גע=
געכפּלט אין געבלאַנקטן שווערד. שאַרף איז אויך די צונג פון
מזרח=מענטש, כאָטש דורך נאַרגילע=רויך, איצטער אין ווייהרך=רויך
אַמאָל האָט ער געקוקט פון איין עק לאַנד צום אַנדערן. און דערי=
בער איז ארץ=ישראל נישט אַ לאַנד — נאָר לענדער! יעדער גע=
ניטער שפּרונג ברענגט אין אַ ניי לאַנד אַריין. נאָר ירושלים
איז פאַראַן איינע, איינע און נישט מער. אַ וואַנט, וואו פאָלק
ישראל יאָמערט מיט בעכן טרערן — נאָר איינע.

דאָס לאַנד אַליין איז אין אַ קאַליידאָסקאָפּ פאַרשפּאַרט. זיבנ=
פאַך געפאַרבט און טויזנט מאָל צעבּרעקלט און פאַראייניקט. אין
אַזאַ אַ לאַנד זיינען מיר איינגעקומען. און ווען אַרויסגעשליידערט,
און ווען אַרויסגעשפּיגן — איז פון טויזנט לענדער — טויזנפאַכיק צע=
שטויבט און מיט כף=הקלע אין אַלע ווינקלען פון דער ערד פאַר=
שליידערט!

ווייל איך קום אַליין פון אַלע ווינקלען ערד. אויף ביידע
סמבטיון=ברעגעס האָב איך געפּרוּווט באָדן מיינע טריט און נישט
געוואוסט גאָר, אַז מיט מיינע שטיינער באַהאָגלט ער דעם נאַרישן
בעל=חלומות. עס פעלט דאָ אויך קיין שטיינער נישט. דאָס זיינען
געבליבן די שליידער=שטיינער, וואָס פון הימל זיינען זיי געפאַלן
אויפן קאָפּ פון ישראלס שונאים. איצטער קלייבן זיי, און הורבען
זיי אויף, אָדער אין שורותדיקע אויסגעשטעלן ביים ראַנד פון פעלד,
וואָס גרינט אויף באַפעל פון די עק=וועלט=געקומענע אַקערער און
זייער פון אונזער אייגענער צעשפּרייטער מחנה — זיי קלייבן איצטער
אויף די שטיינער דאָ. גוט איז איצטער די קלייבער, גוט ביז צום
וויינען און שווער איז זיי — ביז צום הפקר=טאַנץ...

* * *

פאַראַן אַ שטאָט דאָ, אַ יידישע, וואָס שעה נאָך שעה קען
מען גיין איר אירע גאַסן. דער בלויער ים האָט זי צו זיין ברעג=
פאַרמעגן צוגערעכנט. אויף זאַמד איז די שטאָט געבויט און, הלוואי
זאָל זי אַזוי זיך עקשנען ווי ירושלים אויף איר שטיין און פעלו-

פונדאַמענט: עקשנען פאַר איר לעבן ביז די צייט וועט קומען. דאָס לאַנג האָב איך שוין צוויי מאָל דורכגעוואַנדערט און ווען איך העל עס אַ דריטן און אַ פערטן מאָל טאָן, וועלן אַלץ נאָך אירע קאָלירן שרייען און מיך פאַרשרייען; וועלן זיך נאָך אַלץ אירע שטיינער איבערקייקלען פון אָרט צו אָרט, און זיך אַליין פאַרכּפּלען. איך וויל נישט זען מיין חלום, ווי ער וועקט פאַר האַלבע נאַכט די שאַקאַלן צום געוויין. און איך וויל אויך נישט זען די, מיט קראַנקשאַפט רויט-באַזוימטע און אויסגעטרערטע אויגן. מאַניעט מיך נישט דער פּורפּור-סאַמעט אויפן דאַרן גוף פון פּיאותדיקן, בלאַסן יונגמאַן, וואָס גייט מיט טריט געמאָסטענע דורך ירושלימס שמאָלע גאַסן, אַראָפּ, אַראָפּ, דורך געמערקן אינטערנאַציאָנאַלע — צו דער וואַנט, וואו אַראַבער וואַרפן רעשטלעך פון אויסגעגריזשעטע קאַוואָנעס. און עס באַחנט מיר נישט מיין וועג די אַראַבערין אין בלאָטיקן שוואַרץ געוויקלט, און איר פרויען-גוף מיט די בראַסלעטן, רינגען, אוירינגען און אויפגעקראַנצטע זילבערנע מטבעות איבערן פנים, און אויפן קאָפּ — אַ ברייטער בעקן מיט מיסט פערדישע, וואָס זי קלייבט אין די גאַסן פון די יידן. ווען זי בויגט זיך איין און שאַרט דעם פערדס צואה און שליידערט מיט גאָלער האַנט קונציק אַרויף צום בעקן אויפן קאָפּ, צום טאַקט פון אירע רינגען, אוירינגען און בראַסלעטן — — — וויל איך אויך שוין מער נישט פרעגן.

איך נעם נישט אָן פאַר ליב „די הינקעדיקע און מידע“, וואָס גאָט אַליין האָט צוגעזאָגט אויפצוזאַמלען און איבער זיי הערשן. נישט קלוג געווען יענער נביא, וואָס האָט מיט אַזעלכעס מיך געטרייסט. כאָטש איך גלויב נישט, אַז דאָ וועט מען אויפשטעלן די וועלט-קאָוואַדלע, שווערד און שפּיז איבערשמידן אויף גראָב-און-שנייד-אייזן. איך האָב דאָ און הענט מאָזאָליסטע מיין שלום געפונען, בעת אויגן פון פיבער-דורכגעגליטע האָבן ביי מיר געזוכט באַשייד און געפרעגט:

— פאַרוואָס אַזוי בלאַס?

— איך טראָג די בלוט-אָרעמקייט פון אונזער דור און ווייס איך דעם שפּרוך, וואָס קען אַ לייב פאַרמילדערן, ביז ער וועט

שמייכלען מיט אונזער נאַרישן שמייכל, ווי יענע לייבן און דניאלס לייבן-גרוב.

איצטער האָב איך זיך דערהויבן העכער פון הר-הצופים און זע אונזער לאַגער פון עק וועלט ביז עק וועלט. וויינען און לאַכן איז נישט קיין תכלית. און לאַגער אויף לאַגער פאַרבייטן איז שוין שפּעט. און לאָזן, אַז זון זאָל מיין בליק פאַרבלענדן — איז מיר שווער.

עס האָט די צייט שוין צונעקלערט שוואַרצע ברילן, פאַרדויכערטע גלעזער צו באַשיצן פון זון שאַלקהאַפטיקער. אַלע, אַלע נביאים אונזערע און אויך די, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין קוואָקעס און אמונות אויסגעבריט, ווי הינדעלעך פּוכיקע — אַלע שטייען אין איין שורה איצטער אונטער דער ברענענדיקער זון און יעדער איינציקער וויל מיר פּראָפעצייען, וויל מיר וואָרענען און וויל מיר דערלאַנגען צו די לעפצן יענע ברענענדיקע קויל, וואָס זאָל בריען און באַלערנען. סמאַליען און באַנייען.

און אפשר זאָל איך ווערן אַקראָבאַט? אַ שטריק אַן אָנגעצויגענע פאַרהאַן: מיינע אייגענע נערוון אָנגעצויגענע — פאַרצויגן פון ירושלים ביז מאָסקווע! פון ביידע זייטן ציען צו זיך מוסקלען געפרענגטע מיינע נערוון און אָדערן — ציען ביז צום פּלאַצן. קיינער לאָזט נישט נאָך. און זאָל איך איצטער לאָזן זיך איבער אייגענער בריק און מיט אַזאַ סם-המוות די לייכטע פאַנטאָפעלעך אָנשמירן, כדי זיך נישט אַראָפּצוגליטשן פון אייגענער נערוון-שטריק?

— כאַ-כאַ-כאַ, ציט דעם שטריק שטאַרקער, פרענגט די מוסקלען ביז צום פּלאַצן, עס וועלן די נערוון נישט פּלאַצן! ווייל נישט נאָר מיט לייכטע, געפּרוווטע טריט קענען קינדער פון ישראל אויף אַזאַ בריק שפּרייזן — — קענען אויך אויף די הענט, קענען אויך אויפן קאָפּ זיך אַריבערשלייכן. עס איז מיין אייגענע בריק און פון איר וועט תהום מיך נישט פאַרנאַרן.

ווילדע, רויטע מאָן-בלומען — מכבייער-בלוט — ווי נאָר איך האָב זיי געריסן, האָבן זיי ביי מיר אין האַנט געוועלקט. און

איצטער, שוין זעכציק באַגינענס איז די זון אויפגעגאַנגען און זעכ־ציק סוף־טאָגן צום מיטללענדישן ים אַראָפּגענידערט.

אַ גרויסן הענגל ווינטרויבן האָב איך אין שטוב אַריינגעבראַכט, וואָס דער זומער האָט שוין אויסגעזוניקט — תוצרת הארץ. פרוכטן פון דעם לאַנד, וואו איצטער פייניקן זיך אונזערע זין און טעכטער ביז צום לאַכן און וויינען, וואו מען ווייגט ביז צום עקס־טאַטישן טאַנץ.

טאַנץ, טאַנץ, מכבייער־בלוט! — — —

דאָס איז געווען איבן וועג פון מצרים, אין אַ גרויען באַ־גינען, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען די בערג פון יהודה.

אַרץ־ישׂראל, דאָס געבענטשטע און פֿאַרשאָלטענע לאַנד.

ווי פֿל שטיינער, אַזוי פֿיל קללות אומדערבאַרעמדיק האָבן נביא־מיילער געשאָטן אויף לאַנד און פֿאָלק. ווי פֿל איילבערט־און ווילדע פֿייגנביימער, אַזוי פֿיל ברכות האָט הימל טויק געטראָפֿנט אויף פֿאָלק און לאַנד.

אַזוי קליין איז דאָס לאַנד און צונויפֿגעוויקלט און אַזוי גרויס איז דער באַגריף פֿון דעם. אַזוי גרויס איז דער הימל, וואָס שפּרייט זיך איבער אַרץ־ישׂראל־ערד און אַזוי שווער זיינען די טויען, וואָס באַפֿערלען יעדן דאָרן. יעדער אומגעבעטענער ווינט האָט פֿון די פֿעלזיקע ווייטן דעב לעצטן חסד־שטויב אַראָפּגעווישט; און איעדע האַרבסט און ווינטערדיקע פֿאַרפֿלייצונג האָט אַ נייע ברכה צווישן שטיינער אָנגעוואָרן.

באַמאָל איז דער גורל פֿון לאַנד און שיין אין טראַגישן לעבצן נאָכן רעגן־וואָלקן צווישן האַרבסט און וואַכער זומערדיקייט. אַזוי צעבראָכן איז דאָס לאַנד, אַזוי צעדהיקערט אירע קאָנטורן און אַזוי פֿאַרוויכט האָט דערבאַרעמונג יעדע אויסגעקרימטקייט. אין איר גרויען ברוין איז זי צום דאָפּלטן קעמל־האָרב געגליכנט, און די ערד אינעווייניק מיט אוצרות זאַפֿטיקע. שטיין און קוואַל. מדבר און אָאַזיס. קללה און ברכה. געלעכטער און געוויין. ווילסטו — שטייג אויף צום דערהויבענעם אָרט, זעסטו פֿון איין עק לאַנד ביז צום אַנדערן. מיינט עס דאָ: פֿון עק ביז עק וועלט.

מיט זיין שאַרפֿן בלוי, העט ווייט, שניידט דער ירדן דער סדום־וויסטקייט. הייסט עס: יענער זייט ירדן. ווייט איז יענער זייט ירדן. ווייט, ביז פֿעלקער־צעשפּליטערונג. ווייט, ביז צום ראַנד פֿון פּרימיטיוון גלייבן און גרעניץ־באַגריף. יידישע אויגן האָבן מיט

טויזנטער יאָרן איבער אים אַריבערגעבליקט פון מזרח צו מערב. איצ־טער בליקן די אייגענע אויגן אַריבער — פון מערב צו מזרח.

פון ראַנד ים ביז צו אל קודש, ירושלים די הייליקע, באַ־גענענען די יהודה־בערג מיט פאַרטריקנטן ברוגז און מיט ראָזיקן שמייכל. ווילסטו — איז דאָס שטיין, קרעציק און צעפּלאַצט פון אייגענעם לאַנגוויל. ווילסטו — זיינען זיי די וויכע קישן, וואו דורות האָבן זייער געלעגער געבעט פאַר מענטש און זיין דער־אָבערונג־תאווה און פייער־פאַרנעפּלעניש. אין די־אָ יהודה־בערג האָט די שרעק יעדע נאַכט געפּויקט מיט דאַרע פינגער אויפן קאַלכ־שטיין, כדי נבואות אייגענע זאָלן מקויים ווערן: „אַנטלויפן וועסטו ווען קיינער יאָגט נישט". און אויך די בענטשונג: „דיינע הונדערט וועלן פאַריאָגן די צען טויזנטער."

און הימלען לויטערע איבער די בערג — ווי פאַרשעלט מען זיי צוליב אַ פאָלק אַ קליינם, קלענער ווי דאָס לאַנד דאָס הייליקע, ווי פאַרשעלט מען, אַז: „צו אייזן וועל איך טאָן אייערע הימלען און אייער ערד — פאַרקופּערן!" אויסגעליטערט בלוי איבער יהודה־בערג הענגען הימלען אָנגעצויגן מיט געפּרווטער האַנט און דער קופּער אין די בערג איז מיט וואָרצלען און מיט ווילדן דאָרן. ביימער, וועלדער גאַנצע האָבן דאָ געוווים זיך געמערט, וואָס האָבן בערגס האַרטנעקיקייט פאַרדוילן. רעגנס גרעסערע און אָפטערע האָבן דאָ געגאָסן. ווי דען אַנדערש האָט מען צו די הויכקייטן זיך געריסן און דאָרטן די הייליקע שטאָט בויען. צו די בערג פון יהודה בליקט איצטער אויך אַ פרייש אויג, אַן אויסגעפּיקטע דורך שטאַרקן ווילן אין וועזן אונזערן. און די דאָזיקע אויג מאַכט די פעלזן אויפסניי צעשפּאָלטן און אַנטפּלעקן זאַפטיקע ערד־שיכטן.

שניידן דורך די וואַדיס, די פאַלשע טייך־בעכנס, וואָס אין רעגנצייט ווערן זיי פול, כדי שפּעטער, אין איבערהיצטן זומער, פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַנטטוישונג פאַר דאָרשטיקן גומען פון פלאַנץ, מענטש, שאָף און רינד. אָ, די בלייכע, אויסגעשטיינערטע טייך־בעכן! זיינען ווי אַלע לויטערע חלומות אויפגעקומענע אין יהודה־בערג און וואָס ווי בלייך און דונער האָבן זיי זייער צייט און זייער חוב. צי וועט דער באַנייטער כוח יידישער זיך שטעלן אַנטקעגן

די וואַסערן, וואָס קומען ווי אַ ברכה אַיעדע גשם־צייט און אײַלן זיך אויסצורינען פֿון לאַנד אַרויס, גלײַך אַ שבועה האָט דאָס וואַסער זיך געגעבן, נישט צו בלייבן לאַנג אין לאַנד פֿון די ווידער־שפּעניקע?...

* * *

נישט באַזעצט איז נאָך דאָס לאַנד, וואָס פֿעלקער־איבערויז האָט עס נאָך פּילפאַכיקער פֿאַרשאָלטן וויסט צו זײַן. און אַפֿילו אַראַבער־דערפֿער, אויף שטיינערדיקער דערהויבונג, וואו קאַרגער קוואַל גיט וואַסער פֿאַר די דושאָרעס אָנצופּילן, אויך זיי האָבן מיט ערד צו גלײַך זיך אויסגעמישט, נישט צו פֿאַרשוועכן די וויסט. ברייט און ווייט האָט הימל־ראַנד זיך אויסגעברייט. ווילסטו — האָסטו דאָס גאַנצע לאַנד אויף דײַן האַנט.

ברייטער שליאַך, געפּליאַסטערט, וואָס האָט אויף זיך שוין איפּגענומען קאַנאָן — אונזער יאָרהונדערטס פֿאַרזעעניש — אויף אים טרעט נאָך איצטער אויך זײַן ווייכן, ברייטן טראָט דער קעמל, וויגנדיק דעם איבערהאַר זײַנעם אַראַבישן, וואָס זינגט אומעט זײַנעם אין חלל פֿון זײַן נישט באַגריפֿענעם היים־לאַנד. קינד־געוויין פֿון גלעקלעך אויף קעמל־האַלז טריפֿט אומעט אויפֿן ברייטן שליאַך, וואָס האָט אונזער יאָרהונדערט אײַנגעלאַדן מיט אַוטאָמאָביל־חוצפּה אַזוי גיריק דעם שטויב אויפֿצורייסן.

פֿון באַגינען ביז נאַכט איז געגנט איבערצוטראָגן אויפֿן אַקסל שטויב פֿון יהודה ביז צו די הייכן פֿון גליל. באַרג צו באַרג דערנעענטערט זיך און דערווייטערט זיך אין פֿאַרבנשפּיל, ווען דאָס פּרימאָרגנדיקע ליכט טרייבט די בערג־שאָטנס פֿון מזרח צו מערב און נאָך האַלבן טאָג, ווען די שאָטנס ציען זיך צו מזרח־זײַט. האַלבער טאָג איז די נאַקעטקייט פֿון ארץ־ישראל אַ צעפּלאַקערטע און לאַכט מיט טרוקענעם, שרײַעדיקן געלעכטער פֿון אַלע טאָלן אַרויס. ווילדער פֿייגנבוים שאָטנט שווער זײַן קרייז און קילט בײַם בוים צופֿוסנס אַלע נישט געשטייגענע מעשׂיות, דורכגעזייטע דורך שאַרפֿע ציין און אָפֿענע ליפּן פֿון ארץ־ישׂראלס פּילווייבעדיקע און דורכגעברענטע פֿון פֿאַנאַטיזם מוסלמענישע מענער.

נישט קיין ברוין-שוואַרצע פלעדערמייז ריזיקע, מיט פליגל אויסגעשפּרייטע האָבן זיך צוגעקלעפּט דאָ און דאָרטן צו דער ערד, וואו עס גרינט שיפּוע-באַרג, אָדער שמאָלער טאָל — דאָס זיינען בעדוינער-געצעלטן אונטער בלויען הימל. אויפן האָרב פון קעמל און דראָבנעם אייזעלס רוקן האָט מען איבערגעוואַנדערט און זיך צוגעצויגן צום אָרט, וואו אינאיינעם מיט ארץ-ישראל-דאָרן איז גראָז אויפגעקומען, וואַנדערט זייער סטאַדע שאָף, שוואַרץ און ווייס און אַ סך, ווייס און רויט געפאַרבן, פאַר סימן, אָדער סגולה-וועגן — ער אַליין, דער גלייכער, טרוקענער, ברייט-אויגיקער, וואו עס צוויקט אַ שוואַרצע פאַרטייעטקייט — עס וואַרפט אומרו אָן אויף אים דער ברייטער, בלאָס-שטויביקער שליאַך, וואָס האָט אויף זיך אויפגענומען קאַנאָן, אונזער יאָרהונדערטס פאַרזעעניש. פון זיין בליק וועט נאָך שטענדיק אַרויסזינגען ארץ-ישראלס פאַרעלטערטע יוגנט.

שפּרייזט גלייך, מיט דער לערער דזשאָרע אויפן קאָפּ, זי, די טאָכטער אויסגעווינטשטע, צום קוואַל שפּרייזט זי, וואו זי וועט אַיינאייגלען אין רכילות-שנור אויך איר גלי, וואָס ברייט אַזוי אין שפּיגל צונג און שטעלט זיך אויף די ליפּן. — וואַרטן נאָך קריג אָדער דזשאָרעס אויף פרויען-קעפּ, ביים פאַרנאַכטיקן קוואַל.

אַ שלל פאַרבן, ביז לערקייט האָט האַנט דאָ אויסגעגאָסן פון אַ קרוג אין פאַרנאַכטיקער שעה, אויף שומרון — גאוודהדיקע געגנט, וואו נאָך איצטער קוועלט פון יעדן קוואַל אַרויס שנאה צו יעדן חלום בלאַסן פון אַ פרעמד-וועלטיקן, וואָס וויל דאָ אַ געצעלט אָנציען. דאָ האָט די זאַטקייט נאָך אירע אַיינוואוינער נישט אויסגעבראָכן. געדענקען אַ סך די שמאָל-בלעטערדיקע איילבערט-ביימער און, פון צייט פאַרבייטשטע שטאַמען, וואָס איינציקע וואָרצלען האָבן שוין לאַנג שטאַם פאַרלאָזן און צוריק זיך אומגעקערט, כדי זיך אַיינפלעכטן און אַיינקנעטן אין שטאַמס געעלטערטקייט. זילבער גיסט זיך פון גרינעם בלעטער-בויג און גרין שמעלצט זיך אויף זילבער-שפּרייט אונטער זון פון האַלבן טאָג.

אונטער אייגענער משא און זיסער זאַטקייט בינדט די שאָטנס נאָענט צו זיך דער פאַרעלטערטער און מיט יוגנט-עשירות אָנגעקוואָלענער פייגנבוים. פעטבלעטערדיק, דריי-ווינקלדיק אַיעדער שווע-

רער בלאַט, קילן זיי די רו האַלב-טאָגיקע, וואָס שלאָפט אין זייער שאָטן.

די צווילינג-בערג, גריזים און עיבל, האָבן זיך דאָ באַגעגנט. גריזימס ברכה און עיבלס קללה, ביידע זיינען מקוים געוואָרן. קללה אויף מענטש און ברכה — אויף דער מילדקייט פון מאַמע-ערד. ברכה האָט אַלע קוואַלן אויפגעעפנט. פון דאַנען זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן אויף אייביק אונזערע שבטים. און ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי עס וועט די שכם-ענגהאַרציקייט נישט בליען ווייטער פון אירע אייגענע גרענעצן. נישט מולדיק איז פאַר אונז געווען דער טאָל, וואו גריזים און עיבל האָבן זיך דורכגערופן איינער מיט קללה און דער אַנדערער מיט ברכה-שפּראַך. כאָטש די זאַטקייט איז יעקבס קינדער איבערגעענטפערט געוואָרן און מיט איר, אַפילו די קוואַלן, וואָס קומען פון אָפּגרונט און אַלע תבואות אויסגעזוניקטע — — — אוי, נישט מקוים איז געוואָרן יענע ברכה. און דעריבער בליקט אומפריינדלעכקייט פונם מענטשן, אַיינגעבירגערטן דאָ, וואו אויף קאָפּ רויטיקט זיך נאָך די רויטע פעס, אַ ירושה פון די צייטן, ווען אמונה און קנעכטשאַפט האָט אונטער סולטאַנס געבויגענער שווערד געבליט.

אויך נאָך איצטער שרייען די אפרים-בערג צו די יהודה-בערג און לעכצן נאָך יענע צייטן, ווען ברודער-האַס האָט אינאיינעם מיט שווערן טוי אַיעדע זומערנאַכט אַראָפּגענידערט. איצטער שפּילט אויך פון שומרון דער גוט-געפּרוווטער דאָרן, וואָס וועט טראָפּנווייז מאַכן בלוטיקן אַיעדנס באַנייטע האָפענונג. וויל שנאה-קנאה זייט נאָך איצטער אויך די באַמערקטע און פאַרהוילענע האַנט אין יענער געגנט, וואו תהום האָט די קוואַלן פאַר אונזער אויג נישט פאַרבאָרגן און וואו מיט ביימל זאַלבט זיך דאָס לייב אַיעדע לילית; וואָס וואַרפט אויגן צום באַרג עיבל:

„שעלט, שעלט די ניי-געקומענע, כאָטש איך בענק צו די ניי-געקומענע.“

* * *

אין יענע צייטן, ווען ארץ־ישראל־ערד האָבן פייערן פון איר שלאָף געטרייסלט, יעמאָלט איז איר פנים אויסגעפורעמט געוואָרן. אָבער ערגער איז געווען דער פעלקער־שטורעם, וואָס האָט דעם מענטשן געשיקט, ווי געשיקטן טיגער, און געלערנט צו שפּרינגען פון באַרג צו באַרג. בלענדעניש איז די סגולה פון ארץ־ישראלס רוימען. און ווער איז דען נישט געשלאָגן געוואָרן מיט בלענדעניש? אַפילו זון און לבנה האָבן דאָ דעם רוף פון מענטש געפּאָלגט און געבליבן הענגען איבער ארץ־ישראלס ערד צו זיין עדות פאַר שטרויעלעך און פלעווע, וואָס האָבן זיך אַריינגעדרייט אין ווירבלווינט.

פונדעסטוועגן איז דאָ געווען אין אַלע דורות די מאָגערע און פעסטע האַנט, וואָס האָט אַרום יעדן קוואַל די ערד צעאַקערט און געזייט, און צווישן שאַקאַל־געיאָמער און ביינאַכטיקן סאָווע־גרילץ אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט די איינגעגאַנגענע זריעה. אין גאַווה־האַנט האָט דאָ אָנגעצייכנט אָרט פאַר שטיין און מירמלשטיין־מצבות. סימנים פון מענטשנס שוואַכקייט. עס האָט ארץ־ישראל ביידן אַראָפּגעטרייסלט פון זיך. שטויב האָט פאַרטראָגן קינד פון פויער און אויך די מצבות פון רוימערס שטייפן באַפעל. אַפילו מצרים האָט דאָ נישט געקענט פאַרטרויען צייט אירע פאַרלאַנגען און אייביקייט האָט דאָ צו די קינדער פון חרטומים־לאַנד געפעלשט.

און מיר, וואָס האָבן מיר דאָ געלאָזן? וועמען זאָל איך פרעגן? יעדער שטיין וועט ענטפערן מיט אַ צינישן געלעכטער און אַיעדער דאָרן־בוים וועט ענטפערן: „פרעג דער סאָווע, וואָס קומט אַרויס אַרום האַלבע נאַכט אויסצושרייען אין חלל פון דער נאַכט איר געשריי.“

אויפן וועג קיין בית־לחם שטייט נאָך אַ קבר פון דער מוטער רחל. זי וועט זאָגן: „דיין מוטער בין איך געווען, נאָר איצטער בין איך אַלעמענס מוטער.“

נישט ווייט פון דאָרט איז נאָך פאַרהאַן דאָס וויגעלע פון אונזער בלאַסן וועלט־דערלייזער... אָ, אַלץ איז דאָ זאַט מיט יאָרן און שרייט סיי מיט חוצפה און סיי מיט טרערן־שטים צו אַיעדן

איינעם, וואָס איז מיט זיין ראָז־באַפּאַרבטן זיכרון אַהער געקומען.

און קינדער אונזערע, וואָס זיינען אַהער געקומען אויפן האָרב פון אויסגעדאַרטע קעמלען און פאַרנומען מיט זיך לויטערקייט אין וועג אַריין — זיי האָבן די קללה פון לאַנד אַרויסגערופן אויף אַ וועט, כאָטש תהום צו תהום רופט און וואָרנט: „לאָמיר אונזערע קוואַלן פאַר זיי פאַרבאָרגן!"

און איך האָב שוין געזען, ווי האַנט זיכערע — אונזער האַנט — ברעכט פאַרשווערונג און רופט קוואַל אַרויס צום לעבן:

„איך בין דיינער, שרייט דער קוואַל, ווייל דיין פייגנבוים האָט נאָך נישט געגעבן זיינע פייגן און דיינע טרויבן־הענגלען האָבן זיך נאָך נישט אָנגעגאָסן. וואַרט, וואַרט ביז דיין אייגענער פייער־פיבער וועט דורכברענען דיינע ביינער און טיפער וועט דיין פייער שניידן די רינגען אַרום די אויגן. נאָר וויס: דו וועסט בייקומען."

אַזוי הערט דאָס בלוט דעם געשריי, ווען ווייט אַהינטער בלייבן גריזים און עיבל. און ווען דער בליק גייט, העט־ווייט אַוועק ביז צו די שנייען אויף הרמון־באַרג, וואָס אין צפון־זייט, נידערן אויך די בליקן צום טאָל אַראָפּ, צום יזרעאל־טאָל, וואו עס טאַנצן, האַנט אויף אַקסל פאַרוואָרפן, און וויינען אויס פרייד, זין און טעכטער אונזערע.

ברכה און קללה, ביידע דערגרייכן אַהער, אַמאָל פון די נצרת־בערג אין צפון־זייט און אַמאָל פון גלבוע און תבור־בערג אין מזרח־זייט, וואו איבער אַלעמען שרייט די שטים פון אַרבעט און אונזער האָפענונג.

צום קלאַנג פֿון אַקער און גראָבאייזן.

אָנגעצייכנט האָט די יידישע האַנט עקשנותדיק אַ שנור לעבן איבער גאָר דעם לאַנד, וואו די וויסט האָט זיך געשפּרייט. וואו עס רעדט שטאַרקער ווילן און וואו — שטרויכלונגען, וואָס האָבן ווילן אומגעבראַכט און פֿאַרצערט.

יידישע ביימער, האָט די ערד צוגענומען זייערע וואָרצלען, ווי אַ געטרייע מאַמע אירע קינדער. און אויב פֿאַרבאָרגענע קוואַלן פֿאַרמאָגט נאָך די ערד, האָט זי נישט פֿאַרהוילן, כאָטש זי קאַרגט פֿאַר יידישער פּלאַנצונג. אַלץ איז אַרויסגעקומען פֿאַר מיינע אויגן אין שפּעטן פֿרילינג פֿון דער איינגעדאַרטער און מיט באַהאַלטענער חיות פּאַלעסטינער ערד. אַ יונג לעבן איז אויפֿגעקומען אויף אַן אַלט פֿאַרגעסענער, פֿאַרוואָרלאָזטער ערדישער בעט.

העל און טיף־גרין האָבן זיך באַגעגנט אויף יעדן פֿאַס פּלאַכלאַנד, וואו עס זילבערט זיך דורכן גרין עקאַליפּטוס — דער ייִדישער בוים, און וואו מיט זיין זאַפֿטיקן גרין קומט אויף דער אַפּעלסינען־גאָרטן; דער ווינט האָט געכוואַליעט דעם זאַנגען־אייבערפֿלאַך אין די ווייצנפֿעלדער און געגלעט די בלעטער אויף פֿרילינגדיקן ווינשטאָק.

ביים ראַנד פֿון מיטללענדישן ים ציט און פֿאַרנייגט זיך צו יהודה־בערג אַ שטראָם אַ גרינער — דאָס איינגעוואָרצלטע, באַזעסענע און מיט זאַטקייט איבערגעלאָדענע, פּריציש און האַלב אַריסטאָקראַטיש איבערגעזעטיקטע מיט אייגענער צופֿרידנקייט, די אַלטע קאָלאָניעס פֿון יהודה. שטאָלצירן מיט די צענדליקער יאָרן זייערע, וואָס דאָס לאַנד האָט ביי זיי פֿאַרנומען. און עס שווינדלט זיי פֿאַר די אויגן די ניי־אַריבערגעקומענע, וואָס שרייען מיט שפּראַך פֿון אידעאַלן און מיט ביטול צו דער אַלטער איינגעזעסנקייט.

עס האָט מיר אָבער דער וועג פֿאַרטראָגן צום טאָל, וואו די בערג אַרום פֿאַרנייגן זיך צום קלאַנג פֿון אַקער און גראָבאַייזן און צום געזאַנג פֿון די ניי־אַריבערגעקומענע. דאָס איז דער טאָל יזרעאל, וואָס ווי נאָר מען קומט אַרויס פֿון שומרון, די אַלטע ישראלס שטרויכלונג־נעסט, דערשיינט דער טאָל מיט זיין מיסטעריעזער ווי־דעראויפֿלעבונג, אַ שאַלנדיקער, אַנטקעגן דעם וואַנדערער, וואָס לאָזט זיך צו אים אַראָפּ פֿון די שומרון־בערג, מיט איינעם פֿון די אוראַלטע און איצטער צוריק באַנייטע שליאַכן.

אַלטער ווי אין פֿאָלקס־וועזן האָט איפֿגעבליט אין געשטאַלט פֿון יונגן ווילן און פֿאַרהפֿקרונג, ביז הענט־צעבלוטיקונג אין שאַרפֿן דאָרן און אין אייגענעם בלוט די פֿרייד אַרויסזעען.

וואָס איז עמק יזרעאל אין ליכט פֿון היינטיקער צייט? נישט זיינציקער, ווי מיט צווי, דריי און פֿיר טויזנט יאָר צוריק. ווי יעמאָלט, אַזוי אויך איצטער, וואַכן אַרום אים די בערג פֿון נצרת, גלבוע, תבור און כרמל. און ווי יעמאָלט, אַזוי אויך איצטער האָבן פֿון דער טיפֿעניש געשפּאַרט די קוואַלן, וואָס האָבן סיי ברכה און סיי סם אַרויסגעטראָגן צום איבערפֿלאַך. און איצטער אויך, ווי יעמאָלט, איז דער טאָל דער איבערבראָך פֿון לאַנד, אָדער די טויערן צום מזרח און צום מערב. אַיעדע פֿעלקער־ליידנשאַפֿט האָט זיך דאָ אויסגעגאָסן. נישט אומזיסט איז ער פֿון זאַטקייט אַריינגעפֿאַלן אין קראַנקן דלות און געוואָרן די היים פֿאַר אומהיימלעכקייט. אַלערליי בלוט האָט זיך דאָ געגאָסן און פֿעט געמאַכט דעם גרונט, גלייך ווי די שפּורן פֿון דעם שוואַרץ־גרויען לאַוואַ־שטיין און שטויב, וואָס האָט מתקן געווען דעם טאָל.

„די הינט וועלן לעקן אַחאָבס און איזבלס בלוט אין טאָל יזרעאל“, האָט דער צעשויבערטער אליהו געוואָרנט. נישט נאָר בלוט, גענוג פֿאַר הינט צו לעקן איז דאָ פֿאַרגאָסן געוואָרן. נישט איינמאָל איז דער קישון־שטראָם רויט געפֿאַרבט געוואָרן. דער אייגענער שטראָם, וואָס האָט זיך איצטער אַזוי באַהאַלטן באַשיידן צווישן די נישט־חנעוודיקע גראָזן, און דווקא אים, דעם טויזנפֿאַך פֿאַר־שאָלטענעם און צעטרעמפּלטן עמק יזרעאל, וואָס מיט זיין אָפּגע־לאָזנקייט האָט ער יענעם איינעם געוואָרנט: „וויך, וויך דו, מוטוילי־

קער! לאָז מיין פלאַך צום ווילדן גראָז און צום פאַרשאָטנטן אין זיין טונקל-ברוינעם געצעלט, בעדוינער און זיין שאָף" — דווקא אים האָט אויף אַ וועט אַרויסגערופן די דערוואַכטע יידישע ענערגיע, וואָס האָט הפקרדיק דאָ אַלץ געוואָרפן אין קאָן: יונגע יאָרן, גע-פליגלטן שוואונג און דעם גאַנצן גלות-אויפברויז פון די לעצטע יאָרן. וואָס געקענט — מיט זיך גענומען אַהער! אַלע זאַפטן פון פאָלקס-אָרגאַניזם, גאָר דעם גאַנצן דראַנג צו באַפרייונג פון דורותדיקער פאַריאָכונג, טרעטנדיק אויף גלות-האָפענונגען, זיינען זיי אַהער גע-קומען נאָך אַמאָל דעם טאָל אויפוועקן פאַר אַ נייער באַפעלקערונג.

* * *

צופיל איז די מיסטעריע פאַרצויגן איבער אונזער זיין, אַז קלאָר און רעאַל זאָל זיך קענען דערבליקן די צוגעזויגנקייט צו דער ערד, וואָס דאָ און דאָרטן דערשיינט צווישן אונזערע אין די לעצטע יאָרן. און געוויס קען איך נישט דערבליקן צו די פונדאַמענטן אונזערע, וואָס זיינען נאָך נישט אומגעקומען אין אונזערע טיפעניש, אויף וועלכע איך זאָל קענען שטעלן און אַריינבליקן אין דער צוקונפט פון אונזער פאָלק צווישן ראַסן און פעלקער איבער גאָר דער וועלט. אַז איך קוק צו אונזערע דאָ איצטער, צעזייטע איבערן עמק יזרעאל, וואָס האָבן שוין זייערע לאַגערן אויפגעשטעלט און וועקן די פאַר-באָרגענע כוחות פון דער מאַמע ערד, אַוועקשיינקענדיק איר זייערע אייגענע כוחות — איז דאָך עס אַ הייפעלע, וואָס איז אָפּגעראַטע-וועט געוואָרן פון גאָר דער וועלטס חורבן, נאָר דעם ווילן פון אַ גרויס און עקשנותדיק פאָלק מיט זיך פאַרנומען. פרימיטיווע כוחות און פרימיטיווע אינסטינקטן טוט אַ לאַנד געבוירן און וועקט צום לעבן אַ לאַנד. דאָס זיינען זיי, אַנטקעגן זון ברענענדיקער בייטאָג און אין קאַלטע טויען ביינאַכט.

פון הויכן באַרג, אַז איך קוק איצטער צום טאָל יזרעאל, ווי-ווייט מיין אויג דערקלייבט זיך רעכטס און לינקס צו די ריפן פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום דעם טאָל, זע איך אַזוי לויטער דאָס פעלד, ווי עס שפרייט זיך; ווי עס גיסט זיך איבער פון קאָליר אין קאָליר. פעלדער, פעלדער, העל-גאָלדיק, שמאַראַגד-גרין. זייער-

קאָליר ווערט דאָ און דאָרטן פאַרטיפט דורך אַ שורה עקאַליפּטוס־בּיימער, וויינגערטנער, אָדער ווילדער פייגנבּוים.

דאָס איז דאָך דאָס האַרץ פון אונטערשטן ג ל י ל, וואו, אין די רוימערס צייטן, האָט זיך דאָ געהאַרטעוועט עקשנות פון פאָלק. פון יעדן בּערגל אַרום טאָל קומען אויף ווידער די אַמאָליקע פעס־טונגען און עס גלויבּט זיך גאָרנישט, אַז דאָ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער ווילן פון פאָלק אויף אַ נאַציאָנאַלער הייך. ווען נישט דער גליל אין יענע צייטן, ווער ווייסט, צי בּכלל וואָלט זיך אַרויסגעצויגן דער קו־החיים פון פאָלק אין די שפּעטערדיקע דורות.

איצטער בּאַפּלאַנצט מען דעם טאָל, און איך שטעל מיר פאָר די כּוחות, וואָס גייען אַנטקעגן יעדן וואָרצל, וואָס יידישע האַנט שיקט אין דער ערד אַריין, יעדן קערנדל, וואָס ווערט פאַרזייט. שרייט פון וויטן דער רוף פון לעבּן און שווערע פראַצע און איך דערוויי־טער זיך דערוויַיל צו דעם זיך צו דערנענטערן. לאַנג וואָלט איך וועלן אַזוי בּלייבּן אין דער הויך און זיך צוהערן צום גאַנג פון מיינע אייגענע מחשבות, אַזוינע אומרויִקע, אַזוי פיינלעכע און ווייטע, וואָס דערנענטערן מיך צו די צייטן פאַרגאַנגענע.

די דערפלעך יידישע. נייע הייזער. דעכער רויטע. אַלע אין טאָל. אַלע צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, זעט עס מיר אויס פונדער־וויטנס. העט, קעגנאיבּער איז נ צ ר ת, די שטאָט, וואָס בּליקט צום טאָל אַראָפּ מיט אַ קאַלטער אויג און אפשר שיקט זי אַזוינע תּפילות צום הימל, וואָס זיינען די גיפט פאַר דעם טאָל, וואָס לעבּט אויף. יענע נצרת־בּערג, פון וואַנען דער נ ו צ ר י, אונזער בּלוט און פלייש, האָט אַראָפּגערעדט צו די, וואָס אין טאָל. פון פרידן האָט ער גערעדט. און וואָס האָט דאָס געמיינט אין יענער צייט? און וואָס מיינט עס נאָך איצטער אויך?

איך בּין זיכער, אַז די אַלע אין דער נידער, אין טאָל, וואָס איך זע פון וויטן, ווער עס גייט נאָך אַ סטאַדע קי, ווער עס ציט אַהיים פון דער אַרבּעט נאָך אַ טאָג שווערער פראַצע, ווער עס בּאַ־טראַכט די גערטעניש און ווער עס פלאַנצט אַרום זיין שטוב — זיי אַלע שטייען מיט די פיס אויף דער ערד, זייער ערד. ניין, נישט נאָך זייער ערד, נאָר אונזערע: מיינס און אַייערס! זיינען דורך זיי־

ער ווילן אויסדערלייזט געוואָרן. זיינען די, וואָס ווילן אין זייער
היימן דעם גאַנצן גלות פאַרנעמען און אַריבערברענגען אַהער. עט=
לעכע טויזנט זיינען זיי, נישט מער. אַלע צעזייטע איבערן גרויסן
טאָל, וואָס ציט זיך פון ברעג ים ביי חיפה ביז צום ברעג ירדן
אין מזרח=זייט. זיי טראָגן אין זיך דעם קערן פון אַ פאָלק אַ ניי
געבוירענעם און זיי הערן די טריט פון די ניי=אָנגעקומענע, גאַנצע
לעגיאָנען, וואָס קומען און קומען. זיי האָבן פאַרגעסן, ווי דער גאַנ=
צער יידישער כלל זעט אויס איבער גאָר דער וועלט. און איך,
וואָס האָב אין די לעצטע יאָרן געזען אונזער אינטערנאַציאָנאַלע צע=
שויבערטקייט, איצטער, שטייענדיק אויפן ראַנד פון די שומרון=בערג,
באַגרייף איך, פון וואַנען די כוחות האָבן זיך געזאַמלט אין פאָלקס=
פאַרבאָרגענע רעזערוואואַרן און פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען
כוחות צו פרישן ווידערשטאַנד.

* * *

איך ווייס, אַז מיר לעבן נאָך אין אַ דור, וואָס מענטש רייט
אויף מענטש און פאָלק פון פאָלק האָט נאָך קיין חשק נישט אַראָפּ=
צוקריכן. איצטער האָט געטראָפן, נאָך דער לעצטער וועלט=צערו=
דערונג, אַז די ריי טער האָבן זיך געביטן. און אונז האָט מען
אויך אַריינגערעכנט צו די, וואָס לערנען זיך רייטן אויף יענעמס
קאַרק.

איצטער קוק איך אויף דעם אויסגעשפּרייטן טאָל און אויף די
אויפגעגאַנגענע פעלדער און חברימדיקע הייזער, אַזוי נאָענט צו=
נויפגערוקט. איך ווייס אויך, אַז דאָ, אין טאָל, האָט אונזער פאָלק
זיין גבורה און אויך זיין שוואַכקייט אַרויסגעוויזן. פונדעסטוועגן
רופט צו מיר די גרויסע פרידן=שטימע פון דעם טאָל אַרויס. הלוואי
וואָלט איך געקענט מיין שטימע מייחד זיין מיט די קולות, וואָס
רייסן זיך צו מיר פון דער טיף. נישט קיין נבואה ווערט איצטער
מקויים. עס איז נישט פאַרהאַן קיין באַזונדערע דערלייזונג פאַר יידן.
די גאַנצע וועלט איז געווענדט פון דער דערלייזונג. עס האָט קיי=
נער פון אונזערע אַנדערש נישט געזען. און ווען מיר פלאַנצן איצ=
טער, ווייס איך דאָך, אַז נישט די ברכה פון פעלקער האָבן מיר

געקראָגן. אונזער רוף צו דער וועלט איז פֿאַרטויבט געוואָרן. אונזער וויי־אויסגעשריי איז ווייטער פֿון אונזערע ליפּן נישט אַריבערגעגאַנגען. איך קוק, ווי אונזערע האָבן זייערע הייזער אויפֿגעשטעלט אין אָפֿענעם טאָל. אָפֿן, אָפֿן אַרום. עס האָט נישט געוואוסט נאָך דאָס לאַנד פֿון דעם ביז איצטער. קוקן אַראָפּ פֿון שפּיץ בערגל דאָ און דאָרטן אַראַבישע דערפֿער מיט זייער צונויפֿגעדריקטקייט, מיט דער אַרומגעצאַמטקייט — פּחד, פּחד אָן אַ סוף רוט אַרום אַזוינע דערפֿלעך אויך נאָך איצטער אַוודאי. און אונזערע — אָ פֿ ע נ ע דערפֿער! אָפֿענע שטעט... עס וועט פֿרידן יעדן דאָרף און איעדע שטאָט אַרומרינגלען. אונזער צייט וועט פֿרידן אויפֿברענגען און וועט בליען אַרום איעדן יידישן דאָרף.

דער ברויט, וואָס גייט פֿון דער ערד, ווייס איך, איז ברודער־ברויט, און אויך דער טיש צווישן יענע הייזלעך איז אַ ב ר ו ד ע ר־ט י ש. עס האַלט מיר נאָך צוריק אַ האַנט אַ פֿאַרבאָרגענע. און אַזוי איז נאָך מיין פֿאַרלאַנג צו שטיין און קוקן, קוקן אַראָפּ צום טאָל און זען, ווי די נאַכט לאָזט זיך אויף אים אַראָפּ. אומהיימלעך ווערט קוקנדיק אויפֿן טאָל, צו טראַכטן פֿון ישראלס פֿאַרגאַנגענהייט. און ווער קען דאָס שרייען צו אַ פֿאַרגאַנגענהייט ווען אונזער ה י י נ ט בלוטיקט; ווען אונזער אומגליק־טאָל איז כמעט די גאַנצע וועלט איצטער. און דאָ, אין טאָל פֿון אַזויפֿל נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפֿעס, האָבן זיך פּיאָנערן אַריינגעשלייכט און אויפֿגעדעקט אַלע קוואַלן און ברודערן זיך מיט זיי. ווי וואָלטן די תּבֿואות אויסגעזען פֿונדערווייטנס אָן יענע קוואַלן...

ווייזט אויס: נאָך נישט פֿאַרהאַן דער ב ר ו ך־ב אַ ר ג, וואו פֿעלקער זיינען אונטער זייער אייגענעם בראָך אונטערגעגאַנגען, אַזוי עס זאָל קענען דער זשאַווער זיך איינעסן אין די ביינער פֿון אונזער פֿאָלק צו פֿאַרדאַרבן עס ביזן לעצטן לעבעדיקן נערוו. ווייל דאָ מישן זיך ווידער איבער אויף צוריק די בלעטער פֿון אונזער היסטאָריע. ווידער וויל אַ פֿאָלק זיך איינשפּאַנען אין שווערן שפּאַן, גרייט אויפֿצונעמען אויפֿן פּלייצע אַ נייע בייטש פֿון דער צייט.

דאָ האָבן זיי מיט קלאַנג פֿון אַקער און גראָבאייזן איבערגעשניטן ארץ־ישראל אויף צוויי, אין דער ברייט: מיט דעם גרינעם

שניט האָבן זיי דערנענטערט די טעג אין עבר אײַנגעזונקענע מיט די טעג, וואָס ווייזן זיך ביים ראַנד פון אַ נייעם פרימאָרגן. עס זיינען געגנוג נאָך אויפגעדעקטע שטרויכלשטיינער פאַרהאַנען, די שטיינער, וואָס שוין צוויי מאָל איז אונזער גאַנצקייט אויף זיי צעטרייסלט געוואָרן. דער גרינער שניט, וואָס צעשניידט די וויסט אויף צוויי — בלייך=שנעל האָט ער זיך אַריינגעריסן אין טאָל אַריין. דער גרינער צייכן, וואָס טיילט אָפּ באַרג פון באַרג מיט תבואה=פעלדער, אַפּעלסין און וויינגערטנער.

און ביז איך קום אַראָפּ אין דער נידער, אין טאָל יזרעאל צו זיצן ביי אַ ברודער=טיש פון די, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער וואַך ביי יעדן קוואַל, וויל איך דאָ נאָך אַ ווײַלע אויפן באַרג שטיין און דווקא דאָ אויך פאַרנעמען דעם קלאַנג פון אַקער און גראָבאַייזן ביי אַלע אַנדערע ראַנדן פון אונזער צעזייטקייט, וואו אַלטער ווי שמידט יונגן ווילן.

אַלטער ווי און יונגער ווילן האָבן ביידע זיך אײַנגעשפּאַנט אין יאָך, הלוואי צעאַקערן זיי אונזער לעבן און שלאָגן איבער די הענט די, וואָס ווילן זייען ווינט אין דער פריש צעאַקערטער ערד.

„ניט פאַר קיין זילבערשטיקער וועט איר אויסגעלייזט ווערן“.

יאָר נאָך יאָר האָב איך זיי באַגעגנט אויף וועלטס ברייטע שליאַכן און אויף זייטיקע וועגן. האָבן געשטעלט טריט אומגעדולדיקע, מיט האַרצקלאַפּ האַסטיקן. פייער האָט געגליט אין די אויגן פאַרטייעט און געצונדן אי פרייד, אי האַס אַרום די ווינקלען פון מויל. אָפטמאָל האָב איך פון אַ זייט געשפּירט זייערע שפּאָטישע בליקן: פאַראַכטונג צום גלות און גלות=יידן.

חלוצים — — —

מיט די וואָרצלען אויסגעריסן זיך און מיט וואָרצלען אויף פּלייצע פאַרוואָרפן, גרייט אין מאַרש צום נאָענט=ווייטן לאַנד, זיך איבערפלאַנצן און איינפלאַנצן. מוטער=שפּראַך פאַרדאַכט. געטראָטן אויף אונזער וואָרט. עקל=גרימאַס צו אַלץ, וואָס האָט גלות=פאַרב און קאָליר. אויך איך פרעמדע און ווייטע וואָקזאַלן האָב איך זיי באַגעגנט. איך האָב נאָכגעבליקט די, וואָס האָבן מיט בלוטיקער בענקשאַפט די צוגן באַגלייט:

„טראָג זיך מיטן ווינט צו כּף=הקלע — וועסט סיי=ווי פאַרוואָרפן ווערן אַהין, וואוהין מיר גייען אין קייטן געשמידטע. נאָר ווייס, מיר װעלן קומען פריער פון דיר!“

איצטער בין איך דאָ. איך טרעט אויף די אויסגעצעמענטירטע טראָטואַרן אין דער שטאָט; אויף די קאָנקריטענע וועגן, וואָס פירן פון שטאָט צו שטאָט און פאַרשטיקט קומט אַ באַקאַנטער האַרצקלאַפּ פון קאָנקריט אַרויס.

איך בין געקומען צו שפּעט, זאָגן מיר אַלע. איך ווייס, איך בין געקומען נאָך גאָר צו פרי. ווייל נאָך איצטער אויך, דאָ און דאָרטן, צי אין ירושלים, די אַלטע הייליקע שטאָט, צי אין תל=

אָביב, די יונג־אויסגעבּאָדענע שטאָט — דאָ און דאָרטן זיצן נאָך ייִדישע טעכטער אויף די בּערגלעך, אָנגעשפּאָלטענע גראַניט און האַמערן און האַמערן, צעבּרעקלען קליינע שטיינדלעך אויף נאָך קלענערע. די פּלייצעס בּאַוועגט זיך, נאָכן שוואונג פון האַמער און שטייען גיט זיך אונטער. אינאיינעם מיטן שטיין גיט זיך אונטער און ווערט צעשמאָלצן אין דער בּרענענדיקער זון די געפלי̈גלטע ליד אָן ווערטער. אויף יוגנטלעכן ווילן־כּוח קומט אַרויף איין קאָרע נאָך דער אַנדערער. פון אַלע ניגונים איז איינער געבּליבּן:

אויב נישט איך פאַר זיך —
טאָ ווער פאַר מיר?
ווען אַליין פאַר זיך —
וואָס בּין איך?
און אויב נישט איצטער — טאָ ווען דען?

נאָך איצטער אויך קוקן זיי מיט פאַראַכטונג אויף מיר און שפּאָט פאַרשווינדט נישט פון אַרום מויל: — גלות מענטש!

פלוצלונג וויל איינער בּיי מיר געפינען אַ בּאַשייד פאַר זיין אייגענער רעטעניש:

„זאָג, פון וואַנען איז דער כּוח מיינער, צו האָרעווען און ליידן הונגער? פאַרוואָס האָב איך נישט געקענט דאָרטן? די אייגענע הענט האָבּן דאָרטן נישט געקענט...“

ער שפּרייט אויס די הענט — צוויי פלאַכעס פון סענקעוואַטן האַלץ אויסגעטעשעט.

„אומזיסט, אומנישט זיינט איר געוואָרן פאַרקויפט און נישט פאַר קיין זילבּערשטיק וועט איר אויסגעלייזט ווערן.“ אוי, נישט מקויים איז נאָך דערוויילע געוואָרן יענער צוזאָג פאַר די, וואָס זיינען גע־קומען מיט דער ערד זיך בּאַהעפטן און אויסגעבּליבּן אין די גאַסן פון דער נייער שטאָט. ליידנשאַפט ברענענדיקע האָט די דאָזיקע געבּראַכט בּיז אַהער און אַנידערגעזעצט זיי אויף די בּערג אָנגע־האַקטע שטיינער. פאַר טרוקן ברויט און רעכט אויסצוזינגען אין דער הויך לידער אין אָנגעגליטן חלל; פאַר רעכט אומצוגיין אָפּ־געריסן, אָפּגעשליסן און פּרוּוון דעם בּאָרוועסן טראָט צום אָנגעגליטן

זאַמד; פֿאַר רעכט צו גיין פֿאַרלייגט האַנט־אויף־אַקסל דורך די גאַסן נאָך האַלבע נאַכט און זינגען דעם, שוין דורות־לאַנג, נישט אויסגעזונגענעם ניגון. פֿאַר דעם אַליין בלויז איז רעכט אַלץ מפקיר צו זיין.

* * *

האַק, האַק דעם שטיין אונטער דער ברענענדיקער זון!

און דער טעמפּער האַמער קלאַפּט און צעשפּליטערט דעם קאַלך־שטיין, אָדער טונקעלן באַזאַלטשטיין, האַמער־שפּראַך רעדט שטעכעדיק צו מיר:

— האַק־האַק, איר, וואָס שטעלט אָן דאָס פּנים, אַז גוי זאָל אין אים שפּייען — רעכט אויף אייך, ווען ווערים טאָטשען אייערע טריט!

— האַק־האַק, ווען מיין טאַטן האָט מען געקוילעט פֿאַר מיינע אויגן, זאָל איך גלויבן, אַז רחמים וועט דאָס בלוט דערוועקן ביים מערדער, רחמים צו מיר און מיין מאַמען דער וויסטער?

— האַק־האַק, און אַז איך האָב זיך געוואַלגערט אין וואַלד, געשימלט אין קאַלטן שוויים, וואָס פּחד האָט אויף הויט אַרויס־געטריבן, שפּירנדיק די אייביק־שנאהדיקע אויגן, ווי זיי נישטערן אַרום וואַלד; נאָזלעכער, וואָס ווילן מיין געביין דערשמעקן — איז דאָס קאַרג פֿאַר מיר געווען, אַז איך זאָל איצטער אָט־אָ־דאָ אויסזינגען מיין ליד?! עס איז מיין ליד!

— האַק־האַק, געשוואָלן קען ווערן אַ יעדע האָפֿענונג ביי אייך דאָרטן. איך האָב דעם גלות פֿאַרמשפּט. און הלוואי זאָלן אונזערע גאָר קיין תקומה נישט האָבן מער דאָרטן, כּדי אויף אַ ווײַלע נישט צו פֿאַרבלענדן די, וואָס חלומען זייער בלאַסן חלום פֿון מענטשן־ליבע און דערקענונג.

— האַק־האַק, „אַוואו איז ארץ־ישראל? אַוואו איז דערלייזונג?“ פֿרעגט מען אונז — כאַ־כאַ־כאַ, אָבער דאָרטן בין איך נישט מער... און קוק איך אויף אַהינטער, זע איך, ווי מיין טאַטע הענגט אויף אַ בוים מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג און פֿאַרשפּיצטער נאָז און

אַ שדל קרייזלט זיין גרויע באָרד, כאַ־כאַ־כאַ, אייביק וועט ער דאָרט הענגען און אייביק וועט דאָס שדל קרייזלען זיין גרויע באָרד.

פרעגט אַ מיידל, אויך מיט האַמערס טעמפּן קלאַפּ אויף שטיין. זי פרעגט ביי מיר: „פאַרוואָס קוקן די הימלען איבערן גלות רויט און בלוטיק און די הימלען דאָ, איבער מיר — בלוי און לויטער? ווייך איז מיר אַזוי צו זיצן אויפן באַרג צעקרישלטע שטיינער אונטערן בלויען הימל — האַק־האַק, אויף שפּליטער צעשפּליטער זיך, שטיין!"

לאָזט זיך איבער ארץ־ישראלס וועגן; פון אומעטום וועלן אַרויסקומען צו אייך בחורים און מיידלעך — אייביקע בחורים און מיידלעך — כאָטש שוין מאַמעס און טאַטעס. שווער געוואָרן די אָרעמס, שווער געוואָרן די אַקסלען, שווער די פיס, ביז די קני אַנטבלויזטע. זון ברענט, ברענט די נאַקעטקייט און קען נישט פאַרברענען. הונגער נאָגט, נאָגט און קען נישט פאַרדאַרבן.

איך ווייס, איער האַנט האָט געבענקט צו האַלטן האַנט פון אַקער און ריכטיקן זיין וועג. איך ווייס, אַז דער דאָזיקער פאַרלאַנג זידט אַרויס פון אונזער בלוט איבער גאָר דער וועלט שוין אַ גאַנצן דור, און אייך האָט דער דופק שטאַרקער געשלאָגן. און נישט די געבענטשטע צייט איז געווען. נישט באַשערט איז אייך אַלעמען די פרייד פון אַקערן און זייען. בויער זייט איר געוואָרן, מויערער זייט איר געוואָרן. איערע הענט האָבן געמאָסטן פון פונדאַמענט ביז צום דאַך. געבויט, געמויערט, ביז גאַנצע גאַסן אויסגעשטעלט, געפליאַסטערט, געפליאַסטערט און גאַנצע שטעט אויסגעפליאַסטערט — און אַזוי געבליבן אונטערן הימל מיט אַ ליד אַ הפקרדיקע און מיט אַ נאָגעניש אין האַרצן.

ווער קען באַדויערן איער גורל און זאָגן: „דאָס איז דער וועג פון לעבן. אַזוי באַדאַרף עס צו זיין. אַזוי ווערן קרבנות געבראַכט."

ווער זאָגט עס, אַז קרבן איז יענעם מתקן, און אַליין פאַרברענט? איינעמס הימלען לייטערן זיי אויס און דעם אַנדערן — זאָל שטיינער פאַלן אין קאָפּ? אָ, דאָס איז דער גרויסער טרויער, וואָס זיפט זיך אינאיינעם מיט די מחשבות און ווי אַ דאָרן שטעכט

עס אין וועזן. איר האָט אַייער גורל געגומען אין אַייערע הענט. איר האָט דאָס לאַנד אויסדערוויילט. איר באַשיידט אַ חלום מיט אַייער אַרויסהענגען דאָס לעבן צו דער נויט, מיט דעם האַט צום גרויסן כלל; גלות=כלל. אונזער ווי האָט איר אַיינגעזאַפּט אין איר ווילט אים איבערזינגען און איבערשרייען. אויך אין האַלבער נאַכט, ווען אַייערע שטימען און אַייערע טריט וועקן ארץ=ישראלס ווייסע נעכט אין די גאַסן פון דער, דורך אַייערע הענט ניי=געבויטער שטאָט, בין איך וואַך צו אַייערע טריט און צו אַייער געזאַנג. נישט נאָר אַייך אַליין האָט מען געשאָלטן: „הייזער וועט איר בויען און וואוינען וועלן אַנדערע אין זיי...״ די קללה פאַלט איבערן קאָפּ פון די בויער איבער גאָר דער וועלט, און זאָל עס אויך אַייער טרייסט זיין.

* * *

נישט גרינג איז דאָ אָנגעקומען אַפילו די, וואָס האָבן שוין דערשפּירט זייער לאַנד און היים און די וואָרצלען זיינען אין אַלט=יונגן לאַנד פאַרפלאַנצט. זיכער איז אַייער קאַפּריז דער צענטער, וואו נישט נאָך איינמאָל וועט אַ פאָלקס=וועזן און מהות זיך צעטרייסלען און ווידער גאַנץ ווערן. ווייל די, וואָס האָבן פאַרמשפּט אונזער פאָלק צו נע=ונד זיין, די, וואָס האָבן צוגעטראַכט גלות פאַר אונזער היים — די האָבן אויך אונז אונטערגעלייגט די שטיינער צוקאָפּנס.

דאָך, קומען שוין ברויטן און וויינטרויבן פון אייגענע גערטנער און פעלדער און דאָס איז אויך אַייער חלק אין דעם טרוקענעם לאַנד. ארץ=ישראל איז דער וועלטס צענטער געווען אַזויפיל דורות און יידנס אויסגעדאַכטע היים. און ווער עס וויל אַ חלום פאַרוואַנדלען אין וואָר, דער באַדאַרף זיין לעבן שטעלן אין קאָן. און איצטער, מיט אַייער פאַרלייקענונג דעם גלות — פאַרלייקנט איר גאָר די וועלט. אין דעם אָ זועג האָט איר אַייער שטאָלץ און אַייער האַרטנעקיקייט אַיינגעשטעלט אין קאָן און ווער קען אַייך זאָגן, אַז אַייערע טריט זיינען פאַלש, ווען אַפילו געשטרויכלט?

ווי־געשריגן, אונזער פאָלק איז געוויינט צו ליידן אָן אַ זין. ליידן פאַר עמעצנס בייזן ווילן און קאַפּריז, און דאָס, וואָס ביי אַנדערע הייסט א י י ג ע נ ע ר אויסוואַל — דאָס איז פרעמד דעם יידישן פאָלק. צ ו פ אַ ל איז געזעץ פאַר אונז און נ אַ ט ו ר איז אומבאַגרייפלעך. דעריבער איז אומבאַגרייפלעך אַייער רוף פון בלוט, וואָס רופט צו נעמען גורל אין האַנט און באַפעלן און דיקטירן.

איך האָב גענוג געזען, ווי די נאַטור פאַרשטייט איר קעגנער און ווי פון יידן האָט זי געמאַכט חוזק. איך האָב גענוג געזען, אַז דאָרט, וואו עס קומט אויף לעבן, תחית המתים, האָבן אונזערע זיך געשטעלט אויף דער זייט פון קדושים. און מער פון אַלץ האָט ביי אונז געהאַט אַ ציל דאָס ליידן אָן אַ ציל. און יעדע קלאָרע ליניע — איז די, וואָס פירט דורך אַ יסורימדיקן און פאַרדאָרנטן שטעג. דאָ הער איך ווי־געשריי מיט געזאַנג געמישט. אַ געזונט פאָלק, וואָס שפּרייזט מיט אַ געדרייטן דאָרנדיקן שטעג. דאָס איז דער אויסדערוויילטער וועג געוואָרן פון די געציילטע דאָ. אין איין לאַנגער שורה זע איך די פאָדערשטע, וואָס האָבן דערגרייכט צו זייער אָנגעצייכנטן פונקט, צי אין די פעלדער פון יהודה, אָדער אין ווייטן גליל און אויך די — וואָס שטייען ווייט, ווייט אַהינטער, ביים סאַמע ראַנד פון לאַנד און כוואַליעס וואַשן זייערע טריט. דער רוף פון פרעמדע שיפן וועקט די אויסגעבליבענע און ווייזט ווידער אָן אויף אַלע גלות־לענדער. איצטער איז די צייט, וואָס מיט געוויין פאַרלאָזט מען ארץ־ישראלס ברעג; ווער מיט צוזאָג צוריק צו קומען און ווער עס שעלט די שעה, וואָס דאָס מזל האָט אים אַהער געבראַכט. ווער קען אַ וואָג און אַ שאָל אויפשטעלן, וועגן און מעסטן, פאַר וועמען פעלד האָט באַדאַרפט וואַרטן, אַ פעלד מיט שווערער פראַצע, און פאַר וועמען עס האָט געוואַרט אַ באַרג שטיינער, וואו שטיינהאַקער פרעגט ביי זיינע הענט: „פון וואַנען איז די גבורה און פון וואַנען דער־אָ געדולד?“

עס איז דאָך דער פינסטערער דור און ליכטיקער דור, אין וועלכן מיר בענטשן אונזערע טעג און פאַרשעלטן אונזערע טעג. עס איז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט, וואָס האָט דאָס יידישע פאָלק אַרויסגעשטעלט אין איין עק וועלט הפקר פאַר אַלע ווינטן און

אין דעם אַנדערן עק וועלט — נעמט אַ האַנט זיי צוזאַמען. און נאָך קיינמאָל, קיינמאָל איז דער ווי נישט געווען אַזוי ברוטאַל צו די, וואָס זוכן באַשייד און חשבון פאַר צופאַלן, וואָס שטויסן אונז צו אויפגאַנג און אונטערגאַנג.

„אַלע וועגן פון יידישן לעבן פירן קיין ארץ־ישראל".

און ווי זאָל איך עס אָפּלייקענען איצטער, אויב עס זאָגט מיר אַ מיידל, אַזוי צאַרט און אַזוי אָפּגעצערט, וואָס האָט איר יוגנט אַרויפגעבראַכט אויף דעם נייעם מזבח — אויף אַ באַרג אָנגעהאַקטע שטיינער און אַזוי גערן איז זי מקריב איר יוגנט?

„אַלע וועגן פון יידישן לעבן פירן קיין ארץ־ישראל." דאָס זאָגט איך, דער חלוץ, וואָס גראָבט די ערד און טריקנט די זומפּן אַרום ים כנרת, דער, וואָס מאַלאַריע־פיבער האָט שוין דורכגעטרייסלט אַיעדן ביינדעלע זיינעם און אַדורכגעבריענט אַיעדן נערוו זיינעם.

וואָס איז דער פּאָדים, וואָס בינדט צונויף די־אָ אומצופרידענע שטיינהאַקער אויף די וועגן, וואָס פירן פון שטאָט צו שטאָט, — וואָס איז דער פּאָדים, וואָס בינדט זיי מיט די דאָזיקע, וואָס גראָבן די ערד אין זייער אייגענעם פעלד, פאַרשרייענדיק מיט געזאַנג־קדחת, וואָס פרעסט דאָס לייב? דאָ אין לאַנד האָט עס איין זינען פאַר דעם, וואָס שטייט און קוקט פון דער זייט:

אַלע, אַלע בויען זיי אַ וויסט לאַנד. אַלע, אַלע גלויבן זיי, אַז דאָס טרעטן זיי דעם וועג פאַר אַ געזונט פאָלק, וואָס דאַרף קומען אַהינטער זיי. זיי טוען עס נאָך אַלץ מיט פייער אין די אויגן און האַס אַרום די ליפּן. פאַר זיי איז ארץ־ישראל נאָך נישט באַבויט און נישט באַוואוינט, נישט צעאַקערט און נישט פאַרזייט.

אויף זיי און נאָר אויף זיי האָט דאָס לאַנד געוואַרט.

די פרייד פון מדבר.

גיין, נישט דער ארץ־ישראל־איינגעבארענער מענטש פרייט זיך מיטן יידנס צוחקקום. נאר דער מדבר האט אויף דעם יידן געווארט. די טריקעניש האט זיך צוגעהערט צו זיין דערנעענטערונג. צעשראקן שטייט דער אראבער. ציט זיך אויף די שפיץ פינגער און קוקט צום ים ארוים, אויב שיפן קומען אן, וואס ברענגען די, מיט געזאנג אריבערגעקומענע.

בר־כוכבא האט מיט זיך פארנומען די יידישע שווערד אייף אייביק. דער בעל־החלומות, דוד הראובני, וואס האט געוואלט שארפן די קאטוילישע שווערד, צו גיין אפנעמען ארץ־ישראל פון די טערקן — זי איז פארנעפלט געווארן אין סיגופים און תפילות. פון דער קאטוילישער שווערד איז קיין יידישע נישט געווארן. ווייל צו קיין נאציאנאל־יידישער שווערד בענקט נישט די יידישע נשמה. און דאס איז אונזער קיום צווישן פעלקער און דאס איז אונזער זי־כערקייט אויף די קומענדיקע דורות.

ארץ־ישראל איז פאטאל געווען פאר יעדן, וואס האט מיט שווערד זי איינגענומען. די, מיט ביימל־פרומע אויסגעשמירטע ענג־לישע שווערד, וואס האט ארץ־ישראל אפגענומען פון טערק — איז א רינג פון א לאנגער קייט פון שטרויכלונגען. פארהאן טאקע אנ־דערע בריטישער, וואס פארכטן און גלויבן, אז נישט היימלעך וועט זיין דער סוף מיט דעם ארץ־ישראל־זיג; פארכטן, הלמאי האט מען מיטן יידן שותפות געמאכט: „וואס האט דער ייד ארייגצולייגן אין עסק ביים זייט פון דער גרעסטער אימפעריע פון אלע צייטן?“

דער ייד גייט אום מיט דעםווארט גאולה אויף די ליפן, מיט דעם ווארט תחיה אויף די ליפן: „יידישע דערלייזונג און מיט איר — וועלט־דערלייזונג...“

״ ענגלאַנד האָט זיך אויך אין מאָמענט פון בלוטיקער פרייד אָנגעשפּאַרט אין די גרויסע צוזאָגן פון אונזערע נביאים און אַזוי באַחנט האָט דאָס יידישע פאָלק יעמאָלט אויסגעזען מיט דעם דורות-דיקן מזרח-צייכן אויפן שטערן. די גוטע אין ענגלאַנד באַטראַכטן עס נאָך איצטער אויך פאַר אַ נבואה; די בייזע — פאַר אַ בייזן וויץ; פּאָליטיקער — זיי האָבן געדולד. און וואָס בריטישע פּאָליטיקער קענען דורכבליקן דורך דער יידישער האָפענונג, איז פאַר אונז, מיט אונזער האָפענונג שווער צו וויסן.

די יידן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהער, צו ארץ-ישראל, האָבן די שטיינער געהאַלזט — זיי האָבן דאָ דעם תיקון געפונען. אין זייערע אָרעמס האָט דער שטיין אויך זיין תיקון געפונען. מדבר און קינד פון ישראל — זיי האָבן זיך דערקענט. האָבן זיך פאַרטרויט איינס דעם אַנדערן. געציילטע זיינען זיי דאָ און צו געציילטע האָט זיך ארץ-ישראל איבערגעגעבן. וואָס מען פאַרלאַנגט — דאָס באַקומט מען. קיין סך זאָל מען פון ארץ-ישראל נישט פאַרלאַנגען. מילך און האָניק איז אין היינטיקן יאָרהונדערט באַשיידן. מילך און האָניק פליסט שוין דאָ און דאָרטן און די פרייד פון מדבר איז גרויס. נאָר דער מענטש, דער ארץ-ישראל-איינגעבאָרענער — אין אים וואַקסט די אומה.

* * *

דאָ האָב איך געזען, ווי איינער פון די נייע הערשער, אַ בריטישער, האָט געשלאָגן איבערן צורה אַ קינד פון לאַנד. פאַרוואָס פאַר אַ זינד, ווייס איך נישט. און געדאַכט האָט זיך מיר: קיינער, קיינער, נישט הימל און נישט ערד באַדויערן עס נישט. זיין נישט ווערן זיך האָט געקענט מיינען: „אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין, דורות-לאַנג שוין, אַז דאָס פּנים האָט אויף אַזוינס געוואַרט. פריער האָט עס געטאָן דער טערק און איצטער — בריטישער.“

נאָר, אַז איך האָב געזען, ווי אונזערער אַ שומר-יונג האָט מיטן פויסט געשלאָגן אין פּנים אַ קעמל-טרייבער (פאַרוואָס פאַר אַ זינד, האָב איך אויך נישט באַגריפן), איז דערביי געווען אַ יידישע טאָכטער, וואָס בשעת-מעשה האָבן טרערן געוואַשן אירע באַקן.

דאָס האָט שוין געהאַט אַ באַדייט. אַ באַדייט אויף די קומענדיקע טעג און רעכט — צו קומען אַהער און טריקענען זומפּן, צו פאַרטרייבן קדחת פון לאַנד, צו פלאַנצן עקאַליפּטוס־ביימער אויף דעם אָרט, וואו יעדן וואָרצל, וואָס האָט זיך פון דער ערד אַרויסגעשלאָגן, האָט מען דורך אַלע צייטן אויסגעוואָרצלט. דער ייד איז געקומען מיט עקאַליפּטוס־קערנער און געפלאַנצט, וואו זומפּן זומפּיקן זיך און קראַנקהייטן פּרוכפּערן זיך. האָט דער אַראַבער דעם בוים אַ נאָמען געגעבן: דער יידישער בוים. אויך אים, דעם יידישן בוים, האָט פיינט דער אַראַבער. ווייל צו שטאַרק וועט זיין דער וואָרצל, דער יידישער, און נישט אַזוי גרינג וועט מען אים קענען אויסוואָרצלען. דאָס האָט אויך אַ טיפן באַדייט פאַר דעם, וואָס זוכט אמתן אויף אַזאַ־אָ פעלד; ווי עס האָבן אַ זינען די פאַראַנאָסענע טרערן פון אַ יידישער טאָכטער, ווען אַ ייד הויבט אַ האַנט צו שלאָגן, אָנשטאָט צו פלאַנצן פרידן, וואו נאָר פרידן באַדאַרף ווערן געפלאַנצט.

ווייל עס איז קלאָר, אַז אַלע כבישים, קאָנקריט־שליאַכן, וואָס ענגלאַנד ציט דורכן לאַנד און שלעפּט זיי פון גרענעץ צו גרענעץ, וואוהין אונזערע בויער האָבן זייער כוח אַריינגעלייגט (שטיינער פאַר די שליאַכן האָבן אונזערע מיידלעך אונטער דער ברענענדיקער זון געשטויסן) — זיכער, אַז אויף די דאָזיקע שאָסייען וועלן ציען אַרמייען מיט זייער צעשטרונגס־קראַפט. קיין אַנדער צוועק דערווייל פאַר די איצטיקע הערשער האָבן די דאָזיקע וועגן נישט, כאָטש איצטער וואו נאָענט צום ישוב ציען אויף זיי די קעמלען מיט תבואה אָנגעלאָדן אויפן האָרב, צי עס ציען די וועגענער געשפּאַנטע מיט מויל־איזלען, צום שייער תבואה פון יידישע פעלדער. ניין, נישט דעם מדבר האָבן דערפרייט די דאָזיקע קאָנקריט־וועגן. אַזוי שטייף און טרוקן זיינען זיי צום געמיט פון לאַנד, ווי האַרט און טרוקן זיי זיינען פאַרן ברייטן פוס־טראָט פון קעמל מיט זיין משא אָנגעלאָדענער.

איך האָב געזען אונזערע אַ שורה אין עמק־יזרעאל ביים גראָבן אַ גראָבן, אַ מאַן די טיף און אפשר צוויי מאַן די ברייט. אין אַ געגנט אַ זומפּיקער האָבן זיי געגראָבן, כדי אָפּצוציען די וואַסערן

פון זומפּ, און דערמיט אויסראָמען די מאַלאַריע און געזונט מאַכן די געגנט, וואָס האָט דורך דורות געפּלאָגט דעם דורכגייער אַפילו — איך האָב באַטראַכט די לאַנגע שורה גרעבער, אַ קילאָמעטער לאַנג, אין אָנגעגליטן טאָג האָבן זיי מיט פּיקעס געהאַקט דעם באָדן און אַרויסגעוואָרפן מיט גראָבאַייזנס די ליימיקע ערד. אָ, וויפל יידישע ענערגיע איז שוין איינגעזונקען געוואָרן אין די ארץ־ישראל־זומפּן, וויפל בעכן שווייס זיינען פון גענוג מידע קערפּערס און אויסגעצערטע פּנימער אָט־אָ־דאָ, אין עמק, צי אין אַנדערע געגנטן אויסגעגאָסן געוואָרן! און דאָס טוט מען מיט פאַרלייקענונג און מיט פרייד — ביידע אינאיינעם. דאָס טוט מען מיט קללה אויף די ליפּן און דאָך — מיט אַן אומבאַוואוסטזיניקער באַפרידיקונג, געזונט מאַכנדיק אַ קראַנק לאַנד: שלוחים פון אַ פאָלק אַן אויסגעטראַכטס!

און צו זיי פאַלן די בליקן פון אַלע בערג־שפּיצן, וואו עס זשאַווערן די אַראַבישע דערפער. וואָרענונג אין האַרצן ביי די אויף די בערג, און קללה אויף די ליפּן. און צו טאָן אַזאַ אַרבעט, צו בויען אַ וויסט לאַנד, באַדאַרף זיך די יידישע מי און איבערגעגעבנקייט שיצן אונטער ענגלאַנדס האַרטן פויסט. ווי האָט עס אונזער מזל אַזוי חוזק געמאַכט צום טויזנטסטן מאָל?

פאַרפאַלן, קיינער וועט נישט אָפּווענדן דעם יידישן נאַציאָנאַלן אָטעם פון ארץ־ישראל. פאַרזיגלט. דער מהות פון פאָלק איז דאָ, אין דעם איינגעדרעמלטן און אָנגעגליטן געמיט פון מזרח־מענטשן. אַ קליינער וואולקאַן איז דאָ, וואָס קען די לאַווע זיינע וייט, וייט שליידערן. און דאָך איז דער אָטעם פון פאָלק דאָ ערגעץ. אַזוי אָפּט קומען דיר אַנטקעגן אייגענע, אייגן בלוט און פלייש, בעדוינער, צי די פעלאַכן, די פויערים און דו דערקענסט אין זיי אייגן בלוט. געוויס איז אונזער בלוט דאָ איבערגעבליבן געוואָרן, ניצול געוואָרן פון אַלערליי פייערן. אונזערע אויגן, אונזער בויג מיטן האַנט, אונזער תנועה און אונזער ניגון. ווער וועט אויפרייסן דעם פאָרהאַנג, וואָס טיילט אונז דאָ פונאַנדער?

פאַרוואָס ווערט אַלץ דיקער די וואַנט, וואָס טיילט אונז פונאַנדער? טיפער דער תהום, וואָס צעשיידט אייגן בלוט? מדבר פרייט

זיך און עס פרייט זיך נישט דאָס פאָלק, וואָס האָט באַדאַרפט אויסשטרעקן אַ האַנט און בענטשן די אַריבערגעקומענע...

מיר איז שווער אַריבערצוגיין צו רויקע באַשרייבונגען. דאָס, וואָס איך באַגעגן דאָ אין לאַנד, רעגט און באַאומרויקט. און ווייל איך האָב דערקענט דעם מזרח־מענטשן און דערשפירט אין זיך אַליין זיינע שפורן, דעריבער זיינען די מחשבות אומרויקע. און עס ווילט זיך, פאַר זיך אַליין אויפברענגען אויף די ליפן הויך און קלאָר דאָס, וואָס איך האָב אפשר נישט געדאַרפט טאָן: אויב מיר געהערן צו ארץ־ישראל מיט אונזער מהות, יעמאָלט איז ענג־לאַנד דאָ איבעריק....

און פונדעסטוועגן האָט דער, וואָס באַדאַרף אין ענגלאַנד אַ־ויס־זאָגן אין דער עפנטלעכקייט אַ מיינונג, אַזוי געזאָגט: „די יידן באַ־דאַרפן אונז אין ארץ־ישראל, אָבער מיר, אָן די יידן, וואָלטן אויס־געקומען".

אונזער כלל פאַרלייקנט עס. און ווי קען מען פאַרהוילן דאָס, וואָס איז פון יידישע הענט סיסטעמאַטיש אָפּגעטאָן געוואָרן דאָ אין לאַנד? אויב נישט יידישע הענט — וואָלט עס נאָר דורך אַ נס געקענט געשען. ווייל איך קען יידישע הענט איבער גאָר דער וועלט און איך ווייס, וואָס זיי זיינען ביז איצטער מסוגל געווען צו טאָן. איך קען דעם יידישן מטושטשדיקן ווילן און די פרוכט פון אַזאַ ווילן האָב איך גוט באַטראַכט. און דעריבער איז פאַרצווייגטער דער טרוי־ער, ווען איך געפין, אַז בלויז דער מדבר פרייט זיך דאָ מיטן אָנקומען פון יידן קיין ארץ־ישראל, נאָר נישט דער מענטש, דער ארץ־ישראלדיקער, וואָס קראַנקהייטן, הונגער, דערשלאָגנקייט פרעסן זיין גאַנצן וועזן.

* * *

די פרייד פון מדבר איז באַשערט דעם יידן, כאָטש איך דאָ, ווי איבער גאָר דער וועלט, רייסט זיך דער ייד שטעט צו בויען. נאָר דאָ אין לאַנד, וואָס מען זאָל נישט בויען, ווערט חורבן אויפגעריכט. חורבן איבער חורבן האָבן דורות דאָ איבערגעלאָזן.

שטאָט איבער שטאָט אין דער טיף פארזונקען. אונטער אַ יעדן זאַמד־באַרג וועט מען אַ שטאָט אויסגראָבן. ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד, וואו דעם מענטשנס פאַנטאַזיע האָט דורך אַזויפל צייטן געבויט שלעסער אויף שלעסער. זיבן, צי אַכט הונדערט טויזנט זיינען די, וואָס קוקן מיט שרעק צום אָנקומען פון יידן אין לאַנד אַריין, און אינגאַנצן אַ פינפטל פון דעם זיינען יידן דאָ. און פון הענט, וואָס זאָלן זיך אָפגעבן שלום — אַראַבער און יידן — פון דעם איז נאָך דערווייל קיין סימן נישטאָ. דאָס איז אונטער שלאָס, ווייל אַ שטאַרקערע האַנט וואַכט, אַז דאָס זאָל נישט אַריבער די גרענעצן. לעבן מיר אָבער אין אַ צייט, וואָס ארץ־ישראל איז נישט דאָרט, וואו אויף דער מאַפע אָנגעוויזן. ארץ־ישראל איז ווי אַ שטויבעלע, וואָס ווערט נאָך געשליידערט פון קאַפריז צו קאַפריז. אויף ארץ־ישראל קען יעדעס פאָלק זאָגן; די גאַנצע וועלט, וואָס באַטראַכט אונז פאַר פרעמד ווילדפלייש — אַלע קענען זאָגן: ארץ־ישראל איז מיינס און די יידן — „זיי זיינען די, וואָס באַדאַרפן אָנקומען צו אונז, אָבער צו זיי — באַדאַרף קיינער נישט!"

און ווען איך הער, ווי דער מדבר זינגט צוליב אונזער צוריקקער, כאַפט עס מיך אַרום אָפטמאָל אַ ציטער, ווי שטייענדיק פאַר אַ תהום. ווייל אין ערגעץ האָט אונזער פאָלק אַזויפיל נישט ריזיקירט, ווי דאָ, אין ארץ־ישראל; אין לאַנד פון ישראל. מיר האָבן געטראָפן אין דער רעכטער אויג פון וואָס פאַר אַ פאָלק איר זאָלט נישט אָנרופן. קריסטלעכע פעלקער, מאַכמעדאַנישע פעלקער — אַלץ איינס. און געטראָפן אין אויג פון ענגלאַנד גופא. הלוואי זאָל עס די צייט נישט באַווייזן. דעריבער, ווען איך פאָר דורכן לאַנד, און מיין אויג שלאָגט זיך אָן אין די דערפער, אַנטלאָפענע אויף ארץ־ישראלס בערג און בערגלעך, אַראַבישע דערפלעך, וואָס קוקן אַראָפ צו דער מאָגערער געגנט אַרום, ווען איך זע די פרויען מיט די גרויסע קריג אויפן קאָפ, ווי זיי לאָזן זיך אַראָפ צו אַ וויטן קוואַל נאָך וואַסער, און ציען שפעטער מיטן וואַסער אויפן קאָפ צוריק, באַרג־אַרויף, אין דער צייט, וואָס אונזערע האָבן שוין אַזויפיל קוואַלן געזונט געמאַכט, אַזויפיל פאַרשטאָפטע קוואַלן אויפגעעפנט— ווייס איך, ווי ווייט נישטיק מיר קענען דאָ בלייבן צוליב עמעצנס

קאַפּריז, בעת דאָס לאַנד וועט בליען און געטריי ווערן צוליב יידנס דורותדיקער אָנגעזאַמלטער ענערגיע.

ווייל דאָס, וואָס יידן טוען איצטער אין ארץ־ישראל, האָבן זיי נישט געטאָן זינט דעם לעצטן פון יידנס בעסערע און קלי־גערע הערשער. די בענקשאַפט צו אייגענעם באָדן אונטער די פיס איז געווען שטאַרק געווען אין אַלע צייטן. נאָר דער דעראָבערונג־דמיון איז געווען שוואַך. משיח — מיינט נישט דעראָבערונג. משיח וועט דעם וואונדער באַווייזן: איינס דעם אַנדערן וועט קומען אַנטקעגן. די מתים וועלן זיך קייקלען אונטער דער ערד קיין ארץ־ישראל. די לעבעדיקע — אויף אַ פאַפירענער בריק. דאָס קליינע לאַנד וועט זיך אַליין צעציען, ווי אַ הירשן־פעל.

נישט גלויביקע זיינען די, וואָס האָבן זיך מיט ענגלאַנד באַ־וויזן האַנט ביי האַנט. אין ענגלאַנדס רוף דערקענט אַ משיח־רוף. דער כורש־רוף האָט זיך געטראָגן דורכן לעבן. און כאָטש די די מלחמה פון גוג און מגוג האָט זיך אָנגעהויבן — נאָר נישט מקוים איז געוואָרן דאָס, וואָס קראַנקער דמיון האָט אויסגעדאַכט. ווייסע אייזעלעך זיינען געגוג פאַרהאַן אין ארץ־ישראל. אויף זיי פאָרן אויך יידן אַרום. נאָר אַהער אין לאַנד אַריין איז קיינער אויף קיין אייזל נישט געקומען. וואַקסט קיינעם נישט פון די בויערס דער באָקסער גלייך אין מויל אַריין און פאַר יעדן טריט גרינע גראָז צאָלט מען מיט מזומן: שווייס און בלוט. מען באַצאָלט זינגענדיק, און אַנטקעגן ענטפערט דער מדבר מיט געזאַנג. מדבר האָט אַרויס־געשטעלט חעם גאַנצן מהות צום יידן.

און איך בין זיכער, אַז פונקט ווי דער מדבר, אַזוי וועלן אויך אויפקומען די קינדער פון לאַנד, די קינדער פון מדבר און וועלן עסן די פרוכט פון לאַנד, וואָס איז אויפגעקומען דורך יידישער מי.

ווער וועט דערנענטערן די קינדער פון ישראל מיט די קינדער פונם לאַנד? ווער וועט פאַרשיטן דעם תהום, וואָס פרעמדע הענט גראָבן דאָ אין לאַנד צווישן מענטש און מענטש?

אַכט טויזנט.

יונגער לעבן האָט זיך אַהער געריסן צו בויען און וועקן יעדן פאַרשמאַכטן פאַס לאַנד. ווען איינס וואָלט דעם אַנדערן אַנט־קעגן געקומען: מעגלעכקייטן פאַר דער ענערגיע, גוטער ווילן און לוין פאַרן שטרעבן, געמישט מיט שווערער פראַצע — וואָלט דאָ קיינמאָל געזאַנג נישט פאַרשטומט געוואָרן און הענט וואָלטן נישט מיד געוואָרן.

צו שווערער פראַצע האָבן זיך געריסן יונגע יידישע הענט. און ווען די הענט האָבן זייער תיקון געפונען, איז מיט דעם די באַ־פרידיקונג געקומען. איצטער פאַרמאָגט דער יידישער לאַגער אַכט טויזנט ליידיקגייער. און קיין גרעסערן וואָרעם, וואָס זאָל צע־פרעסן מוסקל און ליכטיקע האָפענונגען, האָט דער וויסטער מזל נישט געקענט געפינען פאַרן יונגן ישוב און זיינע איבעראילו־מינירטע האָריזאָנטן.

ווער זיינען די אַכט טויזנט ליידיקגייער, וואָס פאַלן איצטער צו לאַסט דעם גאַנצן ישוב און פאַלן צו לאַסט זייערע אייגענע יונגע יאָרן?

זיי האָבן באַדאַרפט, ווי פיאָנערן, בויען דעם יידישן ישוב, האָבן זיי נישט געפונען גענוג בוי־מאַטעריאַל און דעם אָרט, וואו זייער פאָזיציע זאָל זיין. איצטער נעמען זיי שטיצע עטלעכע גראָשן אַ וואָך און אַזאַ מאַטעריעלע שטיצע, וואָס איבער גאָר דער וועלט וואָלט זי אונטערגעהאַלטן מענטשן אין אַ שלעכטער צייט — דאָ איז יעדער גראָשן סם־המוות פאַר אַ יונגן עולם. אַכט טויזנט אין ארץ־ישראל איז אַ גאַנצע אַרמיי. זעכצן טויזנט הענט. אַכט טויזנט דורך פייניקונגען און פאַרניינונגען אויסגעפרואווטע כאַראַקטערן.

זיי זיינען נישט אויסגעוואַקסן, ווי קראָפּעווע הינטער אונזערן אַ פּליט. און וועלן נישט אויפקומען אַזוי גיך, ווי ווידערוואַקסונג

אויף אַ לאַנג־געשניטענעם פעלד. זיי האָט שטורעם אויפגעוועקט און לאָזט נישט אַיינשלאָפן. זיי זיינען געבאָרן געוואָרן מיטן פּנים צו מזרח און די אַנדערע ווינקלען פון דער ערד האָבן זיך אָפּגע־ווענדט פון זייער מהות. אָן בלינדער אמונה האָט קיין שום לאַנד נישט געקענט אַרויסשטעלן אין די ערשטע רייען וועלט־באַזיגער. ווי צום פאָלק, וואָס האָט נישט אין דער ריכטיקער שעה אויף דער וואָך אַ שטאַרקע יוגנט; אָדער מוסקלען מיט יוגנטלעכן בויג. ארץ־ישראל האָט עס געקראָגן איבער דער מאָס. די מאָס איז קליין — האָט זיך אַריבערגעגאָסן. איצטער זיינען געבליבן איסער דער מאָס, אָדער איסערן צאָל גאַנצע אַכט טויזנט.

— ווער זיינען זיי פון באַרוף?

— בויערס:

זיי האָבן געטאָן אַלץ, וואָס פון זיי האָט געפאָדערט די ברו־טאַלעווירקלעכקייט. זיי האָבן גאַסן נאָך גאַסן אויסגעבויט. זומפּן געטריקנט. זיי האָבן שטיינער געטעשעט, קאָנקריט געגאָסן. זיי האָבן געפּלאַנצט און געזייט. אין אָנפאַל פון בוי־שיכּרות האָבן זיי אַליין נישט געשפּירט די אָנשטרענגונג; נישט געפאָדערט קיין חשבון, נישט בײַ זיך און נישט בײַ קיינעם. נישט געפרעגט אויף דעם תכלית פון דער איבערנאַטירלעכער פאַרלייקענונג פון דעם אייגענעם ווילן און רעכט צו זאָגן זיך ג ע נ ו ג, ווען די צייט וועט קומען. איצטער, אַז איך קום אַמאָל אין זייערע קרייזן — יעדער איינער איז גערן, איך זאָל פון זיין פּנים אַראָפּלייענען זיין אַנטטוישונג. און דער, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן גוטמוטיק, מען זאָל אים זיין צונג אָפּשניידן, מיט דעם צוואַנג נישט צו ריידן יידיש — איצטער שפּרינגט אַרויס דער פאַרבאָרגענער פּראָטעסט און בעת ער וואַרפט פאַר די פיס זיין אינערלעכע צעטרייסלונג, וואַרפט ער אַפילו די אַרויסגעצוואונגענע שפּראַך אין פּנים: אויסדריקן זיין פאַרדרוס קען ער נישט אויף העברעיש:

— מיינע הענט — צוויי יאָר הענגען זיי מיר ווי בייטשן, איך זוך אַרבעט און געפין נישט.

— איך בין געלאָפן פון רוסלאַנד, געגנבעט גרענעצן, אײַנ־

געשטעלט דאָס לעבן און אַהער זיך דערקלייבן, הלוואי וואָלט איך איצטער געקענט פאָרן צוריק.

נישט איינער שטייט ביים ברעג איצטער און קוקט אַרויס מיט בענקשאַפט צום ים, צו די שיפן, וואָס קומען און גייען אַוועק, כאָטש ווען עס קומט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, עפנט זיך אַ תהום אויף פאַר די אויגן.

*   *
*

אַכט טויזנט — —

מען ווייסט, וואָס דאָס מיינט. אַלעמען דריקט עס און צע=רודערט. ערגעץ וואו, אויף דער ברייטער וועלט, רופן הונגעריקע צו רעוואָלט. דאָ זיינען זיי די שטילע שאָף צו דער מאַכט, וואָס קען ביידע, אי טרוקענעם ברויט געבן, אי באַפעלן. נאָר יענע מאַכט איז פאַרשוואונדן, און זאַמדיקן באָדן פון אַרום די תל=אָביבער נישט=באַבויטע פלעצער איז זי אויסגערונען. ווי שטילע שאָף גייען זיי אום גאָר אָן פראָטעסט און אָפט בליקט הונגער פון די אויגן אַרויס. די שטאָט, ווען מען האָט געבויט, האָט איבער אַלעמענס קעפ גע=זונגען. וואויל, ווען אַרבעט איז געקייטלט מיט הימן פון באַפרייער. און טאָפלט איז דאָס אַ פרייד צו זען אין אונזער מחנה.

ווייל דאָס לעבן פון אַ פאָלק איז אַיינגעוויקלט אין נעפלען און וואָס אַהינטערן נעפל וועבט זיך, ווייסט מען נאָכדעם, ווען דער שטורעם האָט דעם נעפל צעשפרייט, אָדער די זון האָט אים אויס=געזויגן. עס קען אַ פאָלק וואַרטן און זיך גרייטן צו שטורעם און הפקר=גאַנג, ווי עס קען זיך צוגרייטן צום אונטערגאַנג. די סטיכיע שפילט אין אונזער יידישער וועלט אין לעצטן דור, און נאָר אומ=פאַרשטענדלעך איז פאַרן דור, וואוהין עס צילט דער יידישער מהות. איינס איז קלאָר, אַז די בענקשאַפט צו דער ערד איז ביי יידן איצ=טער אַ באַוואוסטזיניקע. ווען דער ווינט וואָלט געבלאָזן גינסטיק אין דער דאָזיקער ריכטונג, וואָלט זיך דאָס רוב פון די פאָלקס=מאַסן פאַרוואַנדלט אין פויערים.

אמת, יעדע שטרויכלונג אין פעלד טרייבט דעם יידן צוריק אין שטאָט אַריין, נאָר דאָס פעלד וואָלט שוין איצטער נישט אויסגע=

ליידיקט געוואָרן. אין ארץ־ישראל האָט זיך דער דאָזיקער פאַרלאַנג אויסגעקריסטאַליזירט. און ווען דאָ וואָלט בלאָון גינסטיק דער ווינט — האָט גאַנץ ארץ־ישראל געקענט געדיכט באַזעצט ווערן מיט יידישע פּויערים, פּויערים פון אַ נייער צייט, וואָס וועלן איבערנעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט און נישט לאָזן זיך דיקטירן פון שטאָט־מענטשן. און די אַכט טויזנט ליידיקגייער, וואָס טרעטן איצטער אָפּ די פיס פון יעדן איינעם, וואָס וויל רויק חלומען זיין חלום אין דער אייגענער היים — זיי לעבן זייערע טעג אין אַ מיראַזש, וואו פאַר זייערע אויגן שפּרייט זיך דאָס פעלד מיט יידישע פּויער־הייזער. און עס לאָזט זיך אויס פאָרלויפיק, ווי יעדער מיראַזש אין דער מדבּר. וואָרעם אַ מדבּר איז דאָס לאַנד פאַר די דאָזיקע אַכט טויזנט, וואָס קומען יעדע וואָך נעמען זייער שטיצע, כּדי צו קענען ווי עס איז דערהאַלטן די נשמה און וואָס אין דער אייגענער צייט זינקען אַלץ טיפער און טיפער זייערע טריט אין אייביקן זאַמד.

און אַפילו די, די האַלב־גליקלעכע, וואָס האָבן יאָ געפונען די מעגלעכקייט זיך אָנצושפּאַרן בּיי אַ יידישער קאָלאָניע, די גרופּן, וואָס לעבן אין זייערע בּאַראַקן און עסן זייער ברודער־ברויט בּיי איין טיש, בּחורים, מיידלעך, מיט אַזויפיל בּענקשאַפט אין די אויגן — נישט צו זיי שמייכלט דאָס לעבן, ווען זיי בּאַדאַרפן פאַר אַן אָרעמען לוין אַרומגראָבן בּיימער אין פרעמדע גערטנער. איז דאָס געווען זייער חלום?

ארץ־ישראל איז אַיינגעשרומפּן און מען בּאַדאַרף דאָס לאַנד פונאַנדערציען; די קרומקייטן אויסגלייכן און דאָס מוזן טאָן הענט, וואָס זיינען צו דעם געפּרווּט געוואָרן. קרחת שטייט אויף דער וואַך און קלייבט אויס פון צייט צו צייט דעם אָפּטימיסט און טרייסלט אים זיינע בּיינער. נאָר איך האָב דאָך בּאַגעגנט אַ סך, וואָס זאָגן מיר: „און אַז אויב קרחת, הייך, קעלט? ערגער איז אַרומצוגיין ליידיק. טויזנטער מאָל ערגער צו קוקן אויף די וויסטע געגנטן, וואָס האָבן אונז גערופן פון ווייטן.“

איך האָב נישט געגלויבּט, אַז דאָ וועל איך געפינען אַזויפיל יוגנטלעכע כּוחות, וואָס זאָלן בּענקען צו שווערער אַרבּעט. און

וואונדערלעך — נישט פאַר אַלעמען קלעקט שוין־ע אַ־בעט. אַזוי גרויס איז די בענקשאַפט, זיך צו באַזעצן אויף דער ערד און לעבן פון דער מי פון די הענט — און אַזוי ווייט איז איצטער פון זיי דער באַשיידענער ציל.

* * *

אַכט טויזנט אַרבעטס־הונגעריקע אין ארץ־ישראל — — —

און אויף זייערע אויסגעהונגערטע פּלייצעס האָט זיך אָנגעהאַנגען איך דער ליך, וואָס שטעקט אַרויס אַ צונג און ווייזט אָן אויף דעם שיטערן זאַמד, וואָס שלינגט איין דעם גאַנצן אויפטו דאָ, אין לאַנד. וואָס באַטייטן ליידיקגייער איבער גאָר דער וועלט און דער עיקר, אין די מזרח־לענדער? איך קען דאָך געגנטן, וואו מענטשן האָבן כמעט דעם אייגענעם ווערט וואָס פליגן. נאָר דאָ, אין ארץ־ישראל, איז יעדער איינער, וואָס גייט אַרום אָן אַרבעט — אַ שילד פאַר צעשטערטע אידעאַלן; אַ ציל, וואו יעדער נישט־גלויביקער קען אָנווייזן מיטן פינגער: „אָט דאָס האָב איך אַייך געזאָגט."

הונגערן איז מער נישט קיין אידעאַל אויף דער וועלט. נאָר אויב אויף הונגעריקע פּלייצעס האָט זיך אָנגעלייגט אַ פאָלקס־האָנונג, איז הונגער דער סם, וואָס ברענט דורך יעדן געזונטן אָרגאַניזם.

ווען איך באַגעגן די דאָזיקע מיט דעם הונגעריקן פייער אין די אויגן איבער גאָר דעם לאַנד, פאַרשטיי איך דעם באַדייט. די שטאָט האָט זיי אין אַלע גאַסן. מען באַגעגנט זיי אויף די וועגן, וואָס פירן פון יהודה קיין גליל און אויף די שטעגן צווישן איין קבוצה און דער אַנדערער; שפּרייזן מיטן וועג און קוקן אַריבער צו די אויפגעגאַנגענע פעלדער, וואָס זיינען אייגענע און דאָך אַזוי פרעמד.

איך קען די הונגער־פּסיכאָלאָגיע, וואָס גליטשט זיך אויס אין מיטן מאַרק, און די פילאָסאָפיע, וואָס וואַקסט אויס, ווי גרינע שוועמלעך ביים שוועל. גרינע שוועמעלך דאָ און גרינע שוועמלעך דאָרטן. און וויפיל באַדאַרף האָבן אַ ייד מיט אַ צעשויבערטן געמיט, אַז אונטער זיינע פיס זאָל אים אָנהויבן ברענען דער באָדן? וויפל באַדאַרף מען, אַז אַ ייד אין פּאַלעסטינע זאָל ־מיט אַמאָל דערזען

אַרגענטינע? עס שטייען דאָך ייִדעלעך דאָ און דאָרטן, ציען זיך אויף די שפּיץ פינגער און קוקן אַריבער פון איין עק וועלט צום אַנדערן. אומרו וואַשט אונטער זייערע טריט. אַפילו דאָרט, וואו זיי וואָרצלען זיך שוין אַיין, רייסט דער שטורעם בּיי די פּאָלעס. און די אַכט טויזנט טראָגן אויף זיך די טאָפּלטע לאַסט: הונגערן און בּויען, הונגערן און זיין קולטורעל, הונגערן און זיין אָנשטענדיק!

אָ, ווי אָנשטענדיק דער היגער אַרבּעטער איז און דער שווערער לאַגע זיינער! וואו האָט די וועלט אַזאַ בּיישפּיל? ווי נאָכגעבּעריש ער איז, דער אַרבּעטער, אין ארץ-ישראל. אויף זיינע פּלייצעס האָט מען אָנגעלייגט שווערע פליכטן. אַפילו דער, וואָס עסט צו זאַט זיין שפּייז אין אַוסטראַליע, דרום-אַפריקע, נאָרד-אַמעריקע, צי קאַנאַדע, נאָר וואָס האָט ליבּ העבּרעיש אין ארץ-ישראל — איך קען זיי, יענע ווייטע ליבּהאָבּער מיט זייער ליבּע צו ארץ-ישראל, אויך זיי ליגן שווער אויף די אַקסלען פון די אַכט טויזנט אַרבּעטס-הונגעריקע. ווייל זיי טראָגן דאָך אויף זייער געוויסן די טויערן פון לאַנד. אויף זיי קוקנדיק ווערט רעגולירט דער אַריינקום, און עס טענהן צו מיר די חכמים פון ארץ-ישראל, אַז נישט דער אַרבּעטער וועט בּויען ארץ-ישראל, נאָר דער מ י ט ל ק ל אַ ס וועט אויפבּויען ארץ-ישראל: „איבּעריק זיינען די אַכט טויזנט. אָרעמקייט בּרענגען זיי אין לאַנד. דאָס זיינען דלפנים מיט גרויסע פּאַרלאַנגען. ארץ-ישראל בּאַדאַרף נישט האָבּן קיין אַרבּעטער-קלאַס, וואָס זאָל זיין קולטורעל. אַרבּעטער בּאַדאַרפן ליידן, בּאַדאַרפן פאַרשטיין, אַז נישט גרינג קומט אָן אין ארץ-ישראל אַ ייִדן זיין מנוחה...“ אַזוי טענהן צו מיר די „חכמים“ פון ארץ-ישראל.

און דעריבּער, ווען מיט אַמאָל טוט זיך אַ טראָג, אַזאַ אומעטיקער ווינט פון עק לאַנד בּיז עק לאַנד; ווען איר טרעפט איינעם אַ פאַרזאָרגטן פאַרן גורל פון דעם גאַנצן ישוב, פאַרשטייט איר, אַז מיט דעם ווינט טראָגט זיך די צעשטערטע האָפענונג פון די אַכט טויזנט חלוצים. און זיי, די אַכט טויזנט, וואַרטן, אפשר וועט מען אָנהייבּן צו טריקענען די זומפּן פון דעם ע כ ו-טאָל; אפשר וועט מען אָנהויבּן טריקענען די זומפּן אין י ר ד ן-טאָל; אפשר וועט מען אָנהייבּן ציען מינעראַלן פון ים-המלח. אפשר, אפשר...

וואיל איז צו דעם, וואָס האָט דעם רידל אָדער אַקעראַייזן אַריינ־
געגראָבן אין אַ שטיקל ערד, וואו ער זעט זיינע קומענדיקע טעג
אויף דעם באַרויקטן און באַהערשטן באָדן. כאָטש צעשטערט ווערט
אַזאַ רו בעת די טריט פון די פאַרדונגערטע קלינגען אַזוי הויך
און ברענגען אומרו צום געמיט.

דער ברודער־טיש.

זינגען דאָ חלוצים אין שעה פון בוי־שיכּרות: „ווער וועט בויען דעם גליל?“

ווי אַמאָל, אַזוי אויך איצטער בויען דעם גליל די דאָזיקע, וואָס די ערד רעדט צו זיי מיט דער שפּראַך, וואָס איז פרעמד דעם שטאָט־מענטשן. דאָס איז דער אייגענער גליל, וואָס אין צייט פון נאַציאָנאַלער צעטרייסלונג זיינען פון דאָרט אַרויסגעקומען די גיבורים, מיט ענערגיע און ווילן, וואָס איז פרעמד געווען דעם יידישן פאָלק.

אין די צייטן, ווען ירושלים האָט זיך געצירט מיט איר קרוין, מיט אירע מלכים און כּוהנים, אַריסטאָקראַטן און גרויסהאַלטער, כאָטש גליל איז געווען דער אמתער שפּייזער — יעמאָלט האָט מען גע־קוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן גליל־מענטשן: „דער עם־הארץ!“

און אַז דער גליל־מענטש האָט עולה־לרגל געווען קיין ירושלים, איז ער טאָפּלט געקראָכן באַרג־אַרויף, סיי צו דער שטאָט און סיי צו אירע מענטשן, גרויסהאַלטער. איצטער זיינען אָנגעשטאַנען אַנ־דערע צייטן. דער גליל האָדעוועט דעם נייעם מענטשן, וואָס ווערט געלייטערט און אויסגעלייזט דורך שווערער פּראַצע ביי מאַמע ערד. און כאָטש ער גייט נאָך דעם אַקער, פונדעסטוועגן איז זיין קאָפּ נישט געבויגן און נישט אים וועט ירושלים דיקטירן. דער גרויס־האַלטער וועט דעם גליל־מענטשן נישט דערנידעריקן, ווייל דער גליל־מענטש, אַז ער קומט איצטער אין שטאָט אַריין, ברענט אים דער אַספאַלט פון די גאַסן זיינע טריט.

איבער דעם גאַנצן עמק־יזרעאל, וואָס צעטרייסט די גליל־בערג פון עכּו־ים־אויסגוס ביז צום ירדן־טאָל און אַזוי אויך אין ירדן־טאָל אַרויף, ביז צום אָנבליק פון פאַרשנייטן ת ר מ ו ן, ציען זיך די

קבוצות צוגעזויגענע צו דער ערד, די וואָס די נויט האָט פאַרבריי־דערט און אידעאַל האָט די נויט באַקרויינט. דאָ איז אויך דער ביישפּיל, וואָס אַ מענטש איז ווערט פאַר דער נאַטור, ווען ער האָט זיך מיט דער הילף פון גוטן ווילן פאַרחברט מיט די פון זיין גלייכן. כאָטש יעדער איינער האָט געזוכט יחידות, איז דערפון אַרויס־געקומען דער ברודער־טיש. די נויט האָט געטריבן פּיאָנערן זיך צו פאַרבינדן אין ענגע גרופּן און געבראַכט פאַר אונז דעם מוסטער פון קעגנזייטיקער הילף. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ באַטייט אַזעלכע ביישפּילן וועלן האָבן פאַר דער צוקונפט, וואָס ברעכט זיך דורך דער פּריזמע פון אַן אויסגעפּייניקטער געגנוואַרט.

עס איז די צייט, ווען עס גלוסט זיך הונגער פאַרוויגן מיט געזאַנג, נויט צו פאַרטאַנצן און קדחת לינדערן מיט דער האַנט פון האָפענונג. ווייל צו־שנעל זיינען אויסגעוואַקסן די יונגע בית־עולמס אַהינטער די עקאַליפּטוס־וועלדלעך ביי יעדער קבוצה. אומ־נאַטירלעכער טויט איז געוואָרן נאַטירלעך. און אַז מען באַטראַכט אין ברודער־זאַל אַ בילד פון אַ מיידל, אַ בילד פון אַ בחור, וואָס הענגען איינגעראַמט אויף די ווענט און דו פרעגסט: „ווער זיינען זיי?“ ענטפערט מען: „שווערע צייטן געוועזן. עס ווילט זיך גאָר נישט גלויבן...“

* * *

איך בין געקומען אין עמק־יזרעאל און צום ירדן־טאָל, ווען מאַמע ערד האָט זיך איבערגעבעטן און געוואָרן ווייליק צו פאָלגן און נאָכגעבעריש. בלאָטיקע קוואַלן האָט מען ריין געמאַכט; זומפּן קאַ־נאַליזירט; וואו אַ שטייק וואַסער — געלאָזט עס לויפן און אָנגע־וויזן דעם וועג און אָפּגאַנג. אין געבונדענע מחנות זיינען די חלוצים געקומען און זיך געטיילט מיטן ביסן ברויט און זיך געטיילט מיטן טרונק וואַסער. נאָר אַ ברודער־טיש האָט יעמאָלט געקענט שמידן דעם ווילן אָנצוהויבן אַ לעבן גאָר אויף דאָסניי און מאַכן דאָס לאַנד לעבן אַ ניי, יונג לעבן, וואו זייערע טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט. גוט איז איצטער דאָ און דאָרטן צו עסן דעם ברויט פון אייגענעם פעלד און צו פאַרזוכן אַמאָל אַ וויינטרויב פון אייגענעם וויינגאָרטן.

און גוט איז צו ציילן די ציפערן און געפינען, אַז פון הונדערט חברים פיבערן איצטער פון קדחת בלויז אַ צענדליק און נישט — אַכציק, ווי אַמאָל. „אַמאָל“, בסך-הכל מיט אַ יאָר פינף צוריק.

דער בונד איז געבליבן. איצטער בינדט נישט די נויט, נאָר גוטער, ברידערלעכער ווילן האַלט דעם ברודער-טיש, וואָס איז אויך געוואָרן דער מזבח, וואו יעדער יחיד איז דריי מאָל אַ טאָג מקריב זיין פערזענלעכן קאַפּריז און שטרענגט זיך אָן אָנצוקניפּן זיין יחידות אין אַ גאָר פרעמדן כלל פאַר היינטיקער געזעלשאַפט.

— וואו איז דיין ברויט?

— באַקט זיך אין ברודער-אויוון.

— וואו איז דיין העמד?

— ליגט אינאיינעם מיט די ברודער-העמדער.

— וואו איז דיין קינד?

— שפּילט זיך איצטער אין קינדער-היים.

ווייל די אמתע מאַמע מעלקט איצטער קי. ווייל די אמתע מאַמע איז איצטער אין דער קאָמוניסטישער ווירטשאַפט. זי טוט שווערע אַרבעט. אינאיינעם מיטן מאַן איינגעשפּאַנט און דאָס קינד אירס באַדאַרף האָבן אַ מאַמע פון פרי ביז נאַכט. גענוג איין מאַמע פאַר צען קליינוואַרג. אַ ברודער-מאַמע. אַ שוועסטער-מאַמע. און די צען אמתע מאַמעס זאָרגן פאַרן ברודער-טיש.

ווער איז דאָ די רעטעניש אין אַזאַ וועלט, צי דער נייער מענטש פון אונזער דור, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זיין יחידות-גייסט און אַליין זיך איבערגעגעבן אַ מענטשן-געפלעכט, וואו פערזענלעכע קאַפּריזן שטעקן זייער אָפּט אַרויס די קעפּ און מאָנען זייער חוב; צי גאָר די קליינע קינדער, וואָס מילך פון אייגענער מאַמעס ברוסט איז דאָס איינציקע, וואָס צעגייט זיך אין זיין לייב, און ווייטער איז די קינדער-וועלט דער ווינקל, וואו מיינס און דיינס שטאַרבט אָפּ אויף די יונגע ליפּן, און — עס איז אַ רעטעניש צי אפשר דווקא, זיי, די קינדער, וועלן זיך אין איין פרימאָרגן אויפכאַפּן, קוקן אין דער וועלט אַריין און זוכן דעם ווינקל, וואו מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס — — — גענוג נישט-גליביקע זיינען איצטער אויך פאַראַן, וואָס זאָגן שלעכטע

נביאות און גלויבן נישט, אַז מאַמע ערד וועט לאַנג צופרידן בלייבן מיט דעם דאָזיקן ברודער־טיש און ברודער־יאָך:

— איין פויער וואָרצלט זיך אַיין טיף אין דער ערד, אָבער הונדערט און פינף הונדערט פויערים, וואָס האָבן זיך פאַרברידערט און פאַרשוועסטערט — נאָר נויט וועט זיי האַלטן, אָבער נישט די פרייד וועט זיי בינדן —

דאָס האָבן מיר שלעכטע נביאים אין גרינעם פעלד נביאות געזאָגט.

אַלטע זאָרג — נייע זאָרג. און דאָס פאָלק, וואָס פרעמדע האָבן אויף זיין פלייצע אַזויפיל עקספּערימענטן געמאַכט, שטייט פאַרבליפט, ווען אייגענע שפּאַנען זיך אַיין אין אַ ברודער־יאָך און האָבן וואַנט נאָך וואַנט אַיינגעוואָרפן, כּדי בּיי איין טיש צו זיצן און עסן דעם שווער־פאַהאָרעוועטן ברויט. און ווי וואָלט גאָר אויסגעזען דער אומנאַטירלעך־נאַטירלעכער צוריקקער צו די אַלטע חורבות אין פאַלעסטינע, אויב מען זאָל אויף די דאָזיקע חורבות נישט לייגן אַ פונדאַמענט, אַזוי בּנינים פון אַלטן שטייגער זאָלן נישט האָבן קיין פּנים? וואָרעם, אויב העסלעך דערשיינען פאַר אונז די שורות, שורות קרעכלעך, אונזערע אין דער אַלטער היים, איז פיל פאַרדריסלעכער צו באַגעגענען די אייגענע קרעמלעך אויף אַ נייער ערד, וואוהין יידן האָבן איבערגעוואַנדערט און געהאַט מעגלעכקייטן אַיינצואָרדענען דאָס לעבן אויף געזינטערע יסודות. און דאָ, אין גליל, איז יעדע קראָם און קרעמער אַ דאָרן אין לייב פון דעם פּיאָנערן־דור. און דאָרטן, וואו זיי האָבן אויפגעשטעלט זייערע לאַגערן, האָט אַזוינס נישט געקענט פּאַסירן.

די פינגער, וואָס זיינען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן דורך דער אַרבעט און זיינען דורכגעפיבערט געוואָרן פון קדחת — די דאָזיקע פינגער בענקען נישט צו דער מאָס, וואָס מעסט שניט־סחורה, אָדער צו דער וואָג, וואָס וועגט יידישן וואַנדערהוינט. און ווען אין עמק־יזרעאל האָבן אַ מחנה ווינט־מענטשן אָנגעהויבן אויפצובויען די שטאָט יזרעעל, אָדער עפולה, ווי זי הייסט איצטער, האָט זיך אויף איר געשאָטן קללות פון אַלע ווינקלען און די נייע שטאָט איז אַיינגע־

שרומפּן געוואָרן. דער גליל פאַרליידט נישט, אַז די שטאָט זאָל ווידער אָנהייבן הויכן איבערן ישוב.

* * *

צום ערשטן ברודער־טיש בין איך אָנגעקומען ביינאַכט. יעמאָלט ווען דער עולם האָט זיך אומגעקערט פון פעלד. אַ יונגערע קבוצה און נישט גאָר קיין אַיינגעוואָרצלטע. יונג און אָרעם. מיט איבערגעלאָדענע זאָרג. אַ סך שווייגן. בליקן קוקן פון אונטערן שטערן אַרויס. דער נישט גרויסער באַראַק, מיט אַ זשום פון פליגן אינעווייניק, איז געווען באַלויכטן נישט העל. אַ קעראָסין־לאָמפּ איז נישט גענוג אין היינטיקע צייטן צו פאַרטרייבן די שאָטנס פון שטוב.

זיי זיינען געוויינט צו טוריסטן און דורכפאָרערס, וואָס קומען אַריין אויף ביז וואונדער, גרייט אַריינצוקריכן אונטערן סאַמע האַרצן מיט אומנייטיקע שאַלות. ביי מיר האָט זיך אַליין אָנגעקליבן אַ באַרג שטיינער אויף מיינע ווערטער און אין ערגעץ איז מיר שווייגן נישט אַזוי ליב, ווי אין ארץ־ישראל, דאָרטן, וואו אַרבעט און נויט, ביידע זיינען די הערשער.

דער עולם, שווער פאַרהאָרעוועט, איז האַלב געשטאַנען און האַלב געזעסן. ווער מיטן גאַנצן מהות ביים עס־טיש און ווער מיט אַ פוס אַריבער אויפן שטוב אַרויס. פרויען האָבן נישט געהאַט קיין מוט זיך צו זעצן ביים טיש מיטן פולן באַוואוסטזיין צו עסן דעם אָרעמען מאָלצייט. אויף מיין שלום איז געקומען אַ שטילער ענטפער. און אַז איך האָב זיך צוגעזעצט ביים ווינקל טיש, האָט מען מיר דערלאַנגט אין אַ בלעכענעם טעלער אַ טייל פון זייער אָרעמען מאָלצייט.

צוליב וואָס דערציילן, וואָס מען האָט דערלאַנגט? עס איז מיין ערשטע באַגעגעניש געווען און עמעצער האָט זיך אין מיר אַליין פאַרשעמט. איך אַליין, דער געבוירענער און אויסגעוואַקסענער אין פויערטום, און וואָס ווייס אַזוי גוט דעם ריח פון ערד און טעם פון שוויס־טראָפּנס, ווען זיי רינען איבערן פּנים אין מויל אַריין; איך אַליין, וואָס ווייס אויך דעם טעם פון אָנהאָרעווען זיך ביז עס זאָל שוין פאַרשלאָגן יעדן חשק צו עסן — פאַרוואָס

האָט זיך בשעת־מעשה מיין געמיט פֿאַרקלעמט, ווען איך בין געבליבן זיצן אין דער פּיאָנערן־שורה מיטן ביסל געקעכץ אין בלעכענעם טעלער?

אונטער זיבן שלעסער ליגן אַמאָל באַגראָבן געפֿילן, וואָס דו געפֿינסט צו זיי קיין צוטריט נישט. און נאָר אַ פֿרעמדע האַנט, גאָר אומגעריכט דערלאַנגט דיר דעם שליסל אָן ווערטער און באַפֿעלט דיר אויפֿצועפֿענען אַ פֿאַרקנוילטן פּעקל, וואו ווי אַלטער וויין קומט אַרויס דער טרויער־ריח, אַזאַ שטאַרקער און וואָס איז בכוח שיכור מאַכן אַ ניכטערן געמיט.

איך מוז מודה זיין, אַז די העברעיִשע שפּראַך, וואָס מיט אָפּגעריסענע פֿראַזן האָט זי אומגעבלאָנדזשעט פֿון ווינקל צו ווינקל און זיך דורכגעשלאָגן דורך די שאָטנס, וואָס דער קעראָסין־לאָמפּ האָט געשפּרייט — זי האָט אָפּגענייגט אָן אַ זייט דעם שווערן אינהאַלט פֿון מיין ערשטן באַזוך אין אַ יונגער קבוצה. איך בין געזעסן ביי אַזאַ אָרעמען ברודער־טיש, וואו עס האָט געפֿעלט דער מינדסטער טראָפּן עולם־הזה.

פֿאַרהאַן ציטן, ווען דאָס ציטעריקסטע, צוליב־וואָס מיר גיבן אָפּ אַזויפֿיל פֿון אונזער לעבן, ווען דאָס שטיקל ברויט איז פֿאַריתומט און פֿאַרווינט. אַ געפֿיל אַזאַ האָט מיך באַהערשט. און וויפֿל איך האָב נישט געקייט דעם ערשט ביסן ברויט, אַרויסצוגעפֿינען דעם טעם פֿון פּראָסטן ברויט, וואָס רייצט נאָך מיין גומען — דער ביסן איז אין מויל טרוקן געבליבן און מיין גומען האָט נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס פֿאַר אַ טעם דער ביסן ברודער־ברויט האָט געהאַט. פֿאַר מיר זיינען אויפֿגעקומען פֿאַרן געדאַנק אונזערע צען מאָס רייד איבער גאָר דער יידישער וועלט, די צען מאָס רייד, וואָס ווערן טאָג־אַיין־טאָג־אויס אויסגעגאָסן, סיי מצד די „חובבים“ און סיי מצד די קעגנער.. סיי מצד די, וואָס האָפֿן, אַז ארץ־ישראל וועט לייזן אַלע אונזערע אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען, און סיי מצד די, וואָס גלויבן, אַז די, וואָס באַלעבן אַ וויסט לאַנד אין ארץ־ישראל, רוקן אָפּ אויף צוריק דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

יאָ, זיי האָבן געוואוסט, אַז דער גאַסט, וואָס זיצט אַ שווייגנדיקער ביים ווינקל פֿון לאַנגן טיש און קוקט בלומרשט ווי אויף

זיינע, פון דער זון־פאַרברענטע צען פינגער, וואָס ליגן אויפן טיש, וואו עס שווימען פליגן, — איז אַ יידישער שרייבער. ווייל איינער פון די חברים האָט זיך אויפגעשטעלט און דערמאָנט דעם עולם, אַז אַ גאַסט זיצט איצטער צווישן זיי. מען האָט שווייגנדיק צום גאַסט זיך געווענדט מיט די בליקן. און דער ערשטער האָט איינגעלאַדן דעם גאַסט צו זאָגן עטלעכע ווערטער.

ער האָט עס געטאָן אויף העברעיִש און עס האָט געדויערט אַ עטלעכע סעקונדן, וואָס האָבן זיך פאַר מיר געצויגן, ווי לאַנגע שעהן, ביז איך האָב געקענט עפענען מיין מויל, פון שווייגן אַרויס אַפּירנעמען די יידישע שפּראַך און זאָגן דאָס, וואָס איך האָב אין יענער רגע געפונען פאַר מעגלעך צו זאָגן. נישט וויכטיק איצטער איבערצודערציילן די שיינע ווערטער און רייד, וואָס האָבן געזאָלט וועקן דעם מוט. שענערע ווערטער, געלונגענערע ווערטער און נישט קיין געלונגענע — צוליב־וואָס זיי איבערדערציילן. וויכטיק, פאַראַ־לעל מיט מיינע רייד איז נאָך אַלץ געגאַנגען פאַראַיִס מיין שווייגן און נאָך איצטער מוסרט ער מיך און פרעגט:

„פאַרוואָס קומט איר, דיכטער, שטענדיק מיט איין רגע שפּע־טער צום אָרט, וואו דאָס לעבן הייבט אָן צו יערן און וויל, אַז עמעצער זאָל אַרויסציען דעם שפּונט און לאָזן עס פריי שוימען?“

און אפשר איז דאָס געווען די שעה פון אייגענעם חשבון־הנפש. ווייל סיי ווי האָט אויף מיינע רייד קיינער נישט געענטפערט און אפשר האָט מיין יידישע שפּראַך אַזוי פרעמד געקלונגען, אַז פרעמד איז געווען פאַר זיי מיין דערמוטיקונג און דערציילונג, אַז ביי זיי בויגט זיך דער שטרוי אונטערן שווערן זאַנג אין יונגן ווייצן־פעלד?...

עס האָט אַ גאַנצע נאַכט שפּעטער עמעצער מיך געוועקט פון שלאָף און נישט געלאָזט אַנטדרעמלט ווערן. צי איז דאָס געווען דער ריח פון פעלד און שווערן טוי, וואָס האָבן זיך אויף מיר אָנגעלייגט? צי איז דאָס געווען די גלאָק, וואָס קלינגט איצטער ערגעץ אינמיטן פון דער וועלט און לאָזט אונז נישט איינדרעמלען, יעמאָלט, ווען שלאָף איז אַזוי נייטיק פאַר אונזער מהות?

דער באַגינען האָט אויפגעדעקט דאָס גרויסע פעלד, וואָס האָט
זיך אויף מיילן אַוועקגעצויגן פון מערב צו מזרח און עס האָט
גערופן איר אַלטן באַקאַנטן. דער ווינט האָט געכוואַליעט דעם איבער-
פלאַך פון גרינעם פעלד. דאָס פעלד האָט גערופן ווייטער, טיפער
אין טאָל אַריין און אַזוי האָב איך זיך דערקליבן צו דער גרעס-
טער קאָמונע, ביים קוואַל, וואו גדעון האָט אַמאָל ערב מלחמה אָפּ-
געשיידט די גיבורים פון די, וואָס באַדאַרפן זיצן אין דער היים.

אַזוי האָב איך מיר דערקליבן צו עין-חרוד, צום האַרץ,
פון וואַנען אַזויפיל אַרטעריעס צעגיסן לעבן איבערן גאַנצן עמק-
יזרעאל און וואָס לויט זייער ביישפיל בויט זיך דער ברודער-טיש
און מען טראָגט בשותפות דעם ברודער-יאָך.

צו דעם וועל איך זיך דערנענטערן מיט מיין שרייבן.

בײם קוואַל פון אויסגעווייטאָגטער פרייד.

צופוסנס די גילבוע־בערג, בײם קוואַל, וואָס טראָגט זײנע זכרונות לעגענדאַריש ביז צום שופטים־העלד, גדעון, דאָרטן האָט איך לעבן אָנגעהייבן מיט אַ פינף יאָר צוריק די גרעסטע קאָמוניסטישע גרופע, אָדער קבוצה עין־חרוד. מיט אַ דורותדיקן דאָרשט האָבן זיך די פּיאָנערן אַראָפּגעלאָזן צום קוואַל, וואָס שלאָגט פון אַהינטער פעלזן אַרויס און גאָר אַליין נישט געוואוסט, וואָס זי האָט בײם קוואַל געוואַרט.

איצטער איז עין־חרוד דער סימבאָל פון פאַרהפקרן דעם אייגענעם איך; אַ מוסטער, וואו מען פאַרבייטשט יעדן פּערזענלעכן פאַרלאַנג און אויך אַ ביישפּיל, ווי מען איז מפקיר עולם־הזה פאַר אויסגעווייטאָגטע אידעאַלן. אַריבער פינף הונדערט נפשות זײנען קאָנצענטרירט אַרום קוואַל אין זייערע ציטערדיקע היימען. אַ אייגנאַרטיק אויסגעקניפּטער דאָרף. און ווילט איר, איז דאָס אַן איבערגעוואַקסענע משפּחה.

דער קענגזייטיקער געפיל טרייבט אָפטמאָל פּרימיטיוו צונויף אין איין מחנה פייגל פון פאַרשיידענע מינים, ווען אַ געוויטער שטעלט דאָס לעבן אין סכנה. דער אייגענער אינסטינקט נעמט צונויף אין ווילד־וואַלד באַגינען אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס אין וואַלד גופא קערן זיי זיך איינס מיטן אַנדערן נישט אָן, נאָר באַגינען צום טייכל אויסערן וואַלד טרייבט זיי דער דאָרשט צו פאַראייניקונג אַנטקעגן געפאַר. ווען אַ שונא — ליאַרעמען אַלע די וואָרענונג אויס. דאָ, אין עין־חרוד, איז געקומען אַנטקעגן באַוואוסטזיין און ברידערלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. כאָטש נאָך איצטער איז בולט, אַז געפאַר פאַר הונגער, קראַנקהייט; געפאַר פאַר אָנפאַלן בײם איינעמען אַ געגנט קעגן דעם ווילן פון שכנים — דאָס האָט געבונדן די דאָזיקע וועלט צו פאַרשניידן אַ בונד צווישן זיך און שטעלן

זיך אַנטקעגן אַלערליי שטרויכלונגען אין יבורים. ג ד ע ו נ ס קוואַל איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם קוואַל פֿון אויסגעפּייניקטער פֿרייד און אויך אין אַ קוואַל פֿאַר אַלערליי געדאַנקען, רויִקע און אומרויִקע.

מען שטייט אַמאָל פֿאַרחידושט נאָך אַ ערדציטערניש, ווען אינמיטן ים האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ אינזל. דאָס לעבן האָט אונז שוין לאַנג נישט אַנידערגעשטעלט פֿאַר אַזויפֿיל אומדערוואַרטע פֿאַקטן. גענוג אינזלען זיינען אויפֿגעקומען פֿאַר דעם יידנס אומרויִקן דמיון נאָכן לעצטן שטורעם. וואויל איז די חכמים, וואָס קענען זאָגן: „אָט דאָס האָבן מיר געוואַרט און אַזוי האָט עס באַדאַרפֿט זיין.“ אָדער חכמים פֿון אַנדערן צד: „עס וועט נישט האָבן קיין קיום. אַ שפּיל פֿון דער נאַטור און נישט מער“. שטייענדיק ביים קוואַל אין עין=חרוד, האָב איך געזען, וואָס אַ קאָלעקטיוו האָט אויפֿגעטאָן. און דאָ, אין ארץ=ישראל, וואו יעדער פֿרישער איינגענומענער ישוב קומט אָן מיט דער גרינער גאַל, דאָ איז דער קאָלעקטיוו, אַפֿילו דער שלעכט צוזאַמענגעזעצטער, נישט נאָר דער אויפֿריכטער פֿון אַ וויסט לאַנד, נאָר אויך דער בויער פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿט.

דער קוואַל, וואָס האָט פֿאַרפּלייצט אַ גרויסן שטח אין עמק=יזרעאל און האָט געהאַלטן אַ געגנט זומפּיק, פֿול מיט אַלערליי קראַנקהייטן — די עין=חרודער חלוצים האָבן אָן קיין שום סענטימענט דעם לעגענדאַרישן קוואַל אָנגעוויזן זיין וועג. די געגנט קאַנאַליזירט, די וואַסערן רעגולירט און פֿאַרפֿלאַנצט די זומפּן מיט עקאַליפּטוס=ביימער. שאָדט נישט, ווען די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט אַ רידל אין איין האַנט און מיט וואָפֿן אין דער צווייטער. זיי האָבן רעכט געהאַט אויף דעם, ווען פֿון יעדע הונדערט האָבן פֿינף און זיבעציק געפֿיבערט פֿון קדחת. ביי זייער אָנקומען בין איך נישט געווען, נאָר יענע צייט האָט זיך אַיינגעקריצט אויף די געזיכטער פֿון דעם עין=חרודער עולם, מאַן און פֿרוי. יענע צייט רעדט אַרויס פֿון אַלע באַוועגונגען זייערע. און ווען די פֿאָרשטייער האָבן מיר אָנגעוויזן אויף אַ בערגל, העט וויט, צו מזרח=צפֿון=צו, וואו עס שטייען שוין אַ פּאָר הייזער, און דערציילט, אַז די גאַנצע קאָמונע קלייבט זיך איצטער איבערצולאָזן דעם קוואַל ביים צי=

פוסנס פון באַרג גלבוע און בויען אַ שטענדיקע היים אויפן באַרג — האָט אַ ציטער געטאָן מיין הויט: זייער אויסגעוויטאָגטע פרייד האָב איך פאַרנומען.

* * *

איך בין געזעסן ביי איינעם פון די לאַנגע טישן אין זאַל. טישן צונויפגעקלאַפּטע פון ברעטער, וואו עטלעכע הונדערט מענער, פרויען האָבן געגעסן מיטאָג. דאָ האָט מען שטאַרק געקייט און געשמאַק געקייט. כאָטש אין אַיילעניש. דאָס פעלד האָט נישט דערלויבט לאַנג זיצן ביים טיש. מענער, פרויען, ענג, זייט ביי זייט, און מחנות פליגן זשומען איבער אַלעמענס קעפּ, שווּבלען אויפן טיש, ברויט, אויגן, מויל און נאָז. נאָר ווּעמען גייען די פליגן אָן: אַ סך מאַנסבילשע גבורה האָט די פרוי איבערגענומען. פרייע באַוועגונגען. דרייסטער קער מיטן האַנט. זי קייט די שפּייז און בייסט דעם ברויט מיטן פולן מויל. און פונדעסטוועגן, אַז דער עולם האָט נאָכן עסן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן יעדערער זיין פּלאַץ, איז אין פּנים פון גאָר אַ סך געלעגן אומעט; נאָך מער אומעט — אויף די שווערע הענט און גאַנץ אָפט געבויגענע פּלייצעס.

ווייל די עטלעכע הונדערט מיטגלידער פון דער גרעסטער קאָמונע — נישט אַלע זיינען איצטער פון די, וואָס האָבן דאָ אַ פוס געשטעלט פון ערשטן טאָג אָן. נישט יעדערער האָט געקענט אויסהאַלטן דעם שווערן פרווו. ווּעמען עס האָט קראַנקהייט פאַריאָגט און ביי ווּעמען גדודל האָט געפּלאַצט. זייער אָרט האָבן אַנדערע פאַרנומען. דאָ איז אַ לאַבאָראַטאָריע, וואו דעם מענטשנס גדודל ווערט אויסגעפּרווּט און כאַראַקטער געשטאַרקט אָדער צעבראָכן. אַ סך האָבן דאָ זייער ווילן געבויגן און שפּעטער זיך אַליין נישט דערקענט. אַ סך האָבן דאָ געפּרווּט זייערע כוחות און נישט געקענט בייקומען די שטרויכלונגען. נישט איינעם פון די גאָר ערשטע באַגעגנט מען איצטער אין שטאָט, אַליין אויף זיין איינזאַמען שטעג. דאָ, אין שטאָט, איז ער נישט פויל, גרייט צו טאָן אַרבעט איבער זיינע כוחות, נאָר ער בענטשט די ד׳ אַמות, וואו ער איז אַליין מיט זיין פרייד און לייד.

עין-חרוד וואָלט קיין איין טאָג נישט געהאַט דעם איצטיקן קיום אָן אינערלעכער דיסציפּלין. בינדן דעם אייגענעם קאַפּריז איז נייטיק אויף יעדן טראָט. אַלע זיינען דאָ געוואָרן פּאַכלייט. נישט נאָר צו פעלד-אַרבעט האָט זיך דער עולם צוגעוויינט. אַליץ טוט מען דאָ אַליין. אייגענע תּבואות און אַן אייגענע מיל צו מאָלן די תּבואות. אייגענע שלאָסערס און שמידן. אייגענע סטאָלער און שוס-טער. זייטיקע טאַלאַנטן זיינען געוואָרן די אַיינגעבאָרענע טאַלאַנטן. דער שוסטער איז אין דער שטיל אַ מאַלער. דער שמיד, אָדער דער סטאָלער, איז אין דער שטיל אַ פילאָסאָף. די אויסגעפּרוּווטע זיינען צדיקים און חסידים. דאָ און דאָרטן — אמתע ל"ווניקעס. איז דאָס לעבנס-מידקייט, וואָס האָט די מענטשן אַזוי נאָענט איינס צום אַנ-דערן צונויפגענומען, אָדער פאַרלאַנג איבערצובויען אינזער גאַנצע געזעלשאַפט? גיכער דאָס צווייטע איז דער צעמענט, וואָס האַלט זיי צוזאַמען, בויגט זיי, ווען נייטיק, און פאַרהאַרטעוועט מיט גוטן, צי מיט בייזן. רעדט מיט די פאָרשטייער זייערע, אָדער אַפילו מיט די פּשוטע סאָלדאַטן — יעדער איינער טרעט זיין וועג לויט אַ באַ-שטימטער טעאָריע מיט דער פולער זיכערקייט, אַז זיינע טריט וועלן אָנצייכענען דעם וועג פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן אין ארץ-ישראל.

און פאַרוואָס זאָל איך זיי נישט גלויבן, ווען איך זע, וואָס יעדער איינער האָט ביז איצטער פון זיך אָפּגעריסן און געוואָרפן צו די פיס פון כלל? נאָר דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט מיט אַלע זיינע ווידערשפּרוכן האָט געקענט אַרויסברענגען די דאָזיקע ביישפּילן פון קעגנזייטיקער הילף, פאַרברידערונג און פאַרשוועסטערונג. אַוודאי בלעכט זיך אַרום די קאָמונעס אַ עפּנטלעכע מיינונג. יעדער איינער זאָגט דאָ אַרויס זיינע השערות, גוטע און שלעכטע. ווייל נאָך אַלע-מען איז דאָך דער גאַנצער ישוב געבויט אויף צדקה-געלט. שלעכ-טע געבער און נאָך ערגערע צעטיילער. כאָטש עס הייסט, אַז דאָס יידישע פאָלק גיט. נאָר וואו איז דאָס יידישע פאָלק?

עס וואָלטן די ציוניסטישע פירער גאָרנישט דערלאָזט, אַז די פּויערים אין גליל זאָלן זיך באַזעצן אויף אַ קאָמוניסטישן אופן. ווייל איצטער וואַקסט די קעגנערשאַפט צום איינגאַרטיקן קאָמוניזם. אויב מען האָט עס דערלאָזן פון סאַמע אָנהייב — איז דאָס געווען

דערפֿאַר, ווײל עס האָט געקאָסט ביליגער און דער קאָלעקטיוו האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ מין יידישן לעגיאָן, וואָס האָט זיך אויך געקענט פֿאַרטײדיקן בײם פֿאַרנעמען די זומפּן אין עמק־יזרעאל. אָנפֿאַלן זײנען געווען די ערשטע צײטן. און איצטער, ווען עס איז אָנגעשטאַנען דער קריזיס און די מײנונגס־צערודערונג נעמט די אייבערהאַנט צווישן די פֿירער, זוכט מען שוואַכע פּונקטן, וואו אָנצוואַרפֿן די סיבות פֿון קריזיס. טײט מען אויך מיט די פֿינגער אין דער איצטיקער שווערער צײט אויף די קאָמונעס, אָדער קבוצות. און ווי איז צו דער גאַנצער אַרבעט פֿון מאַכן עקספּערימענטן, ווען דער ערפֿאָלג איז אָפּהענגיק פֿון די מאַטעריעלע מיטלען, וואָס מען קלײבט אויף יענער זײט ים. אָ, ווי ליב מיר וואָלט איצטער געווען צו ריידן פֿון די ערנסטע פּרוּוון צו פֿאַרבינדן די פּויערים אין פֿעלד אין איין משפּחה, ווען איך וואָלט וויסן, אַז איבער דער גאַנצער געגנט, פֿון וואַנען איך שרײב איצטער, שוועבט נישט דער בליק פֿון אונזערע געלט־געבער, אָדער געלט־אויסגעבער. און בכלל וואָלט מיר גרינגער געווען צו ריידן פֿון דעם דערפֿאָלג, וואָס דער נײער ישוב האָט געמאַכט, ווען איך וויים, אַז אין פֿעלד, בײ די פּויערים־גרופּעס איז נישט אונטערטעניק דער מהות צו די ירושלימער דעהזאָגערס. עס קען אויך אָנלויפֿן מיט זײן אַוטאָמאָביל אַן אַמעריקאַנער יידישער גראָשעניער נדבן, אָפּשטעלן זיך אין אַזאַ־אָ קבוצה און צעשרייען זיך אויפֿן הויכן קול:

— איך גיב געלט, און איר וועט גאָר קאָמונעס בויען, וואו מײנס איז דײנס און דײנס איז מײנס — נישט מאָראַליש! — איך פּראָטעסטיר — — —

און מעגלעך, אַז די געלט־פֿאַרזאָרגער וועלן אויך מאַכן אַ פּשוטן חשבון, צונויפֿרעכענען, אַז באַזונדערע פּויערים, יעדערער פֿאַר זיך אַליין קען פּראָפּאָרציאָנעל אויפֿטאָן פֿיל מער, ווי זײענדיק אַ מיטגליד פֿון אַ גאַנצער קאָמונע. אַזעלכע חשבונות מאַכט מען איצטער הינטער דער פּלײצע פֿון די אידעאַליסטן, וואָס האָבן מיט פֿאַראייניקטע כוחות געטריקנט די זומפּן און געצוואונגען דעם אַלטן קוואַל זיך אונטערגעבן.

* * *

איין האַרץ קלאַפּט אין גרויסן קאָלעקטיוו. איין ווילן איז דאָ פאַרזעצט געוואָרן. מענטשן קומען און גייען אַוועק — די קאָמונע וואַקסט. די שורות איין=צימערדיקע שטיבלעך, צייטווייליק צונויפ= געשלאָגענע פון ברעטלעך, זיינען שטענדיק באַזעצט. ביים גרויסן ברודער=טיש איז שטענדיק ענג. ביינאַכט, נאָכן לעצטן מאָלצייט, ווען די הענט בענקען נאָך רו און די אויגן קלעפּן זיך פון מיד= קייט, קומט מען זיך פונדעסטוועגן צונויף ביים אייגענעם ברודער=טיש און מען שמועסט זיך דורך פון דער אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, און די אַרבעט, וואָס וואַרט אויף מאָרגן.

אַז דער גרויער באַגינען באַווייזט זיך, קומט יעדערער אַרויס און יעדערער האָט אויפגענומען זיין אַרבעט. מענער און פרויען — אַלעמען האָט די אַרבעט אויפגעוועקט אַ שפּראָץ פאַרטאָג. די גרויסע טשערעדע בהמות האָט געוואַרט אויף די מעלקערקעס און די גרויסעווירטשאַפט פאָדערט, אַז באַגינען זאָל מען זיין וואַך. די קינדער= היים האָט די „מוטערס“ אויפגעוועקט און די טאַטעס און מאַמעס אַרי= בערגעבראַכטע פון דער אַלטער היים — די אַלטע לייט שטייען אויף מיט דעם אייגענעם אימפּעט און רייבן זיך די אויגן, צי זאָלן זיי שפּאַנען מיט דער יוגנט.

דאָ, אין עין=חרוד, איז דער צייטווייליקער שפּיטאָל פאַר דער געגנט און מיט גרויס בענקשאַפט זיצן אויף דער טעראַסע די אויס= געפּיבערטע חברים און קוקן צו דער באַוועגונג אַרום. איצטער, קראַנק זייענדיק, האָט יעדערער צייט צו לופטערן זיינע מחשבות און באַ= שטימען זיינע גוטע, צי זיינע שלעכטע טריט. איינער פון זיי ראָמט מיר איין אַ סוד אין אויער: „וועט זיין נישט פריילעך. מען וועט פאַלן, ווי פליגן — נישט פאַר אונזערע כּוחות.“

און וואָלט ער נישט צוגעגעבן דעם „נישט פאַר אונזערע כּוחות“, יעמאָלט וואָלט איך גלייך מיט אים אפשר נאָכגעזאָגט זיינע ערשטע ווערטער. נאָר ווער קען דאָ די כּוחות מעסטן און וועגן? איך האָב זיך שוין אָפּגעחידושט אין אַמעריקע, אין דער ערשטער צייט, בעת איך האָב געזען די ערשטע אַריבערגעקומענע און די דערוואַכטע ענערגיע פון אונזערע קליינשטעטלדיקע לייט. דאָרט, וואו קיין באַזונדער אי= דעאַל האָט נישט געוועקט צו דער אַרבעט. און דאָ, וואו יעדער

איינער, צי נייטיק, צי ניט, האָט איך זיך אַרויסגענומען אַ באַרג מיט נאַציאָנאַלע התחייבותן, וואָס טרייבן שוין און טרייבן די נשמה אַרויס. האָב איך דאָך געהערט עפּנטלעך ריידן אַן אַרבעטער־פירער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אויסלערנען זיך מעלקן אַ קו איז נאָך ווינציק, נאָר מען באַדאַרף ביים מעלקן די קו אין זינען האָבן, אַז מען בויט אַ יידישע היים און יידישע צוקונפט — — —

דאָס איז שוין צופיל. הלוואי וואָלט מען מעלקן אַ קו אָן באַזונדערע אידעאַלן. שאָדט נישט, ווען די קו קערט אַמאָל אויס אַ שעפּל מילך. צופיל קערט זיך איצטער איבער אין ארץ־ישראל. הונגער־קראַנקהייטן צווישן די אַרבעטסלאָזע און גאָר אַ סך אַנטוישונגען אַפילו צווישן די, וואָס אַקערן מיט דער נאָז די ערד. אָ, די מאַמע־ערד פאַרמאָגט דעם גרעסטן מאַגנעט פאַר די פון דער איינענער הויט־אַרויסגעשפּרונגענע און מאַכט ליב די שווערע און אומגלויבלעכע פאַרבּרידערונג.

איך האָב ביי זיי פאַרבראַכט אַ שבת. דער טאָג פון רו. די גאַנצע קאָמונע האָט זיך פאַרקליבן אין עקאַליפּטוס־וואַלד. מאַן האָט זיך צו דער פרוי דערנענטערט. מאַמע האָט איר קינד פון קינדער־היים אַרויסגענומען און געטוליעט צו זיך. צווישן די ביימער האָט זיך געקייקלט אַ שמועס פון די פאַרזאָרגטע און עס האָט אויך געקוואָלן אַ ליד דאָ און דאָרטן. דער קלאָרער שטראָם, וואָס איז געלאָפן פון קוואַל מיט דעם געגראָבענעם קאַנאַל, האָט אָן אויפהער געמורמלט און פאַרנומען די זוניקייט, וואָס האָט זיך צו אים דורכגעבראָכן דורך די שורות צעצווייגטע עקאַליפּטוסן. וואו איצטער וואַלד — מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געווען אַ זומפּ.

אַ יונגער דור איז געלעגן צעזייט אונטער די ביימער. יונג ווי דער וואַלד אַליין. אַרום האָט זיך געכוואַליעט דאָס ברייטע ווייצן־פעלד, וואָס די ברודער־האַנט האָט געאַקערט און געזייט.

ווער קען פאַרלייקענען די אויסגעווייטאָגטע פרייד, ווען אַפילו דער וויי שרייט איבער די פרייד?

דער וועג צו יחידות.

איך האָב זיך דערנענטערט מיט מיין שרייבן צום פּונקט, וואו איין ווילן האָט זיך מיט דעם אַנדערן פאַרקניפּט און וואו הונדערטער הענט האָבן זיך פאַראייניקט צו בויען דאָס לאַנד און איבערבויען דעם אייגענעם לעבן אויף קאָמוניסטישע יסודות.

און אָט, אין דעם אייגענעם עמק־יזרעאל בין איך אָנגעקומען צו די יחידים און זייער שטרעבן, וואָס מיט אידעאַל און שטילע רייד פון היים־ווי און היים־בוי האָבן זיי אויסגעפּרוּווט דעם כאַראַקטער און געדולד אין די קאָמוניסטישע קבוצות און זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז אויפריכטן דאָס לאַנד וועלן די יחידישע הענט מיט מער פלייס און די וואָרצלען פון אַ יעדן איינעם באַזונדער וועלן זיך טיפער איינוואָרצלען אין עקשנותדיקן באָדן. דאָ פילאָסאָפירט מען אין דער שטיל און גאַנץ אָפט אויפן הויכן קול. אַלע צדדים האָבן אין זינען כלל ישראל און שטייען מיטן פּנים צו דער עפנטלעכקייט:

„נאַט זעט, צי זיינען מיר נישט גערעכט!"

מען קען נישט זאָגן, אַז די פּיאָנערן דעמאָנסטרירן לויטער זייערע קאַפּריזן. ארץ־ישראל איז דערווייל דער האַרטער און טרוקענער געלעגער פאַרן פּיאָנער, און אַ סך מאָל וועט מען זיך איבערוואַרפן פון זייט אויף זייט, ביז עס וועט זיך סוף־כל־סוף אַראָפּלאָזן איבערן מידן גוף דער אויסגעבענקטער שלאָף. דער יחידישער וועג הייבט אָן בולטער צו ווערן אין די קלענערע קאָמונעס, מיט אַ הונדערט אָדער ווינציקער נפשות, וואָס זעען אויס, ווי איבערגעוואַקסענע משפחות, וואו די מיטגלידער האָבן זיך גוט איבערגעקוקט, גוט בודק געווען, איינער דעם אַנדערנס כאַראַקטער גוט אויסגעפאָרשט און אַזוי אָנגעהויבן צו שניידן ברייט פון קאָמוניסטישן לאַבן, און טרינקן וואַסער פון דער איינענער כלי. אויך די

קינדער אַריינגעבראַכט אין דער אַלגעמיינער קינדערהיים. אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל פון אַזעלכע קבוצות האָב איך אָנגעטראָפן. און וואו דער עולם האָט זיך פאַרמערט, איז פאַרהאַן אַ טענדענץ זיך פונאַנדערצעטיילן.

איך בין נאָכגעגאַנגען די ליניע פון זייער אַנטוויקלונג און געווען אויך ביי אַזוינע קבוצות פון אַ פינף־און־צוואַנציק נפשות דערווילע, און וואָס בלויז אַ עטלעכע חדשים זיינען אַריבער זינט זיי האָבן דעם גורל פאַרבונדן מיט אַ טרוקן און שטיינערדיקן באָדן, אָדער זומפּיקער געגנט און אינאיינעם פלעכטן זיי די שעהן זייערע. איך בין אויך געווען ביי די גליקלעכע, וואָס ציילן שוין פינף יאָר פון זייער קאָמוניסטישן לעבן און ווייזן אָן, אַז וואָס אַ יאָר גייט בעסער. די קאָמונע ק ב צ ת ה ג ב ע צווינגט צו גלויבן, אַז וואָס אַ יאָר גייט בעסער. איין אויסגוס פון אַ שטאַרקן מענטשן־מאַטעריאַל, וואו די ווירטשאַפט בויט זיך מיט אַ שטאַרקער האַנט. גלייכע און שטאַרקע מענער, ביים זייט די פרויען. שטאַרק אין גוף. שטאַרק אין כאַראַקטער. פריער געטריקנט ארץ־ישראלס זומפּן, געבויט וועגן און איצטער — אידעאַלע פויערים. זייער פרילינגדיקע צייט פאַרנייגט זיך שוין צום אָנהייב זומער. איך האָב פון זיי מיין געדאַנק אַריבערגעוואָרפן צו די גרופּעס, וואָס בלויז עטלעכע חדשים זינט זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אויפן פונקט, וואו זייער היים און ווירטשאַפט באַדאַרף זיך אַנטוויקלען, און גוטע סימנים האָב איך דאָרטן אויך געזען. כאָטש מען הונגערט, נאָר די אויגן קוקן צום שטיקל פאַראַקערט און פאַרזייט פעלד, און עס קומט אַ דערלייכטערונג. וואַסער פירט מען פון ווייט, נאָר עס ליגן שוין רערן צוגעגרייטע פאַר וואַסער־לייטונג. ניטאָ נאָך קיין הייזער — ליגן שוין ברעטער און מען קלאַפּט צונויף באַראַקן. עס וועלן ניט פעלן קיין שוועריקייטן ביז מען וועט אויפריכטן אַזאַ פאַרשאָלטענעם ווינקל. נאָר זייער מחשבה פאַרטראָגט זיך אַהין צו די דאָזיקע, וואָס פיר אָדער פינף יאָר איז אַלט זייער ווירטשאַפט און עס ווערט גרינגער צו ליידן. און פאַרציט איר מיט אַזעלכע אַ שמועס און איר פרעגט:

— וויפיל זייט איר דאָ?

— פינף־און־צוואַנציק.

— פאַרוואָס ניט מער?

— די גרויסע קאָמונעס זיינען אַ פעלער, ענטפערט מען מיט זיכערקייט.

— אַט עקסיסטירן דאָך קבוצות מיט עטלעכע הונדערט נפשות אין יעדערער — און איך ווייז אָן מיט מיין האַנט אין דער ריכטונג פון ע י ן ־ ח ר ו ד און ת ל ־ י ו ס ף.

— איר ווייסט ניט זייער אינערלעכן לעבן — ענטפערט מען מיר — דאָרטן פעלט גאַנצקייט און האַרמאָניע. וואָס ווייטער וואַקסט דאָרט די אומרו. מיט דער צייט וועלן זיי זיך צעפאַלן. נאָר קליינע קבוצות. פינף־און־צוואַנציק, דרייסיק נפשות, פאַרזיכטיק צוגעקליבענע — מיר דאָ, קענען אַלע איינער דעם אַנדערן. מיר האָבן געלעבט פריער אַ צייט איינס מיטן אַנדערן. מיר זיינען זיכער, אַז ביי אונז וועלן קיין סיכסוכים נישט פאָרקומען.

און איינער גיט צו:

— פאַרשטייט זיך, אַז גלייכער וואָלט געווען, ווען מען וואָלט זיך געקענט באַזעצן יעדער איינער אַליין פאַר זיך, אָבער די צייט איז נאָך ניט געקומען. און דערביי שטייט זיין יונגע פרוי, איז אין די „הויכע חדשים״, פאַררויטלט זיך און גיט צו אין דער שטיל:

— אַוודאי איז אַליין פאַר זיך בעסער...

* * *

דער יחידות־וועג פירט אַוועק צו דער קאָלאָניע נ ה ל ל, וואו די הייזער זיינען אויסגעשטעלט אין אַ קרייז, ווי די ציפערן אויפן ציפערבלאַט.- זיבעציק אָדער פינף־און־זיבעציק הייזער אין קרייז אויסגעבויגן. עטלעכע קאָלאָניעס פון דעם אייגענעם שניט שפּרייטן זיך אין עמק־יזרעאל. נאָר נ ה ל ל איז פאָרלויפיק דער מוסטער. אויך דאָ האָבן זיך די מיטגלידער גוט באַטראַכט און איעדן איינעמס כאַראַקטער גוט אויסגעפאָרשט, איידער מען האָט זיך פאַרבונדן אין אַ איינציקער קאָלאָניע. דער פאַרבאַנד איז נעענטער צווישן שכן און שכן. דאָ זיינען די גאָר־אויסגעפּרוווטע הורך, יאָרן פון אַלערליי פלאָגענישן הונגער און קדחת. די קייט, וואָס בינדט דעם קרייז

שכנים, זעט פון איבערפלאַך אויס צו זיין שטאַרק, און עס דאַכט זיך אויס, אַז איין נשמה באַלעבט אַזאַ קאָלאָניע. שכן מיט שכן שטייט אין אַ ענגערן קאָנטאַקט און צווישן די צוויי שכנישע הייזער שטייט אַ בשותפישע שטאַל, אין מיטן איבערגעצאַמט מיט אַ וואַנט. יעדער שכן האָט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג פון זיין זייט אין שטאַל אַריין. נאָר דער בנין קומט אַריין אין העלפט צו איין שכן און די אַנדערע העלפט צום צווייטן. ביים בויען האָט מען אין זינען געהאַט די פּראַקטישע זייט — אַיינצושפּאָרן אַ וואַנט. און דאָך זעט אויס, ווי די שטאַל וואָלט פאַרבונדןביידע שכנים.

מאָראַליש איז פאַרפליכטעט יעדער איינער צו באַאַרבעטן זיין פעלד אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט. צודינגען הילף פון דרויסן טאָר מען ניט. (אפשר וועל איך זיך ביי אַ געלעגנהייט אומקערן צו דעם אַ ביסל קרומלעכן אידעאַל).

אויך אין דעם אויסערלעכן פּנים פון דער קאָלאָניע דערקענט מען גאַנצקייט. יעדער איינער האָט זיין הויז געמוזט אָפּרוקן פון דער גאַס דעם אייגענעם באַשטימטן שטח און פון פאָרנט, צו דער גאַס פאַרפלאַנצן מיט פרוכט־ביימער. נעענטער צום שטוב — דאָס גערטל גרינצייג פאַרן אייגענעם געברויך און בלומען צום פאַרגעניגן וועגן. הינטערן שטוב — די וויינטרויבן. העט, אַראָפּ, ווייטער פון שטוב — די תבואה־פעלדער.

און גייט מען מיט דער רונד־געבויגענער גאַס פון שטוב צו שטוב און, יעדנס געשמאַק איז אויסגעשטעלט. איינער האָט געפלאַנצט פאַרן שטוב אַפּעלסינען, דער אַנדערער — פלוימען. איינער — עפּל־ביימער, דער אַנדערער האָט אַריינגענבעט אַ עטלעכע ביימלעך נאָר צוליב שיינקייט וועגן. ביי איינעם פאַרן שטוב שפּאַצירן אום עופות, קי, קעלבלעך, און ביים צווייטן — איז אויסער דעם לעבעדיקן מענטשן ניט צו זען קיין לעבעדיקע באַשעפעניש פאַרן שטוב: דאָס זיינען די הייזער פון די „נאַטור־מענטשן“. וועגעטאַריאַנער. עסן נישט קיין פלייש, טרינקען נישט קיין מילך, און האָדעווען נישט קיין הינער און נישט קיין בהמות, ווייל זיי ווילן נישט האָדעווען קיין לעבעדיקע באַשעפענישן פאַר עמעצנס מאָגן...

די מענטשן זעען אויס געזונט ביי אַזעלכע הייזער. סיי די עלטערע און סיי די קינדער. פאַר אַזוינע הייזער שפּרייט זיך די רה פון גאָר דער וועלט. אונטער די ביימער ליגט צונויפגעקנוילט אַ לעבן אַ געלייטערטער.

אייז שכן קומט דעם אַנדערן צו הילף יעמאָלט, ווען הילף איז נייטיק ביים אַקערן אָדער דרעשן. יעמאָלט שפּאַנט מען אינאיינעם די פערד. אין דער קאָלאָניע זייגען פאַראייניקט די כוחות און אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות איז דער אַיינקויף און פאַרקויף.

צוויי, דריי מאָל בין איך מיר אַרומגעגאַנגען אין קרייז אַרום דעם ציפּערבלאַט און כסדר אַרויסגעקומען צו דעם אייגענעם פּונקט. די מחשבות האָבן זיך געדרייט אין דעם אייגענעם קרייז; אויך זיי זייגען בויערס. אויך זיי, אַיעדער באַזונדער האָט דאָ די ערשטע צייט בייגעטראָגן די מאָס פּיזישע ליידן. דער אָרט איז געווען זומ=פּיק און קראַנקהייטן האָבן זיך געביטן. נאָר דער „עלטסטער" פון פון דער קאָלאָניע רעדט שטיל, מיט דערפאַרונג. מיט זיין דערפאַרונג וויל ער מאַכן דעם שטאַרקן אַיינדרוק. ער וויל פאַרלייקענען די קאָמוניסטישע קבוצות:

— ניין, מען קען דעם יחיד ניט בינדן — ציט ער פּאַמעלעך די ווערטער, שווערלעך, מעשה=דאָרפסמענטש — ווי קען מען אַ לעבן לאַנג עסן זאַלבעהונדערט ביי איין טיש? איך וויל בלייבן מיט מיין ווייב ביחידות און מיין קינד וויל איך אַליין דערציען. די מוטער באַדאַרף איר קינד טראָגן אויף אירע אייגענע הענט. מיין קליינע משפּחה איז דאָך מיר נעענטער. ניין, קאָמונעס האָבן נישט קיין צוקונפט, זיי וועלן אַלע אונטערגיין!"

און ער נעמט מיך אָן ביים האַנט און פירט מיך אַרויס פאַרן שטוב. באַווייזט מיר די יונגע ביימלעך, וואָס ער האָט געפלאַנצט. אַ עפּל=ביימעלע מיט די עפּל בויגט זיך נעבעך אונטער זיין משא — „זעט איר, הייבט ער ווידער אָן, דאָס האָב איך אַליין געפלאַנצט. איך האָב געוואָלט, אַז אויף דעם אָרט זאָל דווקא שטיין אַ עפּל=בוים און ווער קען דאָס מיר זאָגן, אַז איך זאָל דאָ פלאַנצן אַ באַרנע=בוים. אַזוי איז מיין באַגריף. מיין געפיל. יעדער דאָרטן, כאָטש מיין שכן, ער האָט זיין אייגענעם באַגריף. און אויב אים

געפעלט צו פלאַנצן אַפעלסינען פאַרן שטוב — פאַרוואָס זאָל איך אים זיין דאַגעגן."

פרעג איך:

— איר האָט זיך דאָך אונטערגעגעבן אונטער אַן אַלגעמיינעם פלאַן. די הייזער געבויט לויט איין פלאַן. און דער גאַנצער דאָרף איז געבויט לויט איין פלאַן.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש, כאַפּט ער אונטער — אַזוי ווייט גיין קען מען ניט. יעדער איינער וואָלט דורכאויס געוואָלט שטעלן זיין שטוב, וואו אים געפעלט, זיין גאָרטן — וואו אים געפעלט און דער גאַנצער דאָרף וואָלט קיין פנים ניט געהאַט. אויף אַ געוויסן אופן לעבן מיר אויך קאָמוניסטיש...

און אַזוי פלאָנטערט זיך דער קאָמוניסטישער געפיל און עס צאַפּלען זיך האַלב-פאַרחלשטע, קאָמוניסטישע באַגריפן, וואָס שטאַמען נאָך פון דער צייט, ווען קעגנזייטיקע הילף איז געווען דער יסוד פאַרן גאַנצן באַנייטן ישוב. און עס פאַרדריסט, ווען עס קומט אויף פאַר דיינע אויגן דער יחידישער וועג, וואָס פאַרפאַרבט אַלץ שטאַרקער די עפנטלעכע מיינונג.

* * *

און אויף וואָס פאַר אַ וועג זאָל איך זיך אַליין אַוועקלאָזן נאָכצוזוכן דעם דערפאָלג פון דער אַרבעט און די צייכנס פון אַ געזיכערטער צוקונפט? איינס איז קלאָר, אַז דאָ, אין ארץ-ישראל, האָבן די חלוצים אַנטוויקלט אַ גרויסע און פולע מאָס רייד, כאָטש די רייד געהערן נישט צו דעם געוויינטלעכן לעקסיקאָן. אין די קאָמונעס שלייפט מען זיך און מיט געשליפענע ווערטער באַשאַפט מען דעם אַרויסבליק-פונקט צו אַ יחידישן לעבן. מען קאָכט זיך איבער אין אייגענער און פרעמדער ביטערניש. אַ דאָרנדיקער פּראָצעס צו בויען אַ נאַציאָנאַלע היים. אַרומגערינגלט מיט אַ שורה סתירות אויף יעדן טריט, מיט דעם באַוואוסטזיניקן תחית-געדאַנק, וואָס קוועלט פון יידישן לעבן און וואָס קומט צום אויסדרוק שטענדיק פאַריתומט און דאָך שרייעדיק: „לאָזט מיר, איך וועל דאָס גאַנצע לעבן איבערבויען!"

אַלע מיינען גוט. אַלע ווילן זיין גערעכט. יעדער איינער שטעלט זיך אַיין פֿאַר זיין אייגענער מיינונג און באַקעמפֿט יענעמס. מאַמע ערד האָט פֿיינט אַ איבעריקע מאָס רייד. פֿאַר מאַמע ערד איז נישט קיין חילוק, ווער עס אַקערט זי, צי אַ בשותפֿותדיקע האַנט, צי אַ יחידישע — מאַמע ערד האָט ליב צו פֿילן די זיכערע און גע־פּרוּווטע האַנט. פֿון איין זייט באַגעגנט מען אין שטאָט די פֿאַר־צווייפֿלטע, וואָס האָבן זיך שוין מיאש געווען צו געפֿינען וועלכן עס איז אָנלעך אין לעבן; מענטשן אויסגעהונגערטע און מיט אַ פֿאַר־גליווערטער קללה אויף די ליפּן, מענטשן, וואָס יעדער שפּור פֿון פֿריערדיקן חלוצים־גייסט איז ביי זיי אויסגעווענט געוואָרן; מענטשן, וואָס קוקן צום מזרח, מערב, צפֿון, דרום, פֿון וואַנען וועט קומען וועלכע עס איז הילף אין געשטאַלט פֿון אַ פּאָר פּרוטות, אָדער אין גע־שטאַלט פֿון אַ שיפֿסקאַרטע אויסצוּוואַנדערן פֿון לאַנד און אויס־שרייען פֿאַר דער גאַנצער וועלט: „שווינדל! פֿאָרט נישט קיין ארץ־ישראל, שטיין און זומפּ. ניטאָ וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן..“

און פֿון דער אַנדערער זייט שטייען די שורות ביי דער ערד, צוגעזויגן צו דער ערד, צונויפֿגעקניפּט אין ענגע קבוצות, קאָמונים־טיש אָדער מיט דער נייגונג צו יחידות — נאַציאָנאַלע יחידות. און פֿון זיי צווייגן זיך אָפּ קלענערע גרופּן, ביז צו דער קלאָרער ליניע פֿון יחידות.

עס זאָגן אויך די גאָר „פּראַקטישע“ און „ווייטזעענדיקע“, אַז צופֿיל קאָמוניזם האָט ארץ־ישראל און אויב אין די קומענדיקע עטלעכע יאָר וועט די אַרבעט אין ארץ־ישראל ניט אָננעמען קיין נייע ווענדונג, געטריבן פֿון אַ נייעם לעבנס־כּוח — שעמט זיך נישט, אויב אַפֿילו אַ קאַפּיטאַליסטישער כּוח וועט קומען — יעמאָלט איז די גאַנצע אַרבעט אין ארץ־ישראל באַנקראָט. אויך זייער וואָרט האָט איצטער אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין לאַנד. דאָס איז אַ וואָרט פֿון דעם „קלוגן“ יחיד.

זיכער איז מיין געמיט מיט די, וואָס קלייבן זיך אין קבוצות צונויף, כּדי צו פֿאַרהונדערטפֿאַכן די פֿרייד, אָדער פֿאַרהונדערטפֿאַכן דעם גרויסן טרויער פֿון די איצטיקע טעג אין ארץ־ישראל. גאָר נישט אַזוי פּשוט איז די גאַנצע דערשיינונג. איך וויל גאָר נישט

רעווידירן מיינע אייגענע געפילן, ווען איך שטיי ביים ברעג ים און זע, ווי די ןשיפן פירן ארויס פון לאנד הונדערטער נפשות און עס קומען אריין בלויז איינציקע, געציילטע; ווען איך זע דעם טרויער פון די אויסוואנדערער און דערקלייב זיך אויך צו דער באהאלטענער צופרידנקייט פון די, וואס פארבלייבן, גלויבנדיק: „עס וועט איצטער א ביסל גראמער ווערן אין לאנד" — צי קען איך זיך דען שטעלן מיט דער פלייצע צו דעם אלעמען?

ווייל אין ארץ־ישראל האבן שוין ידן אזויפיל געבויט, אזויפיל געפלאנצט. אזויפיל ריין געמאכט און אזויפיל געזונט געמאכט. די יחידים, צי די קאמונעס — אלע טראגן זיי אויפן געוויסן דעם גאנצן כלל, וואס באדארף קומען אהער, און דער כלל שטייט מיטן פלייצע צום מזרח.

פון רייזל ביז שושנה.

אויף דער גרענעץ פון טאָג און נאַכט האָט זי ליכט געצונדן פרייטאָג פאַרנאַכט, אויף דער גרענעץ פון טאָג און נאַכט האָט אַ תפילה אַראָפּגעטריפט פון אירע ליפּן. אַ תפילה פאַר איר מאַן, אירע קינדערלעך און גאַנצן פאָלק ישראל.

אַזוי זע איך זי נאָך איצטער, די יידישע מוטער, וואָס האָט מיטן פאַרטעך פאַרשטעלט אירע קינדערלעך און געציטערט, אַז אויף אירע טעכטערלעך זאָל, חלילה, קיין שאָטן נישט פאַלן. י י ד י ש ע מ ו ט ע ר. אירע טריט זיינען פאַרצייכנט. האָט אונטערטעניק פאַריאָכט אַליין איר יוגנט. אַליין געצייכנט איר וואָך און איר שבת.

און שפּעטער, אַז איר שוועל האָט אַ ניט גוטער ווינט אַרויסגעריסן און קינדער האָבן זיך אין דער וועלט אַוועקגעלאָזן, זין און טעכטער האָבן די אויגן אין בלענדעניש געטראָגן — האָט אויף איר די צייט אַ סוף־שבתדיקן שלייער אָנגעוואָרפן.

אירע תחינות ליגן פאַרשטעקט אויפן בוידעם אונטער די קראָקעוועס. דאָס אויסנווייניקסטע, וואָס זי האָט געקענט, איז אויף די ליפּן פאַרטריקנט געוואָרן. שטויבלעכווייז האָט עס דער ווינט אַראָפּגעטראָגן.

איך האָב געזוכט איבער דער גאַנצער וועלט דעם ניי־געבורט פון אַזוינע מאַמעס. געזוכט די טעכטער זייערע, ביי וועמען די מאַמעשי־תחינות זאָלן אויפגעריכט ווערן אין זייערע אויגן. צי האָב איך זיך ביז איצטער מיט דעם אויסגעמיטן? ווערט געווען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און זען אונזערע טעכטער יונג־געבוירענע און די תפילות פון דער מאַמעס ליפּן האָבן זיך אויף דער טאָכטערשים הענט אויסגעזעצט. איך האָב עס דערקענט. די יידישע טאָכטער האָט אַהער געבראַכט איר געלייטערטע יוגנט און זוכט

דאָ אין טרוקענעם בּאָדן דעם פּאַסיקן אָרט, וואו די יוגנט צו פאָרזעצן.

אָ, וויפל יוגנטלעכן בּאַגער און שוימיקן קאַפּריז עס האָבּן די חלוצות אַריבּערגעבּראַכט קיין ארץ־ישראל! האָבּן צונויפגעבּאָרגט כּוח בּיי אַלע יידישע טעכטער אין די גלות־לענדער און מיט אויסגעבּלוטיקטן ווי זיך געריסן צו ניי־געבּורט אויף איינער ערד. צו וואָס האָבּן זיי זיך דען ניט געגרייט אין גלות־לאַנד! האָבּן פּאַר זיך געמאָלט אַ לויטערע געגנוואַרט בּיי מאַמע ערד און געזען פון וויטן, ווי פּאַלעסטינעם פּאַרוואָרלאָזטער, אין זיין איינענער קאַרגשאַפט דורכגעבּרענטער בּאָדן ווינקט צו זיי. צום הייסן אָטעם פון ארץ־ישראלס לאַנדשאַפט האָבּן זיי אַ שטאַרק פולסירנדיק האַרץ געבּראַכט און מיט געזאַנג און מיט פאַרהפקרונג זיך געוואָרפן צו שווערער אַרבּעט אין איין שורה מיטן שטאַרקן און בּרוין מאַן. — פון ר ײ ז ל איז געוואָרן ש ו ש נ ה.

* *
*

ווי וואָלט אויסגעזען דער פויער בּיי דער ערד איבּער גאָר דער וועלט, ווען די פרוי זאָל אים נישט העלפן שלעפּן דעם יאָך, וואָס די מאַמע ערד לייגט אָן אויף אירע קינדער? דאָרט, וואו די פרוי איז נישט אויפגעשטאַנען מיטן מאָרגנשטערן, צוגלייך אינאיינעם מיטן מאַן, בּיי אַזאַ פויער האָט דער צפון־ווינט שטענדיק געפייפט אַהינטערן וואַנט; בּיי אַזאַ פויער האָט די קו מיט פאַרגלייזטע אויגן געקוקט צום זונפאַרגאַנג און איר מילך איז איבּערגעבּרענט געוואָרן אין איר גוף. האָבּן מיר געהאַט מאַמעס, וואָס האָבּן די וועלט איינגעריסן; אַליין געהאַנדלט און פאַרהאַנדלט סחורה, און געזען, אַז דער מאַן זאָל קענען זיצן אין בּית־מדרש און לערנען תורה; די קינדער אויסגעניאַנטשעט און געפירט זיי אין חדר אַריין. מיט דער נייער צייט איז דער מאַן דער גאַנצער הענדלער געוואָרן און זי — צוליבּ־וואָס זאָל איך עס איבּערריידן און דערמאָנען? און אויך אין אַרגענטינע, דאָס ווייטע לאַנד, וואו יידן האָבּן זיך גענומען צו דער ערד — זיי וואָלטן זיך פאַרלאָרן אינאיינעם מיט די ווילטע גראָזן סוף־זומער, ווען נישט די פרויען, וואָס האָבּן

דעם יאָך און די ביטערניש פון גורל געהאָלפן טראָגן. אָבער ניט אַלע מוטערס האָבן צוגעבונדן די קינדער צו דער ערד. וואַקסן שוין דאָ און דאָרטן דערנער אין ווילדע גראָזן, וואו מאַמע און קינד יעטן עס ניט אויס.

דאָ, אין ארץ=ישראל, איז די טאָכטער דער מאַמען דעם וועג פאַרלאָפן. זי איז אַליין געקומען באַוואָפנט מיט ווילן און געדולד, און געוואַרט אויף דעם קאַפּריז פון ווילד=פאַרלאָזענעם לאַנד. אויך זי האָט, ווי דער מאַן, געזען אין דמיון אַ גרין פעלד און רויִקע האָריזאָנטן אין היים=לאַנד. נאָר ביים סאַמע ראַנד פון לאַנד האָט אויף איר געוואַרט די לאַסט מיט אַ בייטש אין הונגערהאַנט. אונזערע געצערטלטע טעכטער, וואָס מאַמעס תחינהדיקער בליק האָט באַגלייט אין וועג אַריין, האָבן מוסקול געשטאַרקט און אָרעם גרייט געהאַלטן פאַר איעדער טעמפּער ווירקלעכקייט, וואָס וועט קומען אַנטקעגן און באַגעגענען. זיכער איז איר באַגערטער אָרט געווען דאָס פעלד, און געוויס האָט זי אַליין נישט געמאָסטן אירע כּוחות; כּוחות פון אַ ײדישער פרוי, וואָס כאָטש אין צייט פון שטורעם און רויטע נעפּלען האָבן זיך אירע יונגע יאָרן אַרויסגעהויבן, אָבער דאָך אַ ײדישע פרוי איז זי, וואָס נאָך מער פון ײדישן מאַן זיינען די הענט נישט געוויינט געווען צו טאָן דאָס, וואָס איז אַזוי פּאָעטיש פון וויטנס און אַזוי ברוטאַל שווער אין אמתן: ערדאַרבעט, פויערטום איז פאַרן ײדן דער מאַגנעט איצטער, וואָס מאַניעט און פאַרשטויסט, בינדט צו און פאַרביטערט.

* * *

פונדעסטוועגן האָב איך זיי אומעטום געטראָפן, אונזערע טעכטער. אַ שטרענגע האַנט האָט זיי צעזייט איבער יעדן נאַקעטן שטח, וואָס איז געוועקט געוואָרן פון אונזערע חלוצים. און זייער אָפט האָב איך זיי געטראָפן דאָרטן, וואו עס האָבן זיך געפּרוכפּערט אַנטטוישונגען און יסורים. גליקלעך זיינען מסתמא די, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ קאָמוניסטישער גרופּע אין פעלד און קענען גיין האַנט ביי האַנט מיטן מאַן, ביים אַקער, גראָבאַייזן, שניידמאַשין און לאָדן די גאַרבן אין וואָגן אַריין, אָדער אויפשטיין פאַר=

טאָג און גיין אויפוועקן די נאָך־איינגעדרעמלטע נערוון מיטן שאַרפן ריח פון קו־מיסט אין קו־שטאַל.

איך האָב זיי געזען אין די מילך־ווירטשאַפטן מיט די פאַר־שאַרצטע שווערע הענט. אויף זיי האָט זיך אין פאַרלויף פון גאָר אַ קורצער שורה באַגינענס אָנגעצויגן די מילך־און־קליינדיקע קאָרע, וואָס באַהנט און מאַכט וואָגעדיק דעם פויערס אויסזען; אין די אויגן — דער קלוגער, גוט־ערנסטער און פאַר דער צייט פאַרעל־טערטער בליק, וואָס איז גרייט מוסר זאָגן יעדן איינעם, וואָס פייפט זיין לידל מיט גרויסשטעטיקן ווינט.

דאָרטן, ביי דער סירישער גרענעץ, אַנטקעגן דעם פאַרשנייטן חרמון, האָב איך געזען אַ שטאָלצע חלוצה, וואָס שוין פופצן יאָר שטייט זי אויף איר פאָסט און מאַכט קעז פון שעפסענע מילך. שאַרפער קעז. שאַרף געזאַלצן און שאַרף אין טעם.

— ווי איז דאָס אייך נישט שווער פופצן יאָר אַזוי צו שטיין ביים געדיכטן צוואָרעכץ קנעטנדיק די קעזלעך?

— און זייט איר געווען ביים קבר פון אונזערע געפאַלענע העלדן, דאָרט, העכער אויפן בערגל? (אויסן געווען טרומפעלדאָרן און זיינע חברים).

אַזאַ דיאַלאָג צו פירן איז גאָר ניט אַזוי היימלעך. עס ווערט דיר דיין אָטעם פאַרשלאָגן. ווייל נישט ביי איר האָב איך באַ־דאַרפט פרעגן אַזעלכע שאלות, כדי אַרויסצורופן אַ בושהדיקע רויט אויף די באַקן און פילן דערביי, ווי די אייגענע באַקן פלאַמען אָדער בלייכן זיך, ווי דער שניי אויף דעם חרמון־שפיץ. ווייל פון איר בליק רעדט אַרויס די באַפרייטע פרוי, וואָס האָט איר גורל פאַרכאַפּט אין אירע אייגענע הענט און איז גרייט צו לאָזן, אַז איר שוואַכערער גוף פון איר חבר־מאַן זאָל זיך ברעכן אונטערן יאָך, וואָס זי האָט אויף זיך אָנגעטאָן.

דאָ, אין ארץ־ישראל, איז דער פרוי נייטיק געווען צו באַ־ווייזן, ווען עס איז נייטיק, אַז זי איז נישט הינטערשטעליקער אַפילו קעגן דעם שטאַרקן און מוסקול־פאַרהאַרטעוועטן מאַן. זי האָט ניט געוואָלט אָפּשטיין פון אים אין קיין שום טריט זיינעם. צו גיין האַקן שטיינער ביים זייט שאָסיי אונטער דער ברענענדיקער זון איז

געוועזן אַ צו=בראַווער שריט. זי האָט עס געטאָן, כאָטש מען האָט
אויף איר געקוקט מיט אַ איראָנישן שמייכל. דער מאַן וויל נאָך
נישט, אַז די פרוי זאָל אים אין אַלץ נאָכטאָן און אפשר איז ער
גערעכט, ווען ער וויל נישט, אַז די פרוי זאָל איר גוף צעברעכן
אונטער לאַסט פון פיזישע אָנשטרענגונגען. און אפשר איז נישט
אַבי=יעדע פּאָזיציע די פּאַסיקע פאַר איר, איצטער, אין צוואַנציקסטן
יאָרהונדערט. אין יאַפּאַן, אַז איך האָב באַגעגנט אין די קוילן=
מינען יונגע מיידלעך פון פופצן, זעכצן יאָר, אָדער אַז איך האָב
אין די הימאַלאַיער בערג, ביי דער טיבעטיאַנער גרענעץ, געזען, אַז
אויף דער פרויס פּלייצעס האָט דער מאַן אַרויפגעלייגט זיין שווערע
משא, האָט עס מיר שטאַרק וויי געטאָן. נאָר דאָ, אין ארץ=ישראל,
איז נישט דער מאַן, וואָס האָט אַנידערגעזעצט די פרוי אויף אַ
באַרג שטיינער און איר גוף צונויפגעדרייט אונטער דער זון פון
האַלבן טאָג. דאָס איז איר אייגענער ווילן געווען. און זי האָט
אים אויסגעפירט. כאָטש פון דעם פלינקן נאָמען ר י י ז ל איז גע=
וואָרן פאַרביטן אויף דער סענטימענטאַלער שושנה. — אומעטום,
וואו איך האָב זי באַגעגנט, צי אין שטאָט, צי אין פעלד, סיי אין
די קבוצות ביים זייט פון די מענער און סיי אין די קבוצות, וואו
זיי האָבן זייער אייגענע ווירטשאַפט איינגעפירט גאָר נישט אָפּהענגיק
פון מאַן — אומעטום האָב איך דערקענט די ניי=געבוירענע און צום
גוטן דערצויגענע יידישע טאָכטער. ווען אַפילו דער גורל האָט זיי
פאַרטריבן אין אַ בירגערלעכער הויז צו זיין אַ דינסט און באַדינען,
באַדינען — — — אַ סך אַזוינע דינסטן פאַרמאָגט תל=אָביב און
ירושלים, דינסטן, ביי וועמען די טעלער פאַלן פון די הענט און
די באַלעבאָסטע שרייט, נישט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס די טעלער,
גלעזער און גאָפּל, מעסער פאַלן פון די הענט. איך האָב פאַרשטאַנען,
פאַרוואָס עס פאַלט ביי דינסטן פון די הענט, יעמאָלט ווען איך האָב
געזען די פּיאָנערן=פרוי אויף איר אייגענער „פּאָזיציע“, ווען אַפילו
זי האָט געצירעוועט די צעלעכערטע זאָקן פון די שווערע אַרבעטס=
מענער אין אַ קבוצה, אָדער זי האָט געקאָכט דעם אָרעמען זופּ פון
וואַסער און אַ פּאָר גרויפּן „מיט גאָרנישט“. יעמאָלט האָב איך אין
איר אומעטיקן און בלייכן פּנים געזען אירע ראָזע פאַרלאַנגען. ביי

אַזוינער האָב איך נישט געקענט פרעגן אויף איר תכלית. זי וואָלט מיר אָנגעוויזן אויפן פאָס צעאַקערט פעלד און, ווען אַפילו גאָרניט זאָגנדיק דערביי, וואָלט איך פאַרשטאַנען איר מיין. וואָרעם ביי יענער אין שטאָט, וואָס ביי איר פאַלן די טעלער און גלעזער פון האַנט אַרויס, יענע ווען איך האָב געפרעגט איר: „צי דאָס איז דער תכלית?" האָט זי מיט בלוטיקע טרערן געענטפערט.

* * *

אַ סך, אַ סך פון דעם, וואָס עס דריקט דער פרוי איבער גאָר דער וועלט און פאַרשטופט זי צום קליידער־שראַנק און שפּיגל צו זוכן איר דערגאַנצונג — פון דעם האָט זיך די פּיאָנערין אין ארץ־ישראל באַפרייט. אירע הענט, אירע פיס זיינען שווער געוואָרן און זי לאָזט, אַז די זומערדיקע זון זאָל איר הויט דורכברענען. אירע קליידער זיינען דורכגעווינטיקטע און צום ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט, דעם ניי־געבוירענעם איז זי אַ שוועסטער. זי האָרעוועט, ניט נאָר די יונגוואַרג אירע, נאָר אַלע יונג־געבוירענע אין דער ווירטשאַפט. זי האָט איר פאַרלאַנג צו פלאַנצן, פלאַנצן אָן אַ שיעור. דאָ און דאָרטן האָבן מיידלעך „משתלות" און דערציען יונגע ביימלעך צו פאַרפלאַנצן ארץ־ישראלס נאַקעטקייט.

איינע שטרעקט אויס די האַנט און ווייזט מיר אָן צו די נאַקעטע יהודה־בערג:

— „זעט איר די בערג פון יהודה, אונזערע בערג. אַוודאי זיינען זיי דאָך אין די ביבלישע צייטן געווען באַוואַלדערט. צעשטערער, מענטש און ציג האָבן זיי פאַרדאָרבן. אונזער חוב איז יעדן יאָר עטלעכע הונדערט טויזנט ביימער צו פאַרפלאַנצן און באַקליידן די נאַקעטקייט פון די יהודה־בערג."

און זי ווייזט מיר די יונגע ביימלעך, וואָס אַ יאָר זיינען זיי אַלט און וואָס צו האַלב יאָר נאָך יונג. זי רעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון די יונגע ביימלעך און ארץ־ישראלס נאַקעטקייט. און איך קען מיין אויג נישט אַראָפּנעמען פון די צען, צוועלף יונגע מיידלעך, וואָס שטייען אונטער דער זון און ריטמיש צעגראָבן זיי די ערד, צו מאַכן זי ווייך פאַר אַ נייער זריעה.

„ווער האָט די דאָזיקע געבּוירן — פרעג איך בּיי זיך אַליין. און צי האָט ארץ־ישראל געוואַרט אויף זיי און צי וועט ארץ־ישראל זיי בּאַלוינען מיט יענעם שכר, וואָס איז בּיטער ווי פּאָלין און זיס, ווי די ניט־פאַרדינטע שמיץ, וואָס דער געליבּטער גיט?“

ארץ־ישראלס „פרומקייט“ קוקט קרום אויף דער יוגנט, הלמאי זי האָט זיך פאַרבּונדן מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס שמייכלט אַפילו אויף חילול־שבת; דאָס איז די אייגענע פרומקייט, וואָס קוקט קרום, אַז מען איז אין ארץ־ישראל דוחה דעם קץ און דעם משיח־אייזל פאַרבּייטשט מען פאַר דער צייט. די דאָזיקע פרומקייט פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט נישט צו זען די בּאָרוועסע טריט פון דער יידיש־יונג־געבּוירענער פרוי. אַוודאי וועט די דאָזיקע פרומקייט גיין אַנטקעגן איעדן נביא, וואָס וואָלט אויפגעשנירלט קללות און בּייטשן דער יידישער פרוי. „חלוצה“ — איז אַ זידל־וואָרט אין ארץ־ישראל. מיט „חלוצה“ מיינט מען אַ פרוי, וואָס האָט פון זיך אַלע חרפּות אַראָפּגעוואָרפן און קען זיך זעצן רייטנדיק אויף אַ אייזל, פון בּיידע זייטן בּאַהאַנגען מיט מילך־קריג, אַזוי בּיז צו די קני אַ בּאָרוועסע, אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין און צעפירן מילך אין די הייזער.

אַ „חלוצה“ הייסט אויך די, וואָס קען גיין מיט אַ בּחור האַנט אויף אַקסל פאַרלייגט, גיין דורך די גאַסן פון דער „גרויסער“ שטאָט תּל־אָביב און זינגען בּיז האַלבּע נאַכט: „אם אין אני לי מי לי, ואם לא עכשיו אימתי“.

עס גייען שוין אַרום לעגענדן פון יענער און יענער, וואָס איז געווען די שענסטע מיידל אין ארץ־ישראל. די שיינע חנה, אָדער שיינע צפּורה — וואָס בּיים בּחור איז דער האַמער פון האַנט געפאַלן בּיי דער אַרבּעט, ווען זי איז פאַרבּייגעגאַנגען. און חנהן, צי שושנהן האָט זיך דווקא געוואָלט מישן זאַמד און צעמענט. צו שלעפן ציגל בּיים בּויען תּל־אָביב. זי האָט געהאַקט שטיינער און געפאָרבּן דעכער און איצטער איז פון איר נאָר אַ שאָטן געבּליבּן.

אַ בּחור האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַזאַ געוועזענער... און טרויעריק בּאַמערקט: „אַ סך אַזוינע מיידלעך אין ארץ־ישראל, אַ שאָד וואָס זייער שיינקייט איז אונטערגעגאַנגען. ארץ־ישראל צעבּרעכט,

ארץ־ישראל פאַרערט קרבנות. די פרוי האָט דאָ איבער אירע כּוחות מקריב געווען". נאָר פרעגט דעם קלוגן פויער, וועט ער זאָגן: אַז יעדע זריעה, וואָס מען באַהאַלט אין דער ערד, ווערט פריער צע־שטערט, איידער פון איר קומט אויף אַ יונג ניי לעבן. און אַזוי איז די תּחיה פון דער פרוי אין ארץ־ישראל.

עס האָט אָן אַ שיעור ווי געטאָן, וואָס איצטער, אין דער שווע־רער צייט פאַרן נייעם ישוב, באַגעגנט מען אויך די פרוי אויף די וועגן און שטעגן, וואָס פירן פון האָפענונג צו האָפענונג, בעת דאָס לאַנד האָט זיך אײַנגעשרומפּן און דריקט די פרוי צוגלייך מיט דעם מאַן און צומאָל נאָך ביטערער און פײַנלעכער.

ירושלים.

זיבעצן מאָל איז ירושלים, אָדער אל קודש, די הייליקע, ביי די אַראַבער, חרוב געוואָרן. נישט נאָר איינמאָל איז איבער ירושלים פאַר אונזערע אויגן געקומען די צעשטערונג. און יעמאָלט, מיט גענויע צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען טיטוס האָט באַפוילן נאָך דער פאַרוויסטונג דורכצושניידן מיטן אַקער דעם אָרט, וואו די הייליקע שטאָט איז געשטאַנען, אַלס צייכן פון פולן חורבן, שוין יעמאָלט האָט מיט טרערן געלאַכט אַ יונגע שטימע צווישן די חורבות.

ווייל נישט קיין שטאָט איז ירושלים געווען אין אַלע צייטן, נאָר אַ שטרויכלשטיין, וואו דורותדיקע ליידנשאַפטן זיינען איבער אים צעשלאָגן געוואָרן און אויסגעוועבט געוואָרן. און וואויל און הונדערט מאָל ווי איז געווען צום פאָלק, וואָס האָט ירושלים איינ־גענומען.

פאַר וועמען האָט זיך דען זיין גאָט נישט באַוויזן אויף דעם העכסטן צווישן די פעלזנשטיינער, אַוואו ירושלים האָט זיך אַזוי עקשנותדיק איינגעזויגן? אויפן שיידוועג פון אַלע וועגן איז ירושלים־באַרג אַזוי שטאָלץ געווען. נאָר מיר האָבן ירושלים אַזוי ציטעריק פאַרנומען און מיט צערטלעכקייט פאַרשלייערט. בלויז פאָלק ישראל קען בעטן אַזוי ציטעריק: „צו ירושלים דיין שטאָט זאָלסטו זיך קערן מיט דערבאַרעמונג.“

ווער האָט רחמנות געהאַט אויף ירושלים אין די זיבעצן חורבנס אירע? און צי דען איז ירושלים אויך איצטער נישט חרוב? אַ קאַפּריזן־גייסט זיצט אין ירושלים, וואָס רייסט אַליין פון זיך די צירונג אַראָפּ. ירושלים פאַרשליידערט אַליין אירע גאַסן מיט שטיינער. געקומען די צייט, וואָס יעדער פאָלק האָט אַ שטיין דאָ געהאָרכט און אָפּגעצאַמט זיך מיט אייגענער קדושה. אונז איז נאָר געבליבן

אַן אַלט שטיקל מויער צום וויינען. די גרויסע צווישן פעלקער האָבן גרעסערע שטיינער געפונען, זייער שכינה אַרויפצוזעצן. און די מוסולמענער האָבן דעם שטיין איבער אַלע שטיינער פאַר זיך דערוואָרבן, דעם „אבן השתיה“, דעם שטיין, וואָס האָט זיך צומייסטנס אָנגעזאַפּט מיט בלוט פון קרבּנות, אַריינגערעכנט מענטשן־קרבּנות (אויף אים האָט דאָך אויך אברהם געוואָלט מקריב זיין יצחקן). מאַכמעד האָט זיינע טריט אויף אים געשטעלט. קריסטלעכער גייסט לעבּט אַרום און אַרום די שטיינער ירושלימס און קלויסטער־גלאָקן קלינגען אַריין זייער לאַנגוויל אין דער לויטערער לופט איבער ירושלים.

* * *

וואו איז ירושלים, מיט בּערג אַרומגערינגלט? אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן. אַלט ירושלים, ניי־ירושלים — הויפנס שטיינער ראָזע, אַזוינע לעבּעדיקע. נישטאָ אַ שטאָט אויף דער וועלט, וואו די ערשט צעהאַקטע שטיינער אין אירע גאַסן זאָלן אַזוי בּלוטיקן. ווייל דורך זיי בּלוטיקט אונזער געמיט. זיינען אָנגעקומען אונזערע בּויערס מיטן שטראָם צו בּויען אַ נייע ירושלים און נאָך מער האָבּן זיי פאַרמערט די אָנגעשליידערטע שטיינער־בּערג. כּלומרשט ניי־שטאָט אויסנווייניק פון טויער. גאַס־אַיין, גאַס־אויס — עס אַנטלויפט די אַלטע קדושה פון די בּרייטע שטויבּיקע גאַסן און מאַניעט צו דער אַלטער שטאָט.

דערווייל עקשן זיך אַיין און לאָז זיך נישט פירן פון די כּישוף־הענט. שטיי, וואו דו שטייסט, און בּליק אַריבּער אויף אַלע זייטן, מזרח, מערב, צפון, דרום, זוך די יידישע וועלט. בּערג אַרום ירושלים. די ה ר י י ה ו ד ה, וואָס זינגען אין דער לויטערקייט פון טאָג, וואָס שווימען אין דער בּלויקייט פון טאָג, בּערג, וואָס גייען אין קאַראַהאָד און טאַנצן זייער טאַנץ אויף צו־להכעיס צייטן און דורות. אין סאַמע בּלענדעניש פונם לאַנד האָט זיך אַריינגעקליבּן ירושלים און צעשאָטן איז די שטאָט, וואָס האָט אַזויפיל קללות אויף איר אַנטפּלויזטער, טרוקענער בּרוסט געוואַרעמט און זיי אַריינגעלייגט אין מויל פון נביאים. ירושלים חרוב צו מאַכן איז געווען

דער באַגער פון יעדער זיגער=האַנט. און ווער האָט דען געקענט ביזן יסוד זי פאַרווּסטן? געבליבן זיינען דאָך אַלע אַלטע פונדאַמענטן. אַלטע מויערן און אויף זיי זיינען נייע אויסגעוואַקסן. די פונדאַמענטן האָבן זיך צוריק צו דער ליכטיקער זון אַרויסגעהויבן און קיין סוף איז נישטאָ צום וואַנזין, וואָס האָט דאָ געשפּילט אין די בלוטיקע דמיונות פון הערשער און באַהערשטע, זיגער און באַזיגטע.

צייטנווייז איז אויסגעגאָסן אַ בלאַסקייט איבער ירושלים און אירע סביבות. אויסגעגאַנגען אַלע זאַפטן. אויסגעטריקנט אַלע קוואַלן, וואָס האָבן אַמאָל אין זיך אָפּגעשפּיגלט פאָלק און גלויבן. און קומט אַ ווינט צעבלאָזן פון אַהינטער דער אַלטער וואַנט און ווירבלט אַ שטרויעלע אין ווייסן שטויב — קומט אויפן געדאַנק אונזער גאַנצער גורל איבער גאָר דער וועלט. און עס דאַכט זיך: ירושלימס פּנים איז אונזער פּנים. אַזוי צעשאָטן און צעשויבערט און אַזוי פאַראייניקט. אַזוי=אָ חרוב און דאָך אויסגעבויט. אַזוי אַלט=האַרט=נעקיק און וויקלט זיך אין ווייכע קאָלירן.

ווער בויט דאָ איצטער אין ירושלים? וואָס האָט דאָ די אַלטע רוסלאַנד אַ קלויסטער אויפגעשטעלט? פאַר וועמען איז די דאָזיקע מצבה געבליבן? פונקט ווי דער גראַניטן=זייל גרויס, ווי דער שטאַם פון אַ מעכטיקער סאָסנע, וואָס ליגט דאָ פון דורות אויפן פלאַץ פון קלויסטער — אפשר אַ הורדוס=ווילן האָט אַהינגע זיילן ערגעץ געטעשעט און אַהער פאַרשלעפּט. און ווער ווייסט, וואָס די ערד באַהאַלט אין דער טיף? האָט מען איצטער די דריטע צפון=מויער אויסגעגראָבן — די מויער פון אַגריפּאָס דעם ערשטן. יעמאָלט האָט ירושלים זיך צעוואַקסן און אַרויסגעוואַקסן אויסער דעם מויער, און באַשיצונג האָט געפאָדערט דער אַרויסגעוואַקסענער ישוב. אויך יענע וואַנט איז אינגאַנצן נישט צעשטערט געוואָרן. און אַפילו די ערטער, וואָס זיינען נאָענט צו אונזערע אַמאָליקע הייליקייטן, וואו מען האָט דורך דורות מיסט געשאָטן — איז אויך נישט געווען גענוג מיסט צו פאַרשיטן אויף אייביק פאָלק ישראלס האָפענונג. שער האַשפות, דער „מיסט=באַרג" איז אויך אַ סימבאָל אויף דער וועלטס מיסט=וואַרפער.

איך שטיי אויפן הר הצופים און קוק צום גרוי־געלבלעכן בית־עולם אויפן הר הזיתים, און די טויזנטער מצבות, וואָס שטאַרצן קנאָכעדיק פון באַרגס שפּוע אַרויס. אין דאָ, דער פאַר־שטאָפּטער טויער, דער שער הרחמים, פון וואַנען משיח וועט נאָך אַמאָל אַריינטרעטן קיין ירושלים אויף זיין ווייסן אייזל. און די ווידערשפּענסטיקע נאָר האָבן געפּעלשט אין ירושלים און אַרויסגע־בויט זיך ווייט, ווייט אין דער אָפּנקייט און פאַרלאַנגען גאָרנישט, אַז מויערן זאָל מען אַרום זיי מויערן. נישט אויף מויערן האָפן זיי, וואָס זאָל זיי אַריינשליסן אין דער אַלטער שטאָט אַריין, פאַר־שכנותן מיט דער וועלטס הייליקייטן.

און אויך דאָ האָט דער נביא ישעיה זיינע שווערסטע קללות אויסגעשאָטן: „אָ, אין יענעם טאָג וועט נאָט אַראָפּרייסן פון ירושלימס פרויען גאָר זייער ציהונג, די האַלדזבענדער, די אוירינגלעך — — — און אַליך, ווייל ציונס טעכטער גייען מיט פאַרריסענעם קאָפּ און קאָ־קעטירן מיט די פיס — — —“

איצטער זיצן יידישע טעכטער אונטער דער ברענענדיקער זון פון האַלבן טאָג, אָפּגעריסענע און שטיינער האַקן זיי. פאַרברענט איז די הויט און געפּלאַצט וואָלט יעדער בראַסלעט אויף די אָנ־געצויגענע מוסקלען און געפּלאַצט וואָלט יעדער רינג אויף די פיס, שווערע און באַשפּריצטע מיט דעם פּעלזנשפּליטער.

וואָס בויען זיי? און וואָס איז זייער תכלית דאָ, אונטער די הימלען פון ירושלים? קיינער קען מיר קיין באַשייד נישט געבן. ווייל דאָ בויען אַלע, פאָרשטייער פון אַלע מעכטיקע מדינות, קריסט־לעכע, שטעלן־אויף זייערע בנינים און איבער די בנינים קרייציקט זיך דער צלם. און לאַנג, לאַנג וועלן קריסטלעכע פעלקער דאָ בויען.

* *
*

אין דער אַלטער שטאָט, אין די גאַסן שמאָלע און געדרייטע, וואָס פירן באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף דעם מענטשן־געפלעכט — אין דעם אַנטיקוואַרישן טייל, וואו הייליקייט שימלט און שימל ווערט נאָך אַליין פאַרהייליקט, אין די ענגע גאַסן, וואו נאָר פוסגייער און קעמל און אייזל קען זיך דורכשלאָגן, צווישן די קרעמלעך און

קרעמער, אַלערליי סחורות, פון פעטע שאָפּס אָפּגעשונדענע הינטערחלקים ביז צו די פֿײַנסטע בשמים און געווירצן; אַלע אויסגערונענע, אויסגעלאָשענע אויגן פון דעם אייביק אָריענטאַלישן קרעמער — אָ, ווי נישט הייליק דאָס איז! עס גלויבט זיך נישט מער. און באַשטראָף מיך נישט, ירושלים, ווייל שיין ביסטו אין דײַן אינעווייניקסטער פאַרחושכטקייט, וואָס רייסט זיך צו דערלייזונג.

צופיל האָב איך זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אויף אַ בלינדן מאַן, אַ ריז, „דער בלינדער שמשון רופט מען אים“, וואָס שטייט בײַ אַ ראָד אַ גאַנצן טאָג און דרייט אַ שטיין און מאָלט איילקערנער. און אויך אַזוי האָב איך געזען אין אַ צווייטער טיר אַ גרוי-בלאָטיקן קעמל מיט זײַן האָרב נאָך מער געהויקערט, זײַנע אויגן פאַרבונדן און אויך ער דרייט זיך אין ענגן קרײַז אַרום, דרייענדיק אַ שטיין, וואָס צעמאָלט די איילקערנדלעך. פון ביידנס מי טריפט טראָפּנווייז דער אייל — יאָ. איך האָב זיך פאַרטראַכט אויף ביידנס געדולד און פאַרזען אונזערע חסידים און גאָטספאָרכטיקע מענער אַלט און יונג, וואָס ציען פאַרביי טריט בײַ טריט אַראָפּ צו דער מערב-וואַנט: די טרויער וואַנט.

צוליב-וואָס אַזוינע פאַרביקע סאַמעט-זשופּעצעס אין אַזאַ-אָ פאַרשימלטער גרויקייט? וואויל איז אײַך, וואָס מיט אַזעלכע גרינגע טריט קענט איר דאָ טאָג-אײַן, טאָג-אויס טרעטן גלײַך דעם וועג, ווי איר וואָלט גאָרנישט געזען, וואָס רעכטס און לינקס קומט פאָר אויף אײַער וועג. צי דען טראָגט איר אויף די פּלייצעס אַזוי גרינג דעם יידישן גורל, ווי גרינג איר טראָגט דעם רויטן סאַמעט אויף די אַקסלען? כאָטש איר גייט מיט דעם וועג, וואו מען ווײַזט אָן קריסטוסעס „יסורים-שטעג“, ווען ער איז געגאַנגען געבויגן אונטער דעם שווערן קרייץ אָנגעלאָדן אויפן פּלייצע — אָ, ווען ער קומט מיר איצטער אַנטקעגן מיט זײַנע רויט-פאַרטרערטע אויגן און קוקט מיך אָן און פרעגט מיט אויגן אויסגעווײנטע: „דערקענסט מיך?“ וואָלט איך אים אַרויסגעפירט פון די שמאָלע גאַסן, טריט בײַ טריט אַרויסגעפירט אים דורך איינעם פון די טויערן צום אָפענעם פלאַץ אַרויס, וואו אונזערע טעכטער און זין שפּאַלטן דעם פעלד און גרויסע שטיינער האַקן זיי און צעהאַקן אויף קלענערע — ער

אַליין וואָלט נישט געוואַרט אויף דעם, וואָס איך וועל זאָגן. ער וואָלט געווים פאַרשטאַנען, וואו דער איצטיקער יסורים־וועג פירט...

* *
*

פאַרפייניקטע פרייד — — —

ווייל נישט צו אונז געהערט ירושלים. און נישט יידנס הלום באַדאַרף זיך שוין וואַרעמען אויף דעם אָרט, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען. כאָטש גרעסער איז די צאָל פון יידן דאָ, ווי פון נישט־יידן, נאָר מיליאָנען אויגן, בייזע, ביטערע שווינדלען דאָ אַרום. דורות, דורות און זייערע נישט־פאַרגינערישע אויגן גליען אין לופט, ווי עס גליען די פייער־פליגן אין די הייסע נעכט. די אַלע, וואָס האָבן ראַסן־האַס געווירצט און פאַרבשׂמימט, די אַלע האָבן דאָ זייערע געצעלטן. ווייל אונטער ירושלים איז פאַראַן אַן אַנדער ירושלים, וואָס איז וואַך און מיט וואולקאַנען פייער רויכערט זיך פון דער טיף דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אָפּפער און פון מענטש אין זיין עקסטאַז צו דעראָבערונג. איעדער שטיין איז אַ שטיק פאַרגליווערטע געהירן, איעדער פעלז — אַ שטום־געוואָרענער פאַר־לאַנג. אַ חידוש נאָר, ווי אַזוי אונזער ליידנשאַפט שרייט דאָ איצ־טער אַלעמענס אַריבער.

די בילּיקע גראַמאָפאָנען, וואָס גרילצן און זינגען אוים פון אַראַ־בערס קרעמל ניגונים, כדי צו פאַרמאַניען אַ דורכגייער אויף אַ טעלער געקעכץ, אָדער די אַלע קרעמער אויסגעשטעלטע אין די טירן, קינדער פון אָריענט, צווישן וועלכע אונזערע לייט פּאַסן זיך גוט אַריין — וועלן זיי דערשפּירן געטלעכקייט און אָנהייבן שרייען: קדוש, קדוש? ניין, עס וועט נישט געשען. מיט הייליקייטן זיינען גאַסן געברוקירט. הייליק איז נאָך אפשר דער באַזאַכטער און ברייטער טראָט פון קעמל, וואָס קומט אַריין פון מדבּרדיקע וועגן צו די טויערן פון דער הייליקער שטאָט. אָ, ווי שווייגנדיק עס זיינען די קעמלען איבער גאָר דעם לאַנד און נאָך מער באַדייט זייער שווייגן, ווען זיי טרעטן באַשיידן דורך די שמאָלע געסלעך פון דער הייליקער שטאָט.

צי דען די טריט פון אַרמענישן אָדער גריכישן גלח, וואָס

טראָגן זייער זאַטקייט דאָ, אין די שמאָלע גאַסן אַרום — צו דען זייערע טריט זאָל איך באַגעגענען?

דאָ און דאָרטן אַן אַלטער געזימס אויף אַן אַלט, צע־שפּאָלטן הויז; דאָ און דאָרטן איז אַ ביימעלע אויסגעוואַקסן אויף דער אַלטער וואַנט, אָדער אַרקע, וואָס באַהעפט צוויי זייטן גאַס; דאָ בליקט אַרויס אַ שטיין פון אַ נייעם בנין, נאָר דער שטיין גע־הערט צום בית־המקדש־צייט און דאָ, אַן אַלטער בוים, וואָס איז געדולדיק צום ירושלים־שטויב, ווי דער קעמל צום מדבר־שטויב. — גיי בוי אויף דעם וועלטן, דו, ווינט־מענטש!

נאָר עס הערט ירושלים, ווי דער גליל שרייט צו איר ווי גאָר אַמאָל. גליל וואָרנט, אַז נישט ירושלים, די הייליקע, באַדאַרפן יידן בויען, ווייל צופיל האָט ירושלים געדינט פאַר אַן אַרויסבליק־פונקט פאַר פעלקערס ליידנשאַפטן. און שאַרפער איז געווען די קללה, וואָס נביאים האָבן געשליידערט אויף ירושלים. יעדער איינער, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן הר־הצופים, האָט געזען ביז עק וועלט. און יעדער איינער פון דער וועלטס גענעראַלן האָט געשטרעבט צום הר־הצופה, פון דאָרט צו פאַרמשפּטן די וועלט אין בענטשן די טאַוונגען פון זיינע הענט. פון טיטוס ביז אַלענבי איז אַ סך־הכל פון אַ פּאָר טויזנט יאָר און דער ווינט האָט נאָך אַפילו דעם שטויב אינגאַנצן פון פעלזנשטיין נישט אַראָפּגעבלאָזן.

פון טיטוס ביז אַלענבי — צוויי טויזנט יאָר. אונזערע צוויי טויזנט יאָר, וואָס האָבן זיך, ווי איין לאַנגער, שאַרפער, שטורעמדיקער בריליאַנג געטראָגן איבער אונזער לעבן. עס קומען נאָך אַלץ די קלאָגער און די וויינער צו דער טרויער־וואַנט און רעדן זיך דורך מיט די גרויע, רויע און פלאַכע שטיינער; וויינען אַריין זייערע לעצטע טרערן און יאָמערן ביז דאָס חיות גייט אויס. און אויבן, פון צווישן די שטיינער אַרויס וואַקסן גרינע ביימלעך אַרויס. צע־צווייגן זיך צווייגלעך אַרום פון עקשנותדיקע וואָרצלען אַרויס מיט אַ וואָרענונג:

„ווייסט, אַז שטיין איז שטיין. ער גיט זיך אונטער, ווען לעבן שפּאַלט אים. נאָר פון אייערע טרערן וועט דער מינדסטער וואָרצל נישט באַפרוכפּערט ווערן.“

עטאַפּן פון יידישער בענקשאַפט.

1. כותל־מערבי.

איך בין געגאַנגען טריט ביי טריט פון יפו־טויער, וואָס אין ירושלים, באַרג־אַראָפּ. באַרג־אַראָפּ, דורך די שמאָלע געסלעך, געטראָטן די גליטשיקע שטיינער — דורות־לאַנג באַגראָבענע אין איינענעם שווייגן. געטראַכט:

„פאַרוואָס פירט אַלץ כסדר באַרג־אַראָפּ דער וועג צו דער טרויער־וואַנט?"

באַלד צוויי טויזנט יאָר און דער וועג צו דער טרויער־וואַנט פירט אַזוי באַרג־אַראָפּ. עטלעכע שורות פלאַכגעטעשעטע שטיינער, עדות פון אַמאָליקער זעלבשטענדיקייט. און, מישטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ רו האָבן די דאָזיקע שטיינער געהאַט אין אַלע אַלטע צייטן ביז צו היינטיקן טאָג... אַזאַ טרויער, אַזאַ טרויער, אַז אַ פאָלק זאָל פון זיין צעזייטקייט כסדר אַהין, צו דער „מערב־וואַנט" מכוון זיין די טרערן.

וויפל מאָל איך בין געגאַנגען מיט דעם טרויער וועג צו דער טרויער־וואַנט, אַזויפיל מאָל האָב איך געשפּירט די עלטער, ווי זי ליגט זיך אָן אויף מיינע פּלייצעס. ווי זי בויגט מיין וועזן נידעריקער, טיפער. קיין וואונדער נישט, וואָס דער וועג פירט באַרג־אַראָפּ. עס איז אונזער „וויאַ דאָלאָראָזאַ", אונזער יסורים־וועג. יעדער איינער, וואָס גייט באַרג־אַראָפּ צו דער מערב־וואַנט, גייט מיט דעם קרייץ אויפן פּלייצע. אַ קרייץ פון שטיין, שווער און פון אויבן דריקט אַ פרעמדע האַנט, די לאַסט נאָך שווערער צו מאַכן.

צרות, דאַגות שלעפּן באַרג־אַראָפּ. פאָלקס־יסורים, פאָלקס־טרויער, צי טרויער פון יחיד — די טיף רופּט צו אים. אימגליקן באַ־

פליגלטע האָבן זיך שטענדיק געטראָגן פון לאַנד צו לאַנד, פון איין יידישן קיבוץ צום אַנדערן און די שורות פלאַכע, גלייכגעטעשעטע און גלייכגילטיקע שטיינער, שיכט אויף שיכט אויסגעלייגטע — — פאַרוואָס האָט זייער שווייגן נישט עקספּלאָדירט אין דער שורה פון דורות, אַזוי אַז די ערד זאָל ביז די פונדאַמענטן אויפציטערן?

ווי ווייניק עס איז פון אונזער זעלבשטענדיקייט איבערגעבליבן און ווי נישטיק עס איז אין ליכט פון אונזערע באַדערפענישן — נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע!

* * *

פאַרוואָס האָבן מיך אָנגענומען פאַר אַ „נישט־יידן" אָט די אַלע בעטלער אונזערע, אויסגעזעצטע אויף דער ערד אין שמאָלן געסעלע גאָר נאָענט בײַ דער טרויער־וואַנט? בלינדע, טויבע, לאָמע האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט רייד אויפן חשבון פון מיינע לאַנגזאַמע און פאַרטראַכטע טריט. צום גאַנג פון מיינע טריט האָבן זיך אָפּגעריסן די ווערטער בײַ די בעטלער:

— גיב עפּעס, גיב עפּעס דעם אָרעמאַן, צי זעסטו ניט אונז אַלעמען, וואָס זיצן פאַר דיר אויף דרערד?

— לאָז אים צורו, ער איז ניט פון אונזערע.

— ער קוקט אַפילו נישט אויף אונזער זייט.

— ער מאַכט זיך ניט זעענדיק.

— ער באַמערקט אונז נישט.

— אַ נישט־אונזעריקער און מיט אַ האַרט האַרץ.

— גיב אַ נדבה די אומגליקלעכע.

— ניין, לאָז אים, לאָז אים, בעט נישט קיין נדבה בײַ אַ נישט־אונזעריקן.

נאָך לענגער האָט זיך דער בעטלער־דיאַלאָג געצויגן, און ווי אַזוי האָט עס זיי אָפּגענאַרט דער געפּרוּווטער בעטלער־חוש? ווי האָבן זיי באַשטימט, אַז איך בין נישט זייעריקער? אמת, צופיל הונגעריקע האָב איך געזען אין מיין איצטיקן וועג דורך די מזרח־לענדער. גענוג פאַרוואָרלאָזטע לעבעדיקע סקעלעטן האָב איך געזען אויף די הויפּטשטעגן אין כינע. און גענוג פון דעם אייגענעם

מין האָב איך געזען אין אינדיע. האָט עס אַזוי מײן גאַנצן מהות פֿאַרהאַנדערשט — ביז זײ זאָלן עס קענען דערשמעקן?

פֿאַרפֿאַלן, כ׳בין פֿאַרמשפּט געװאָרן צוליב מײנע פֿאַרטראַכטע טריט און צוליב דעם שװערן קרײץ, װאָס איך האָב בשעת־מעשה געטראָגן אויף דער פּלײצע אָנגעלאָדן — און זײ, די בעטלער, האָבן עס נישט באַמערקט.

* * *

אויף דער „מערב־װאַנט" אָדער טרויער־מויער אַלײן האָט געשװעבט די פֿולע װאָכעדיקײט. שולדיק איז געװען דער בלויער הימל, װאָס האָט זיך אויבן איבער דער װאַנט אויסגעשפּרײט. שולדיק געװען איז די זון פֿון האַלבן טאָג, װאָס האָט אומדערבאַרעמדיק געשרפֿעט. שולדיק זײנען געװען די יאָרן פֿון װעלט־דערװאַכונג און שולדיק זײנען געװען אין דער װאָכעדיקײט די אַלע װײנער אין קלאָגער, װאָס איך האָב געטראָפֿן בײם װאַנט אין אַזאַ ארץ־ישראל־לויטערן טאָג.

צו דעקאָראַטיװ מיט זײערע סאַמעטענע זשופּעצעס פֿון שװאַרץ רויט, װאָס די מאה־שערים־ניקעס ברענגען אויף די אַקסלען אָנגעװאָרפֿן צו דער טרויער־װאַנט. אַזוי זײנען די פֿיזעמנע שטרײמלעך און די גרײצערדיקע פּאות. פֿון די יונגע ישיבה־בחורימלעך מיט אָנגעלאָדענער דעקאָראַטיװער עלטער אויף די אַקסלען, ביז די גרײז־גרויע זקנים, װאָס באַװעגן זיך בײמערדיק בײ דער װאַנט — זײ װאָלטן שוין ניט געערדט צום סענטימענט, װען נישט די „הײנטיקע" קורצגעקלײדטע בחורים און מײדלעך, װאָס טאַפּן מיט נערװעזע פֿינגער דעם אַלטן, קאַלטן שטײן — און אויך די מאַמעס און באָבעס, װאָס קומען אויסשרײען און אויסקלאָגן דאָס האַרץ און צומאָל בעטן פֿאַרן געזונט פֿון מאַן און קלײנע עופֿהלעך.

— דערהאַלט מיר אים, דערהאַלט מיר אים — ער איז דאָך גאָר נישט אַלט, בעט זיך בײם שטײן אַ זקנה — װאָס װעט פֿון מיר בלײבן אָן אים?

און פֿינגער פֿון אַ יונג מײדל, פֿינגער אָנגערינגלטע מיט פֿינגערלעך, טאַפּן נערװעז די װאַנט. די אָרעמס ביז צו די אַקסלען צוקן

יאָושדיק. איפֿן הויכן קול זאָגט זי וואָרט נאָך וואָרט פֿון תהילים אַרויס:

„אָ, היט מיך גאָט אויס פֿון דעם רשעס האַנט און פֿון די, וואָס ווילן פֿאַרשטויסן מיינע טריט״.

און אַ יונג מיטן אויסזען פֿון אַ חלוץ ליגט איין די וועלט, אַלע צען פֿינגער פֿון ביידע הענט אויסגעשפּרייט און זיי זוכן בלינד אַן ענטפֿער פֿון שטיין אַרויס. ער שרייט מיט פּסוקים פֿון תּהילים:

„איך האָב אַש געגעסן מיט מיין ברויט און מיין געטראַנק גע־מישט מיט מיין געוויין. מיינע טעג — ווי דער שאָטן, וואָס נייגט זיך אַוועק און ווי אַ גראָז טריקן איך אויס״.

וואָס געפֿינט דען נישט אין תהילים אַ צעפּלאָגט האַרץ. און קיינער באַהאַלט גאָרנישט די ווערטער. די ווערטער שרייען אַליין פֿון דער נשמה אַרויס.

אַן אַלטיטשקע מיט אַ קינדערשער דינער שטימע בעט זיך:

„פֿון עק וועלט טו איך רופֿן צו דיר, ווען מיין האַרץ פֿאַרגייט זיך אין מיר.״ און שטילע טרערן, וואָס פֿליסן פֿון אויגן אומבאַוועג־לעכע, געבוירענע פֿון אַ שעפּטשען בלויז, פֿון אַ פֿליסטערן צו די קאַלטע שטיינער — פֿאַלן די טרערן און די שטילע רייד צו־פֿוסנס ביי די שטיינער. און די דאָזיקע טרערן זיינען אפֿשר די שאַרפֿסטע. און דאָס פֿליסטערן — דאָס פּיינלעכסטע, דאָס ביטערסטע.

וואָס וואָלט געווען ירושלים אָן דער טרויער־וואַנט? און ווי אַזוי וואָלט ירושלים גערעדט צום יידנס האַרץ דורך אַזויפֿיל דורות אָן דער טרויער־וואַנט?

אָבער פֿאַרוואָס איז די דאָזיקע וואַנט אין איינענעם שווייגן נישט צעזעצט געוואָרן אַזוי, אַז די פֿונדאַמענטן פֿון דער ערד זאָלן אויס־ציטערן?

און דעריבער אפֿשר האָט אַזוי וואָכעדיק דער גרוי פֿון די שטיינער צו מיר אַרויסגעבליקט און אַזוי איז מיר שווער געווען צו טראָגן די געקרייציקטע דורות אויף מיינע אַקסלען, ווען איך האָב דורך דער שורה בעטלער געפֿירט מיינע פֿאַרטראַכטע טריט צו דער טרויער־וואַנט.

2. די מוטער רחל.

דאָ איז אויפן מיטן וועג פאַרפלאַנצט די בענקשאַפט. אַ מוטער מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָבן די דורות אָנגעוואָרן ביים זייט וועג, וואָס פירט קיין בית־לחם.

ווער איז זי, די מוטער רחל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום פאַסטוך, ער זאָל פיטערן איר ליבע צווישן די ווילדע רויזן? און איר בענקשאַפט אויפצושטעלן דורות, ווי די שוועסטער אירע, ווי די דינסט אירע, איז אַזוי סימבאָליש. עס האָבן אַנדערע חכמים פאַרשטאַנען דעם סוד פון איר טויט ביים זייט וועג. פאַרשטאַנען דעם זינען פון אַ נישט־באַפרידיקטער בענקשאַפט. זי, דער סימבאָל פון מוטער־ליבע, איז געבליבן אין מיטן וועג און אַזוי איז איר קבורה געווען.

באַשערט געווען, זי זאָל פאַרנעמען דעם קייטן־קלאַנג איבער די פיס פון אירע געפאַנגענע קינדער — אירע גיבורים, ווען זיי זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון לאַנד. באַשערט געווען איר צו מוסרן דעם אל־קנא, ווען ער האָט איבערגעכאַפט די מאָס, און אויך אַ עדות איז זי געווען פון אַ סך וואַנדערונגען.

מסתמא האָבן זי אַ סך וואַכע נעכט געגלעט איבערן קילן נאַקן, אַזוי זיצנדיק ביים זייט וועג, וואָס פירט פון ירושלים קיין בית־לחם. דורות האָבן מיטן מיטלסטן פינגער אָנגעוויזן צו יענעם אָרט:

— דאָרט איז דער קבר פון דער מוטער פון אַלע מוטערס.

נישט באַשערט איר געווען צו ליגן זייט ביי זייט מיט די אָבות־פאָרן, אַ ביסל ווייטער מיט דעם אייגענעם וועג. חברון, אין דער מערת־המכפלה — ניין, נישט זי פאָרט זיך מיט יענע פאָרלעך. נישט יענע זיינען דער לויטערער סימבאָל פון אַ פאָלקס־בענקשאַפט — נאָר זי, די פשוטע, די אַזוי לויטער־פאַרליבטע און אַזוי שטאַרק פאַרבענקטע אין אירע פאַרנאַכטן צווישן פאַלעסטינעם דערנער און בלומען. אַזוי איז זי אויסגעגאַנגען געבוירנדיק בנימינען, דעם „זון פון איר פיין‟.

„קינדער פון איר פיין" זיינען מיר אַלע. פלאַנצן מיר אונזער פיין אין אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד און זי, די מוטער, די אייביק־פאַרליבטע, איז אייביק וואַך צו די טריט פון איר מאַן, צו די טריט פון אירע קינדער. זי ליגט דאָ ביים זייט וועג, וואָס פירט קיין בית־לחם.

* *
*

דער געצעלט איבער איר קבר איז אַ באַשיידענער. און וואָס פאַר אַ איידעלע האַנט האָט אינעווייניק אַזויפיל בענקשאַפט אָנגעהאַנגען אויף די ווענט; נאָר אײנגאַנצן איז עס אָרון־קודשדיק און דאָך אַזוי היימיש. גלייבט זיך ניט, אַז דאָ איז אַ קבר: חלילה, דאָ האָט זיך אַ פאַרליבטע אָפּגעזונדערט, אַליין מיט איר פול־פאַרליבט האַרץ און אַזוי יעדן ווינקעלע אויסגעפוצט מיט זייד און סאַמעט, אָנגעהאַנגען ביימל־לעמפּלעך — און נישט געקענט זיך דערוואַרטן אויף איר געליבטן, איז זי אַוועק אים זוכן. אַוועק און דעם שליסל פאַרגעסן מיטצונעמען. קומען דורכגייער אַריינצוקוקן אינעווייניק, ווי עס לעבט דאָ די פאַרליבטע, וואָס הייסט רחל...

ווער עס גייט פאַרביי מיטן וועג, נייגט אָפּ צו איר געצעלט. נישט נאָר יידן, אירע קינדער, נאָר אַלע, אַלע קינדער פון אַלע פעלקער, אויב עס מאַכט זיך דער וועג איז זיי צו דער האַנט, קומט מען אַריין. מיט געציילטע ווערטער וואַרפט זיך דורך ייד, צי נישט־ייד:

— אַזאַ ליבשאַפט דאָ, ווילט זיך גאָרנישט אַוועקגיין.

— דאָס איז דער רו־אָרט פון דער שיינער רחל.

שטרענגע ענגלענדער, סענטימענטאַלע אַמעריקאַנער, יעדן איינעם מיט בהלהדיקן טוריסטן־גייסט, יעדן איינעם כאַפּט דאָ אַרום אַ געלייטערטע רו און מען בלייבט וואַרטן. בענקט ביי די ווענט זיך צו זעצן, וואַרט מען, אפשר וועט די שיינע רחל באַלד פון ערגעץ אָנקומען. אפשר וועט זי קומען פון פעלד, וואוהין זי איז געגאַנגען קלייבן בלומען צווישן דערנער און האָט זיך די הענט צעבלוטיקט און זי שעמט זיך צו באַווייזן אירע הענט די צעבלוטיקטע.

און אויב זי וועט אַפילו דערציילן, אַז נאָר צווישן בלומען דאָרנדיקע האָט זי די הענט צעשטאָכן, וועט מען איך איר גלויבן.

וואָרעם ווער, ווער אויסער אירע גאָר די נאָענטסטע וועלן עס וויסן, אַז דאָס איז זי גאָר אַוועק איבערלייגן די וואונדן אויף די פיס פון אירע, אין קיטן געשמידטע קינדער?

געוויס וועט עס אַ פרעמדער נישט פאַרשטיין.

ביים כותל מערבי איז צו מיר צוגעשטאַנען אַ קריסטלעכער מיסיאָנער. אַ סוריער. מיט דער מזרחדיקער כיטרעקייט, צוגעשטאַנען צו מיר מעשה־תם. ממש ער איז דאָ צום ערשטן מאָל און ווייסט גאָרנישט, פאַרוואָס יידן פאַרגיסן טרערן ביי דער וואַנט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מויער? קענסט מיר עס זאָגן?

— דאָס איז די פאַרשטיינערטע האָפענונג פון פאָלק ישראל, ענטפער איך אים קורץ און קאַלט.

— און וואָס ווילן זיי דאָ, די דאַוונער און די וויינער, איך מיין, וואָס ווילן דאָ די יידן? — איז ער צו מיר צוגעשטאַנען.

— דאָס טוען זיי תפילה פאַר דעם וואוילזיין פון זייערע אונטערדריקער, ענטפער איך ווידער.

קוקט ער מיך אָן מיט אַ פּאָר גיפטיקע אייגעלעך, וואָס זשמורען זיך צונויף צווישן חוזק־קנייטשעלעך און ער פרעגט שטעכעדיק:

— ווייסטו נישט, אַז זיי האָבן גאָרנישט וויט פון דאַנען מיט אַ קרייץ אויפן פּלייצע געפירט דעם דערלייזער צום טויט?

— יאָ, איך ווייס, אַז איר פירט כסדר אונזער גאַנץ פאָלק צום טויט מיט אַ קרייץ אַ שווערן אויפן פּלייצע אָנגעלאָדן...

פאָלקס־בענקשאַפט, עטאַפּן טרויעריקע. אין ארץ־ישראל זיינען זיי אונטערן בלויען הימל און די זון פון האַלבן טאָג דעקט זייער באַקעטקייט אָפּ.

די בת־יחידה.

ייִדן האָבן גענוג גאַסן געבויט. ייִדן האָבן אין אַלע וועלט־טיילן אויפגעשטעלט פאַר זיך הייזער; תּחילת זיך פאַרדרוקט אין טאָל; תּחילת זיך פאַרשפאַרט מיט די הייזער אַהינטער דער וועלטס פּלויט. און ווען שוין צופיל קאָמפּאַקט, האָט מען זייער מהנה אָפּגעצאַמט און אָנגעוויזן אויפן מיסט, וואָס קלייבט זיך פאַר די ייִדישע גאַסן און הייזער.

איצטער האָבן ייִדן פריי דעם אויסוואַל: „בויט אײַך, וואו איר ווילט און וואָס איר ווילט". ווען מען זאָל צונויפנעמען אַלע הייזער און גאַסן, אײַנסדרן אַלץ, וואָס ייִדן האָבן פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אָנגעבויט אין אַמעריקע — עס וואָלט איך דער וועלט אויפגעריסן די אויגן. איצטער רייסט זיך ניו־יאָרק צו די וואָלקן מיט ייִדישער חוצפּה און נערוועזן קאַפּריז. איצטער רייסט זיך דער ייִדישער דאַך צוגעדעקט צו ווערן מיט וואָלקן און הימל. פונדעסטוועגן, איבער גאָר דער וועלט וועט מען אָנווייזן אויף „ייִדישע מיסט", וואָס קלייבט זיך אין די גאַסן; וועט מען דערווייזן, אַז ייִדישע מיסט קען מען גאָר נישט אומברענגען. טראַדיציע איז שווער אויסצוּוואָרצלען. גלויבן און אָבערגלויבן האָבן אַ שייכות סיי מיטן לעבעדיקן אמת, און סיי מיט דעם מיראַזש...

דערווייל האָבן מיר איין בייַשפּיל אויף דער וועלט, תּל־אָביב, אַ שטאָט, וואו ייִדן האָבן זיך נישט באַזעצט אין הייזער פון עמעצנס הענט געבויטע, דעם עמעצן אַרויסגעזעצט און פון אַ פּאַלאַץ געמאַכט אַ שטאַל — ווי די וועלט שרייבט צו דעם ייִדן. אַ בת־יחידה איז די שטאָט תּל־אָביב, וואָס אין ארץ־ישראל און וואָס וואַקסט זיך צונויף, ווי אַ נישט גלייכער צווילינג מיט יפו — די שטאָט מיטן אוראַלטן נאָמען. ביידע שטעט ביים ראַנד פון אָפּענעם ים. און ווען יפו האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין הויכן פעלזן,

כדי וואָס העכער אַריבערצובליקן צום מיטללענדישן ים אַרויס, מיט דער גרייטקייט שטענדיק אַ שונא צו באַגעגענען און אַ שונא אַנטקעגן זיך צו שטעלן — האָט תל־אָביב מיט 'אַ האַלב־טאָגיקער, זוניקער פרידלעכקייט זיך אויסגעשפּרייט איף די זאַמדיקע פלאַכן, וואָס ציען זיך אַוועק פון יפוס רעכטער זייט, אויב מען קוקט אַרויס צום מערב און צום ים.

ביים בויען האָבן יידן נישט מלחמה געהאַלטן מיט דער שכנישער יפו, נאָר מיט דער מדבּרדיקייט, וואָס האָט זיך כסדר איפגעכוואַליעט און געהוזקט פון דער נאַיווער עקשנות, אויף זאַמד בויען אַ שטאָט; אין אַזאַ בלענד־בלאַסן זאַמד איינזינקען די פונדאַמענטן; אין אַזאַ זאַמדיקייט פלאַנצן ביימער, אין אַזאַ זאַמד זיך אַריינגראָבן מיט קאָנקריט־גאַסן און אָלעאַנדער־ביימער, און נאָך איצטער, ווען אין די גאַסן פון תל־אָביב באַגעגנט מען אַזוי אָפט דעם יאוש מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, פונדעסטוועגן דערקענט דער, וואָס וויל דערקענען, אַז מיט גאָר אַ סך געזאַנג און דביקות האָט מען אַנידערגעלייגט דעם פונדאַמענט פון תל־אָביב און מיט געזאַנג און שהחינו־טרערן אויפגעשטעלט די ביישטידלעך פון די ערשטע טירן.

* * *

פון ווייטן האָב איך געהערט חוזקן: „יידן האָבן איבגעבויט אַ נייע שטאָט אין ארץ־ישראל, האָט זי קיין טעם און קיין פנים נישט; האָט זי קיין סטיל און קיין כאַראַקטער נישט.״ אַזוי האָב איך געהערט מורמלען קלוגע ווייסער, וואָס האָבן זיך אַ סך אַריינגעטראַכט אין יידישן סטיל.

ווי איז מיר נישט, — וואו איז ער, דער יידישער סטיל? שונאים זאָגן, אַז אונזער מיסט ביי די טירן פון אונזערע הייזער איז יידישער סטיל. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס, וואָס שבת רויכערן נישט יידישע קוימענס, איז יידישער סטיל. און דאָ, אין תל־אָביב, איז פאַרקערט. דאָ און דאָרטן רויכערט אַ קוימען אום שבת און פאַר די הייזער איז קיין מיסט נישט פאַרהאַנען.

וואו איז ער, דער יידישער סטיל? און צי האָבן מיר דען געהאַט אַ יידישן סטיל אויסער אונזערע שולן? נו, האָט מען אפשר

געוואָלט, אַז תּל=אָבֿיבֿ זאָל זײַן אַ מין גרויסער, גרויסער שול=הויף, מיט אַ סך שולכלעך און קײַלעכדיקע יאַרמולקע=דעכער, כּדי עס זאָל הַרמאָנירן מיטן אָריענט? וואָס האָבן מיר אונזער סטיל געקענט דערציִען, אַז די אַלע, וואָס האָבן געקענט עפּעס אַרײַנזאָגן אין אונזער מחנה אַרײַן, האָבן זיך פֿון אונז אָפּגעקערט. די נויט האָט אונז דערצויגן און די נויט האָט אונטערגעזאָגט און ניט דערזאָגט. און בײַ וועמען עס איז אַריבערגערונען איבער די ליפּן, האָט זיך גאָר אַרײַנגערוקט מיט זײַן קאַפּריז צווישן די גוים, מישטײַנס געזאָגט.

אונזער סטיללאָזער לעבן איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס די בייזע האַנט האָט אונז פֿון צווישן אירע שיטערע פֿינגער דורכגעזייט און אָנגעוואָרן! ווי ציגן האָבן מיר די קאָ״ע פֿון די ביימער געגריזשעט. און וואָס אונזער אויג איז געפֿאַלן אויף אַ בוים, איז ער אומגעקומען. מען האָט אַ בוים געהאַקט, ווײַל ער האָט פֿאַ״שטעלט די טיר פֿון געוועלב. מען האָט אַ בוים געהאַקט, ווען מען האָט אַ נײַע געוועלב=טיר באַדאַרפֿט שנײַדן. אין אַמעריקע, וואָס קליינע יידעלעך בויען גרויסע בנינים, אַפּאַרטמענט=הײַזער פֿאַר הונדערטער אײַנוואוינער — דאָרטן קומט זיי אויס כּסדר בויען די גרויסע היימען פֿאַר די הונדערטער אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך אַמאָל געשטאַנט אַ שטילע היים צווישן ביימער. די היים אַראָפּגעוואָ״פֿן, די ביימער אויסגעהאַקט. און די גרויסע שטאָט פֿאָדערט שוין נישט, אַז ביימער זאָלן הינטערן פֿענסטער וואַקסן. סיי=ווי וועלן זיי נישט גרייכן ביז צו די פֿענסטער פֿון צענטן שטאָק; סיי ווי וועט מען זייערע צווײַגן אַרומהאַקן, אויב זיי וועלן זיך אַרײַנוואַקסן אין די דראָטן פֿון טעלעגראַף און טעלעפֿאָן.

אין ארץ=ישראל קויפֿן ייִדן אויס זייערע זינד און פֿלאַנצן אָן אַ שיעור ביימער אין שטאָט. אין תּל=אָבֿיבֿ פֿלאַנצט יעדער ייִד אַרום זײַן שטוב ביימער און גיט אויף זיי אַכטונג מיט דער ליבע פֿון עלטערן צו קינדער. דאָס איז אונזער נײַער סטיל. און ווען אין צייט פֿון דער לעצטער ערד=ציטערניש איז קיין איין הויז נישט אײַנגעפֿאַלן אין תּל=אָבֿיבֿ, איז דאָס נישט געווען קיין וואָרענונג, נאָר אַ פֿאַרזיכערונג, אַז די אײַנציקע ייִדישע שטאָט האָט פֿאַרדינט געשאַנעוועט צו ווערן.

עמעצער האָט באַשריבן, אַז אין תּל-אָביב זיינען פּאַרהאַן צופּיל סאָדע-וואַסער-געשעפטן און צופיל העמדער-קלייטן, און איך וויל פאַרצייכענען, אַז אין תּל-אָביב זיינען פאַרהאַנען אַזויפיל, אַזויפיל בלומען-גערטנער, וואו מען דערציט יונגע פלאַנצונגען צו פאַרקויף. און מסתּמא קויפט מען דאָך די יונגע ביימלעך. ווייל אַזויפיל האָט מען אָנגעזעצט אין גרוי-ווייסן זאַמד אַריין. אַ זינד אַן אַלטע וויל דאָ אויסקויפן דאָס יידישע פאָלק, וואָס איבער גאָר דער וועלט באַגייט עס אַזויפיל זינד מיט דער אַפּאַטישער באַציונג צו דער שיינער נאַטור.

* * *

נאָר דער אומקלאָרער אינסטינקט, וואָס טרייבט מענטשן צו בויען גרויסע שטעט, האָט אויך אין ארץ-ישראל געשטיסן די איינוואַנדערער צו בויען תּל-אָביב. און ווען נישט דער רוח פון נויט, וואָס האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט אינמיטן — ווער ווייסט, ווי לאַנג מען וואָלט געבויט. אפשר וואָלט די אַרבעט אין פעלד פאַרגעסן געוואָרן. נישט אומזיסט שרייען די, וואָס אין פעלד, אַז די שטאָט שלינגט איין דעם גוטן ווילן און די אָנגעזאַמלטע בוי-ענערגיע. שוין איצטער אויך האָט זיך תּל-אָביב צונויפגעוואַקסן מיט יפו. גאָר מעגלעך, אַז די נייע שטאָט וואָלט דערגרייכט ביז צו דער אַלטער קאָלאָניע פּתח-תּקוה און וואָלט אויפן וועג אַ סך אַפּעלסינענגערטנער אומגעבראַכט. שוין אַזוי אויך האָט מען פאַרלאָזן גערטנער, ספּעקולירנדיק מיטן געדאַנק, אַז אָט באַלד וועט די שטאָט אָנקומען און דעם אָרט פון גאָרטן פאַרבויען מיט הייזער. סטיכיש, זעט אויס, איז אָנגעגאַנגען דער בוי פון שטאָט. הענט זיינען נישט מיד געוואָרן פון בויען. און קיין שאלות האָט קיינער נישט געפרעגט אין צייט פון בוי-שיכּרות. מען האָט נישט געפרעגט די האַרבע שאלה: „און וואָס וועט מען טאָן אין דער גרויסער שטאָט? און וואָס וועט זיין מיטן מקור-פּרנסה פאַר אַזויפיל שטאָט-מענטשן?“

און אפשר באַדאַרף מען עס נישט פרעגן. וואָרעם עס איז קלאָר, אַז דער גאַנצער נייער ישוב וואָלט נישט געדאַט קיין נאָרמאַלן אויסזען אָן דער שטאָט תּל-אָביב. פונקט, ווי עס איז אַ

געבענטשטע טואונג צו מאַכן בליִען דעם מדבר און מאַכן אַ קראַנקע געגנט געזונט, אַזוי איז געווען אַ געבענטשטע אַרבעט אויפֿצובויען אַ שטאָט אין פּאַלעסטינע, וואָס זאָל מיט גאָר נישט זיין ענלעך אויף די שטעט פֿון נאָענטן מזרח. פֿאַר מיר איז תל=אָביב געווען די איינגענעמסטע שטאָט אין נאָענטן מזרח. פֿאַר מיר איז תל=אָביב אַ שטיק פֿרידלעכע רעוואָלוציע אין פּאַלעסטינע. און אַזאַ שטאָט וועט, פּונקט ווי דער נייער יידישער דאָרפֿישער ישוב, מוזן ווירקן נאָר צום גוטן אויף די שכנים אַרום.

וואָס פֿאַר אַ קאָנטראַסט עס ליגט צווישן יפו און תל=אָביב! מען ווערט אָפּגעפֿרישט אַריבערגייענדיק די גרענעץ נאָר. דאָרטן, אין יפו, אין דער שרייענדיקער מזרחדיקער קרעמעריי, שימלט דאָס לעבן. דער מאַן רויכערט די נאַרגילע ביים טיר און די פֿרוי גייט אַרום אין שוואַרצן מיט אַ שוואַרצן שלייער איבערן פּנים. קומט די נאַכט, ווערט די פֿרוי פֿאַרשוואונדן הינטער די גראַטעס פֿון איר האַרעם און דער מאַן שלעפּט זיך אַרום שטאָנדיק דורך די האַלב=טויטע גאַסן, בלינקענדיק מיט די אָנגעצונדענע אויגן. די פֿריינדלעכקייט זיינע איז אַ דערשטיקטע. און ווי זעט אויס דאָס קינד אין גאַס? פֿאַרוואָרלאָזט, מיט טראַכאָמע אין די אויגן און פֿליגן אין גאַנצע בינטלעך זיצן אין די ווינקלען פֿון די אויגן און נאָגן פֿון דער אומריינקייט. שווער צו דערציילן. צווייטע נאַטור, ווי אין די מצרימער ענגע גאַסן.

אין תל=אָביב שלאָגט אַ פֿרילינג=שטראָם טאָג און נאַכט. אַזוי פֿיל יונגע מענטשן! דער מאַן, ווי די פֿרוי — ביידע פֿריי אין די גאַסן פֿון לעבן. בחורים און מיידלעך, האַנט אויף אַקסל פֿאַרלייגט. און קינדער יונגע, צאַפּלדיקע געהערן צו אַ היים און געהערן צו אַ דור. אַפֿילו די אָרעמקייט אין די גאַסן איז אַן אַרומגעוואַשענע. אַ סך, אַ סך פֿרייד האָט דאָ געיערט ביים בויען. אַ סך, אַ סך טרויער האָב איך געפֿונען אין די קנייטשן פֿון דער נייער שטאָט. אויף איר יוגנט האָט זיך אַ שאָטן געפֿעלדלט. שווערמוטיקע האָבן געפֿרעגט:

— צוליב=וואָס האָבן יידן באַדאַרפֿט בויען אַ שטאָט אין ארץ=ישראל? ירושלים איז דאָך די יידישע שטאָט!

צו חשבונען, חשבונען אונזערע מעשים און זיי אָפּשאַצן, אי־בערשאַצן און אונטערשאַצן איז פאַר יעדן אַ גרינגע עובדה. נאָר ווער עס פילט נישט די פרייד פון בויען, דער שפירט דאָך בכלל נישט דאָס, וואָס יידן האָבן געוואָלט אין ארץ־ישראל. און פאַר־וואָס האָט מען גאָר באַדאַרפט וועקן פון זייער שלאָף די אַיינגע־זונקענע שטיינער און וויכן זאָמד?...

* * *

אַ יינגעלע האָט מיך אָפּגעשטעלט אין גאַס אַרום ניין אינדער־פרי, גלייך אויפן צווייטן טאָג פון מיין אָנקומען אין תּל־אָביב. אָפּגעשטעלט און מיט זיינע ערנסטע אויגן מיר אַריינגעקוקט גלייך אין פּנים און געפרעגט:

— זאָג מיר, אָדון, וויפל איז איצטער דער זייגער?

זיין פּנים איז געווען פאַרזאָרגט, ווי ער וואָלט געגאַנגען ערגעץ אין אַ וויכטיקער שליחות. אַ יינגל פון אַ יאָר ניין און דאָס פּנים איז צו ערנסט. איך האָב אים אויך באַטראַכט איידער איך האָב אים געענטפערט:

— איצטער איז ניין אַ זייגער, מיין זון.

ער איז געבליבן אַ ווײַלע מיט אַן אויסדרוק פון אומצופרי־דן אין פּנים און באַלד האָט ער איבערגעפרעגט:

— דיין זייגער גייט ריכטיק, אָדון?

— געוויס גייט ריכטיק מיין זייגער — האָב איך געענטפערט — וואָרעם אַ נישט־ריכטיקן זייגער וואָלט איך נישט געטראָגן אויף מיין האַנט צוגעפּאַסעוועט.

— דו ביסט אַ פרעמדער, האָט ער צוגעגעבן, אפשר גייט דיין זייגער ריכטיק. נאָר דאָ, אין תּל־אָביב, גייט קיין שום זייגער נישט ריכטיק.

איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז אין תּל־אָביב איז גאָר־נישט נייטיק, אַז אַ זייגער זאָל גיין צו דער מינוט. נישט ווייל אין מזרח איז פּינקטלעכקייט אַ נאַרישקייט, נאָר ווייל תּל־אָביב וואָלט אויסגעזען צו שטרענג, ווען דער זייגער זאָל קלינגען פּונקט אין צייט.

עס באַדאַרף ירושלים אויך נישט האָבן קיין פינקטלעכן זייגער. און וואָס איז אונזער גאַנצער יידישער לעבן? נאָך וואָס פאַר אַ זייגער אָריענטירט זיך עס? און אויף וואָס פאַר אַ ציפערבלאַט דרייט זיך אונזער ווייזער אָנצוווייזן די שעה פון זונאויפגאַנג? יאָ, אין דער איין און איינציקער, דורכאויס יידישער שטאָט, אַז מען גייט אום אין די גאַסן, קומען אויף אַלערליי מחשבות. דעם וואוקס פון תל־אָביב שרייבט מען צו צו דער פערטער עליה. די יידן פון פוילן, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט אַזויפיל אימפעט, האָבן זיך דערקלערט פאַר אַ פּריווילעגירטן מיטל־קלאַס, וואָס באַדאַרף לעבן אין אַ גרויסער שטאָט און פון מסחר.

אַז די שטאָט האָט מען געבויט אויף אַ גאַנץ זיכערן פונדאַמענט, דאָס האָט באַוויזן די לעצטע ערד־ציטערניש. נאָר, אַז מסחר האָט דאָ און דאָרטן אָנגעוואָרן דעם באָדן אין יידישן לעבן — דאָס ווייסן נאָך נישט אַלע ביי אונז. אַזוי ווי נישט אַלע ווייסן, אַז אויב ארץ־ישראל איז באַשערט אויפגעריכט צו ווערן דורך יידישער אָנשטרענגונג, איז דאָס נישט דורך די ווינט־פרנסות, אויף וועלכע יידן באַדאַרפן אויסקוקן. סטיכיש איז געווען דער אויפקום פון דער שטאָט תל־אָביב און איבער איר האָט אַראָפגענידערט אַ ראָזיקע און פאַרטרויערטע רו.

ווייס, ראָז און גרין — דאָס איז דער קאָלאָריט פון דער שטאָט. אינדערפרי און פאַרנאַכט קומען אַרויס טאַטעס, מאַמעס און קינדער פאַר די טירן און מיט שפּריצערס באַגיסט מען די געוויקסן פאַרן שטוב. דאַכט זיך, אַז דאָס איז די איינציקע עובדה, וואָס פאַר יידן איז געבליבן אין תל־אָביב אַחוץ דאַגת־פרנסה.

אַ בית־עם, אַ פאָלקס־הויז האָט מען אויפגעבויט, וואו אונטער אַ גרויסן און שווערן דאַך קענען זיך צונויפנעמען אין ענגשאַפט זיבן, אַכט טויזנט נפשות. נעמט מען זיך צונויף. וואָס ענגער איז בעסער. עס סטייעט יוגנט פאַר יעדער געלעגנהייט. זאָל זיין מוזיק, זאָל זיין אַ דיסקוסיע, אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, צי אַ דעלעגאַט איז געקומען פון אייראָפּע מיט אַ גרוס פאַרן לאַנד — עס פעלן נישט קיין מענטשן אָנצופילן נאַכט נאָך נאַכט דעם גרויסן „אונטערן דאַך“.

די יידישע פּאָליציי אין תּל־אָביב, כאָטש גאָרנישט אין יידישן סטיל, האָט זי אַזוי ברוטאַל צעטריבן די לינקע פּועלי־ציון, וואָס האָבן דעם ערשטן מאַי דעמאָנסטרירט מיט יידישע פּלאַקאַטן (אויף פּערדֿ רייטנדיק האָבן זיי זיך אַריינגעשניטן אין עולם אַריין יעמאָלט), נאָר אַז איר גייט פאַרביי דעם פּאָליציי־הויף, וואו זייערע מוזיקאַנטן שטודירן אַיין קאָנצערטן פאַר דער עפענטלעכקייט און אַז פון אַ טראָמבאָן אַרויס הייבט אָן אַ געזונטער פּאָליציסט אַרויסבלאָזן כּל נדרי און נאָך טיפער און נאָך פאַרגאַפטער בלאָזט ער אַרויס דעם אוי־וויי, אוי־וויי, וויי... חידושטו זיך נישט, פאַרוואָס אין דער ערשטער יידישער שטאָט גייען נישט די זייגערס פּינקטלעך.

געצערטלט און ריין אויסגעצוואָגן, שטיפעריש און מיט אַ סך יונגן חן איז תּל־אָביב, די איינציקע, דורכאויס יידישע שטאָט אויף דער וועלט, וואָס אין ארץ־ישראל ביים ראַנד פון מיטללענדישן ים. פאַר די, וואָס געדענקען איר אָנהייב, איז זי אַ בת־יחידה אַ ציטעריקע. גלויבן נישט אַ סך אין איר רעאַליטעט. נישט אַנדערש, ווי דורך אַ נס איז די שטאָט אויפגעקומען. אַרויסגעשוימט פון ים אַרויס און געבליבן אַזוי ביים ברעג. אויפגעקומען זיך וואַרעמען אין פּאַלעסטינעס זון.

און וואָלט איך איצטער געווען אַ פרעמדער, נישט קיין ייד און אָן שנאה־קנאה צו יידן — וואָלט איך ניכטערער געקענט באַשרייבן די יונגע בת־יחידה תּל־אָביב.

טוי און רעגן.

אין אַלע דורות האָבן דאָ אויגן אויסגעדריקט די סוף-זומער-דאַרשטיקייט אין דער נאַטור. געמיטער האָבן זיך געצויגן אַנטקעגן יעדן סוף-זומערדיקן וואָלקנדל, וואָס האָט זיך באַוויזן און מיט אים די גשם-בשורה. עס האָבן יידן ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרמיטן יעדן סוף-זומער, אין די סוכות-טעג צו בעטן אין שול אויף גענוג טוי און רעגן. און איצט איז מען דאָס הייליקע לאַנד, וואָס איז פון טריקעניש פאַרשמאַכט און וואַרט אויף רעגן-חסד, ער זאָל קומען אין צייט.

און ווען איז דען די צייט, וואָס ארץ-ישראל לעכצט נאָך וואַסער? נישט נאָר סוף-זומער איז די שעה פון רחמים, ווען די וואָלקן ברעכן זיך אויף און עס גיסט אַראָפּ דער רעגן אויף דער פאַרשמאַכטער, דורכגעברענטער ערד. אַ גאַנצן זומער לאַנג בענקט יעדער פאַס ערד, אָפּגענייגטער אָן אַ זייט פון קוואַל — ער בענקט צו דערהאַלטן זיין גרינקייט, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין חלק דורכן ווינטער און קורצן פרילינג-סעזאָן. ארץ-ישראל איז מדברדיק אין די זומער-טעג, ווען אַלץ ווערט אויסגעטריקנט אין דער נאַטור און פאַרברענט, און דער ביינאַכטיקער טוי איז נישט ביכולת צו דערהאַלטן דעם שוואַכן אָטעם פון האַלב-אויסגעברענטן געוויקס. מדבר און אָאַזיס — אַזאַ איז ארץ-ישראלס פנים. פון פאַר פסח ביז נאָך סוכות טוט קיין איין טראָפּן רעגן צומאָל נישט טריפן פון די הימלען אין לויף פון טאָג. אויסער דעם שווערן ביינאַכטיקן טוי, וואָס נידערט גאַנץ אָפט טראָפּנווייז אַראָפּ.

עס האָבן יידן דאָך געבעטן אויף רעגן פאַר ארץ-ישראל אין די צייטן, ווען דאָס לאַנד איז געווען גאָר ווייט פון זיי; אַפילו יעמאָלט, ווען שונא און באַטריגער איז געווען הערשער אין אויסגעחלומטן לאַנד. יידישע טרייקייט און בלינדע איבערגעגעבנקייט. איצ-

טער איז די צייט געקומען, ווען דער ייד האָט אַליין מיט זיינע פינגער אָנגעקלאַפּט אין מאַמע־ערדס טרוקענער ברוסט און דערשפּירט די אייגנעדאַרטקייט. „וואַסער!“ — איז שטענדיק געווען דער רוף פון דעם, וואָס האָט זיך פון די אמתע און פאַלשע קוואַלן דערווייטערט. און איצטער, ווען דער יידישער ישוב שפּרייט זיך אויס איבערן לאַנד; ווען נישט שטענדיק זיינען די קוואַלן און זייער חסד דעם יידן איבערגעענטפערט געוואָרן — איצטער איז דער וואַסער־דאָרשט־געשריי דער גרעסטער געשריי אין לאַנד. זייער קאָרג האָט די נאַטור איינגעטיילט פאַרן לאַנד די איבערבלייבעניש פון גשם־צייט. אַלע וואַסערן לויפן אין אַנטלויפן באַרג־אַראָפּ. וואָס פאַר אַ שטראָם עס דערשלאָגט זיך צום ים, אָדער צום ירדן־טאָל — דאָס וואַסער קערט זיך מער נישט אום צוריק אין צייט פון נויט.

נאָר געגנוג זיינען פאַרהאַן וואַסער־אוצרות אין דער ערד און גאָר נישט טיף, וואָס די ערד זאַפּט איין אין זיך אין די רעגנטעג פון שפּעטן האַרבסט און ווינטער. דאָס זיינען די קוואַלן און „פאַלשע“ קוואַלן דאָ און דאָרטן, וואָס גיבן וואַסער אין די ערשטע חדשים פון זומער און טריקענען אויס אין צייט פון גרויסער סוף־זומערדיקער נויט. גאַנץ אויבן זיינען זיי די „פאַלשע קוואַלן“. אויך זייער גרויס און צאָל איז נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. עס האָבן אונזערע כמעט ביז איצטער נישט אויפגענומען מיט דער פולער מאָס ענערגיע דעם ווערט אַרויסצורופן פון זייער פאַרבאָרגעניש די וואַסערן, וואָס זיינען נישט אַנטלאָפן און זיינען געבליבן אין לאַנד גופא און באַהאַלטן זיך גאָרנישט טיף פון מענטשנס אויג.

* * *

עס האָבן די אַראַבער, אינאיינעם מיט די ווילדע קאַקטוסן און זייערע פייגן און אוילבערט־ביימער, זיך אַרומגעפלאַנצט אַרום די טרייע קוואַלן. דאָ און דאָרטן האָבן זיי זיך דערווייטערט פון קוואַל גופא און קאַנאַליזירט אַ שטח אַרום, געצוויגן צו גאָרטן וואַסער פון קוואַל. יענע געגנטן אַרום שכם, צי אַרום חברון — דאָרטן איז דערווייל נישט באַשערט דעם יידן זיך איינצופלאַנצן. און איך גלויב גאָרנישט, צי עס וועט דער אַראַבער ווען עס איז זיך שיידן מיט

דעם שאָטן פון זיינע פייגנבוימער. און עס באַדאַרף דער ייד גאָר אין יענעם ווינקל נישט אַריינקוקן און נישט וועקן צו זיך די שנאה, וואָס איז סיי ווי וואַך.

פאַרן יידן וואָרט אין ארץ־ישראל געגנט וויסט און פאַרלאָזן לאַנד. געגנט געגנטן פאַרשאָלטענע און פאַרלאָזענע פון איינגעבוי־רענעם פאַרמאָגט ארץ־ישראל. וואָרעם סיי די טריקעניש, וואו רעגן געניגט נישט און קוואַל האָט זיך פון געגנט אָפּגעקערט; אַלע טאָלן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין טיר אַרויסצולאָזן די וואַ־סערן פון גשם־צייט, און וואַסערן, וואָס שלאָגן פון וועלכן עס איז קוואַל אַרויס — אַזעלכע טאָלן זיינען פאַרזומפּיקט געוואָרן, קדחת האָט זיך געניסטלט אין די זומפּן און פאַרטריבן אַפילו דעם בעדווינער מיט זיין שאָף. אַזוינע נישט־געבענטשטע און פאַרשאָל־טענע געגנטן זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם יידנס פאַרמעגן פאַר אַ שווערן פרייז. און נאָך פיל אַזעלכע נחלאות וועט דער ייד מוזן פאַר זיך דערוועריבן בויענדיק אַ היים, נישט נאָר פאַר די גרויסע מיליאָנען, נאָר פאַר די הונדערטער טויזנטער. און דאָס טוען יידן איבער די אייגענע כוחות. מיט הענט פון אַ טרייער מוטער היילן זיי די קראַנקע געגנטן.

אַ געמיש פון זומפּן און טריקעניש האָט ביז איצט געהערשט אין עמק־יזרעאל. דאָרט איז די זומפּיקייט געווען די הערשערין. געגנט קוואַלן פאַרמאָגט דער טאָל, וואָס שלאָגן וואַסער צום איי־בערפלאַך און צעגיסן זיך איבערן טאָל. יענע וואַסערן האָט מען שוין כמעט פאַרצאַמט, די געגנט קאַנאַליזירט און אָנגעוויזן דעם וועג צום ירדן־טאָל, אָדער צו די יידישע פעלדער. קראַנקע קוואַלן האָט מען געזונט געמאַכט און דאָס וואַסער איז לעבעדיק און גע־זונט. דער גאַנצער עמק יזרעאל איז שוין כאַלד אויסגעהיילט גע־וואָרן פון אַלע זיינע קראַנקהייטן דורך דער ענערגיע און איבערגע־געבנקייט פון די חלוצים.

נאָר עס איז פיל גרינגער געווען מנצח צו זיין די זומפּיקע געגנטן. צופיל וואַסער איז שוין כאַלד נישט אַזאַ אומגליק. פיל גרעסער זיינען די שטחים, וואָס ווערן נאָך דורכגעווייקט אין רעגן־צייט און אין די אַנדערע טעג פון לאַנגן זומער שמאַכן זיי מדבר־

דיק, אָן אַ סימן פון חסד צום פויער, וואָס וויל זיך צו דער ערד דערנעענטערן. געוויינלעך אַזוינע דורכגעבּרענטע ערטער זיינען אונז אָנגעקומען. אויף זיי האָבּן זיך שוין חלוצים באַזעצט. ניט נאָר די הענט פון שטאַרקן און בּראַוון מאַן ווערן דאָ אָפּגעשוואַכט אין די טעג פון טריקעניש; דאָ און דאָרטן האָבּן זיך אַפילו פרויען־קאָמונעס צוגעזויגן צו דער טרוקענער ערד און פּרוּוון איר זייער בּרידהשאַפט. קומט דער זומער, דאַכט זיך אויס, אַז די שענסטע חלומות וואָלטן זיך אויסגעשפּונען, ווען נאָר אַ טראָפּעלע וואַסער וואָלט געקומען אין צייט; וואַסער אָנצופילן די ליידיקע כּלים, אָנצוטרינקען אַלע לעבּעדיקע בּאַשעפענישן אין צייט און געבּן גענוג וואַסער צו די יונג־פאַרפלאַנצטע בּיימער, גרינסן און גאָרטנוואַרג. איך האָבּ געזען דאָ און דאָרטן, וואו מען פירט אַ גאַנצן טאָג וואַסער אין פעסלעך פון אַ וייטן קוואַל, עטלעכע קילאָמעטער וויט. אַ גאַנצן טאָג זיינען צווי פערד, פון די פיר אין דער גאַנצער ווירטשאַפט, פאַרנומען מיט וואַסער־בּרענגען, יעמאָלט, ווען דאָס וואַסער האָט געקענט אַליין קומען צום טיר פון פיאָנער און צו יעדן בּיים אין גאָרטן.

*   *
*

איך קען געווינלעך, וואָס איצטער איז די שפע ווייערע אַ געבענטשטע און וואָס נאָך גאָרנישט לאַנג האָט זיך דער פויער פון זיי זיך אָפּגעקערט. נאָרד־אַמעריקע האָט געווינלעך אַזעלכע געגנטן. און וואָס איז געווען די אויסגעזוניקטע און איצטער מיט פּירות און תּבואות איבּערגעלאָדענע קאַליפאָרניע, איידער מען האָט איר מדבּר מנצח געווען? אויך קאַליפאָרניע האָט אירע ניין חדשים כּסדרדיקע זון און בּלענדעניש, אָן אַ טראָפּן רעגן. אַפילו קיין העלפט נישט רעגנט עס דאָרטן אין פאַרגלייך מיט ארץ־ישראל. און קאַליפאָרניער ערד איז מבשר דעם נייגעריקן, אַז פאַרן מענטשנס ווילן איז קיין צאַם נישט פאַרהאַנען. אמת, קאַליפאָרניע האָט פאַרמאָגט טייכן, וואָס האָבּן זייערע וואַסערן אַרויסגעבּראַכט צום ים און מען האָט זיי אָפּגענייגט צום פעלד און גאָרטן. געוויס קענען מיר זיך נישט גלייכן צום אַמעריקאַנער פאָלק און אויך נישט צום אַוסטראַליאַנער

און זײַן לאַנד, וואו טריקעניש הערשט און קיין טײַכן פּאַרמאָגט נישט יענער וועלט-טייל. דאָרטן זײַנען פּעלקער מיט געזונטע מוסקלען און מיט אַ געזונטן בליק, וואָס צילט ווײַטער און טיפער ווי אונזערער. וואַסער באַדאַרף מען קענען דערשמעקן. אונזערע האָבן נאָך דעם דאָזיקן חוש דערווײַל נישט אַנטוויקלט ווי געהעריק. שוין יאָרן, אַז חלוצים פּלאַנצן זיך אַײַן אין דער ארץ-ישראל-ערד אַרײַן און וואַסער איז קאַרג.

אומגייענדיק דורך די געגנטן, וואו דורך אונזערע הענט איז דער באָדן אויפגעוועקט געוואָרן, האָב איך געשפּירט די וואַסערן, וואָס האָבן זיך פון אויג אויסבאַהאַלטן; קוואַלן, וואָס האָבן זייערע סימנים אָנגעצייכנט דאָ און דאָרטן און — נישט אין דער ריכטיקער צייט איז מען געקומען גראָבן ברינימער און נישט גענוג טיף האָט מען געגראָבן די ברינימער. איך האָב אויסגעדריקט מײַן חידוש, געפינענדיק, אַז פיר יאָר איז אַ ישוב געווען אָן וואַסער און ערשט אויפן פינפטן יאָר האָט מען דעם ברונעם געגראָבן און געפונען וואַסער לרוב. אויף דעם האָט מען מיר געענטפערט:

„נישטאָ קיין גענוג מאַטעריעלע מיטלען, דעריבער גראָבט מען נישט קיין ברינימער באַצײַטנס.“

און דאָס איז נישט געווען קיין ענטפער אויף מײַן פראַגע, ווען מען ווייסט גענוג דעם באַדײַט פון וואַסער פאַר דעם ישוב אין ארץ-ישראל.

ארץ-ישראל וועט נישט צעצויגן ווערן ווי אַ הירשן-פעל, כדי פּלאַץ מאַכן פאַר די שבֿי ציון, אויב זיי וועלן זיך טאַקע אומקערן אין אַ גרעסערער צאָל. קיין ניסים וועלן נישט געשען. ווי עס גייט איצטער די אַרבעט בײַ דער ערד צו גרעסטן טייל מיט דעם חסד פון גשם-צײַט, וואָס דאָס איז אַזוי ווינציק פאַרן אויסגעטריקנטן באָדן — אויף אַזאַ אופן וועט דאָס לאַנד בלײַבן אײַנגעשרומפּן, ווי געווען. אויף איין עקסטענסיוון, אָדער ברייט-צעשפּרייטן אופן וועט מען פירן די ווירטשאַפט: איינמאָל אין יאָר זייען תבואה און איינמאָל שנײַדן. און שטענדיק תפילה טאָן און אויסקוקן מיט דאָרשטיקע אויגן די וואָלקנדלעך, די סוף-זומערדיקע...

אָט, ווי איך האָב געזען אין יאַפּאַן די פֿעלדער, וואָס כּמעט אַ גאַנץ יאָר לאָזט זיי דער פּויער נישט צו רו און באַדאַרף צום רעגן נישט אָנקומען, ווייל ער ווענדט אָפּ די טייכן און באַשטראָמען פֿון זייער וועג און פֿירט דאָס וואַסער אין פֿעלד אַריין, און דערום איז זיין פֿעלד — אַ גאָרטן ממש, וואָס אַ גאַנץ יאָר קומט שפּע נאָך שפּע. און נאָר אויף אַזאַ אופֿן וועט ארץ־ישראל צעצויגן ווערן און אויך קענען זיין די היים פֿון הונדערטער טויזנטער פּויערים, אָנשטאָט איצטיקע טויזנטער.

דעריבער קען מען רעכענען פֿאַר אַ נייער תּקופֿה אין דער אַנטוויקלונג פֿון אויסגעטריקנטן לאַנד, וואָס הייסט ארץ־ישראל, דאָס וואָס דער גורל איז אויסגעפֿאַלן אויפֿן ירדן, יאַרמוק און יאַרקאָן, פּאַלעסטינעס טייכן, זיי דעם וועג צו פֿאַרצאַמען און דיקטירן זיי דעם אמתן וועג, וואו דער פּויער וואַרט אויף זיין רידל אָנגעשפּאַרט, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך צו זיין פֿעלד דערנענטערן.

איך בין געווען אין ירדן־טאָל און געזען דעם אָנהייב פֿון דער אַרבעט. יונגען און מיידן האָבן זייערע געצעלטן אויסגעשטעלט ביים ברעג ירדן און די בלויע ירדן־וואַסערן וועלן מיט דער צייט זייער תּיקון האָבן. איך בין אויסן רוטנבערגן מיט זיין גראַדליניקער ענערגיע, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן ארץ־ישראלס טייכן אָפּצונייגן פֿון זייער דורותדיקן וועג, צו די פֿון דור־דורות פֿאַרחלשטע פֿעלדער.

און פֿאַרוואָס טרויערן ראָמאַנטיקער אויפֿן גורל פֿון ירדן, וואָס אויף אים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן רשעים, צו צעשטערן זיין דורותדיקע אויסדערוויילטע בעט? און אויך אויפֿן יאַרמוק, דעם ירדנס וואַסער־דערלאַנגער, וואָס רוטנבערג נעמט אים פֿון זיין בעט אַרויס און פֿירט אים אויף אַ בעסער אָנגעצייכנטן אָרט — אויך אויף אים האָבן זיי מיטלייד און באַדויערן די אַלעאַנדערן, וואָס בליען שוין אַזויפֿיל דורות אין ירדן־טאָל. כּמעט ווי זיי וואָרענען, אַז די נאַטור וועט זיך דערפֿאַר אָפּרעכענען.

ווי אַזוי קען מען הנאה האָבן פֿון די צעבליטע אַלעאַנדערן, אויב דאָרטן איז די גרעסטע נעסט פֿון די קדחת־קאָמאַרן? און יענער

געגנט איז באַקאַנט, אַז דאָרטן, וואו אָלעאַנדערן בליִען, האָט זיך די קללה אויסבאַהאַלטן. עס וועט יעמאָלט ארץ־ישראל האָבן אַ פנים, אויב דער עמק הירדן וועט געזונט ווערן, און דער איצטי־קער, כאָטש פאַראָלעאַנדערטער און דאָך אַזוי עלנטער און פאַר־וואָרלאָזטער פנים וועט אויסגעלייטערט ווערן. די גרעסטע גערטנער און טראָפישע פרוכט־סעדער קענען זיך דאָרט שפרייטן מיט דער לענג פון טאָל, פון בית־שאן ביז צום כנרת. איך האָב גענוג בליענדיקע זומפן געזען אויף דער וועלט, באַבלימלטע זומפן און וואָס קיין מענטש קען דאָרט קיין נאַכט נישט איבערנעכטיקן. און צי איז דען נישט שענער דער נצחון פון אונזערע פיאָנערן איבער די זומפן אין ירדן־טאָל, וואו עס בליט איצטער אַזאַ אויסטערלישע פויערשעווירטשאַפט, ווי די אין דגניה, ביים ברעג כנרת?

געבענטש זאָלן זיין די הענט, וואָס וועלן אין צייט אַרויסברענגען צום ליכט די וואַסערן פון אונטער דער ערד, און טאָפלט געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס וועלן פאַרצאַמען דעם וועג פאַר ארץ־ישראלס טייכן, צווינגען זייערע וואַסערן צו גיין באַגעגענען דעם פויער, וואָס אַקערט די טרוקענע און פאַרלאָזטע ערד!

עטאַפּן צו מאַמע ערד.

1. תורה און מאַמע ערד.

מאַמע ערד שאַנעוועט נישט אירע קינדער. אין יענע דורות, ווען פּויערטום איז געווען אַזוי נאַטירלעך, ווי נאַטירלעך עס וואַקסט דער גראָז פון דער ערד — אין יענע צייטן האָט מאַמע ערד געגעבן דעם פּויער רו און פּשוטע קלוגשאַפט. זי האָט אים געגעבן טרוקענעם ברויט און צופרידנקייט דערצו.

אין די קנייטשן פון פּויערס צעפּאַלדעוועטער הויט אין פּנים, אויב אַפילו שטויב האָט זיך אָפּגעזעצט, האָט עס זיין פּנים נים פאַרשוואַרצט, ווי עס קען דער שטויב אין פרילינג בשום אופן נישט פאַרדעקן די גרינקייט פון בלאַט, ווייל די גרינקייט האַלט אין שפּאַרן פון קנאָספּ אַרויס. איצטער איז דאָס אַנדערש. וועלטן גרעסערע אין געשטאַלט פון גרויסע שטעט און שטאָטישע מענטשן — זיי כישופן און דערציילן, אַז עס איז פאַרהאַנען אַ לעבן אַ שענערס, אַ ריינערס. דער שוך הייבט אָן צו בענקען צום שטאָטישן ברוק. עלעקטרישע לעמפּלעך ציען און רופן. און מען באַדאַרף נישט זיין צופיל זעעוודיק צו דערקענען, אַז דער שטאָט-מענטש איז גלייכער, צומאָל אויסגערוטער. פאַרן פּויער איז נישט פאַרהאַן קיין באַשטימטע צייט פאַר אַרבעט. פון פרילינג ביז סוף-זומער. ווי פרי דער פּויער זאָל נישט אויפשטיין און ווי שפּעט ער זאָל נישט פאַרלאָזן דאָס פעלד, וועט ער זיך אַליין נישט אַרומטאָן מיט זיין אַרבעט. איב עסט דער טוי ביינאַכט און די זון בייטאָג. אין דער גאַנצער וועלט ציט עס איצטער די פּויערשע קינדער אין שטאָט אַריין. אַלטע טאַטע-מאַמע מוזן צו דער עלטער פאַרלאָזן דאָס פעלד און באַכציען די קינדער. אין אַזאַ צייט, אַז מען גייט פון שטאָט אין

פעלד אַריין, איז דער וועג זייער אָפט אַ דאָרנדיקער. נייטיק אַ באַוואוסטזיניקער פּיאָנערן־גייסט. טעמפּקייט, אָדער יאוש געניגט נישט. ווער עס איז פאַר יאוש אַוועק צו די עלטערע יאָרן אין פעלד אַריין — צו אים שמייכלט נישט שטענדיק דער באַגינען.

איך ווייס, אַז אַ גרויס בענקשאַפט האָט אַרומגעכאַפּט דעם מהות פון יידישן פאָלק דאָ און דאָרטן, וואו עס האָט זיך אַרויסגעגליטשט דער אָנלען ביים שטאָטישן מענטשן. און ווען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן זיך באַוויזן אונזערע געצעלטן אויף די נאָך נישט־פאַרנומענע פליינען דאָ און דאָרטן, איז דאָס אונזער נס. איז דאָס אונזער אייגענער ווידערגעבורט. אונזער אייגענער אויפקום, בעת ביי אַנדערע פעלקער באַמערקט מען דעם אָפּקום. הלוואי האַלט עס אַזוי אָן עטלעכע דורות, אפשר וואָלטן מיר געווען וועגוויזער פאַר אַ נייעם סאָרט פויערים און פויערטום. ווייל איך בין זיכער, אַז די גרויסע שטאָט וועט זיך מוזן ווען עס איז ווענדן מיטן פּנים צום פעלד. און מיר, שטאָט־מענטשן, זיינען אפשר די ערשטע אָנזאָגער פון דער נייער צייט.

איך רעד עס אַנטקעגן אונזערע אייגענע אין ארץ־ישראל, וואָס גייען איבער צו מאַמע ערד און ברענגען איר דאָ און דאָרטן אַזאַ איבערגעגעבנקייט; צי אין געשטאַלט פון קאָמונעס, צי אין געשטאַלט פון אינדיווידועלע פויערים, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי דער ערד. נישט איינמאָל האָב איך עס דערמאָנט. פאַרהאַן מיינונגען, אַז צו דער ערד באַדאַרפן זיך אומקערן נאָר די פשוטע מענטשן מיט שווערע מוסקלען און ווינציק פאַרלאַנגען פון לעבן. פאַרהאַנען אויך פעסימיסטן, וואָס זאָגן שלעכטע נביאות אויף די פויערים אונזערע, וואָס זיינען געקומען צו מאַמע ערד מיט צופיל פילאָסאָפישן ווינט אין קאָפּ. „פריער אָדער שפּעטער — זאָגן נביאות די סקעפּטיקער — וועט זיך אויסלאָזן דער ווינט און אונזער פויער וועט זיך ווענדן מיטן פּנים צו דער שטאָט; אויב נישט ער, וועלן עס זיינע קינדער טאָן“.

ניין, אַזוי ווייט וויל איך נישט פאַרלויפן. און צוליב־וואָס זאָל איך שלאָגן איבער די הענט פון דעם פויער, איבער די הענט פון די בויער? שוין בעסער צו בענטשן זייערע הענט. איך וועל בע־

סער מיין מיינונג פֿאַרבינדן מיט זייער פֿאַרלאַנג און חשק און מיט די קרבנות, וואָס זיי ברענגען. נאָך די עטלעכע געדאַנקען, וואָס איך האָב איצטער אַרויסגעבראַכט, זיינען ביי מיר אַרויסגעשוואומען נאָך מיין באַזוך אין די חסידישע קבוצות, דאָרט, וואו מען וויל פֿאַרבינדן תורה, חסידות מיט מאַמע ערד.

* * *

איך מאָל מיר אויס, וואָס פֿאַר אַ ראָזע הימלען עס האָבן זיך באַוויזן איבערן לעבן פֿון די חסידים, דערוועקט דורך זייערע רביים, ווי דער יאַבלאָנער למשל. זיי האָבן זיך אויסגעמאָלן אַ ניי לעבן ביי מאַמע־ערד און וואו נאָך — אין ארץ־ישראל. אין עמק־יזרעאל! ביי זיי האָט עס געוויס געמיינט אַ מין יציאת־מצרים. זיי האָבן נאָר פֿאַרגעסן, אַז צווישן דער דערלייזונג פֿון קנעכטשאַפֿט און אַרבן אַ לאַנד איז געלעגן אַ מדבר, וואו מען האָט באַדאַרפֿט וואַנדערן אין אייגענעם קרייז.

דאָס וואָס איז גרינג פֿאַר יונג — איז שווער פֿאַר אַלט. און דאָס, וואָס איז גרינג פֿאַרן פּשוטן מענטשן מיט געזונטע פּלייצעס — איז שווער פֿאַרן אויסגעוויקטן בן־תורה. ביי אונז האָט מען זיי געהאָדעוועט נישט אַיינצוטונקען אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער. דער בעל־תורה, וואָס האָט געהאַקט אויך האָלץ, איז געוואָרן דער שטילער לאָוניק. און ווי דערהויבן איז דאָס באמת, אַז בני־תורה זאָלן זיך ציען קיין ארץ־ישראל, נישט קיין ירושלים צו שטעלן זיך אין די רייען פֿון די מאה־שערים־ניקעס און וואַרטן אויף חלוקה; נישט קיין ירושלים צו די גרויסהאַלטער, נאָר קיין גליל, צו די פּשוטע, צו די באַשיידענע, זיך אַוועקגעשטעלט אין די שורות פֿון די חלוצים, וואָס האָבן אַ מאָך געטאָן מיטן האַנט אויף ציוויליזאַציע און תורה צוזאַמען.

מיר זעט אויס, אַז די גרופּע חסידים מיט זייער רבין האָבן געוואָלט אויסקריפּן די זינד פֿון אַ סך דורות, וואָס האָבן נישט געוואָלט דערנידעריקן די תורה און די הענט געבן די איינציקע עובדה, ווי צו דרייען אַ פֿינגער אין דער לופֿט. נאָר צום באַרויערן

פאָלגט זיי נישט די מאַמע ערד און זי האָט אויפגענומען די בני־תורה, ווי שטיפקינדער און שלימזלניקעס.

איך האָב נאָך געטראָפן אין אַ תּענטינע מיט פערצן יאָר צוריק אַ פרומען יידן און בעל־תורה, וואָס איז געזעסן ביי זיך אין גאָרטן, מיט איין האַנט דער משניות און די אַנדערע האַנט האָט געזוכט ווילדע גראָזן אויסצורייסן. די אויגן זיינען געווען אין ספר, מער ווי אין דער גראָזנע. דעריבער האָט ער באַדאַרפט אָנקומען צו זיין אמונה, אַז „מען זייט, מוז וואַקסן". ער האָט אויף דעם אָנגעוויזן אַ בפירושן פסוק אין בראשית.

אַז דאָס איז נישט גילטיק, האָב איך אַרויסגעזען אין די חסידישע קבוצות. קוקנדיק אויף זייערע פעלדער, הייזער אוןווירטשאַפט, זיינען מיר געקומען אַלערליי מחשבות גאַנץ טרויעריקע. די הייזער שטייען אין טאָל, וואָס אין צייט פון רעגן טרינקען זיי זיך אין זומפּ. צו דער האַנט זיינען געווען בערגלעך, וואו די הייזער האָבן געקענט געפינען דעם אמתן פונדאַמענט. און דאָך איז דעם שכל אויסגעקומען צו שטעלן די צריפים אין טאָל. אפשר זיינען זיי אין דעם נישט שולדיק. דאָס איז שוין די שולד פון די עצה־געבער. נישטאָ קיין ביימעלע אַרום די הייזער. וואַקסן דערנער פון אַלע מינים, וואָס דער תנ"ך רעכנט אויס. דער פעריאָד פון דריי יאָר האָט נישט אַנידערגעלייגט אויף זייער טעריטאָריע דעם צייכן פון געזונטער אַרבעט. דאָ איז קענטיק דער יאוש. קענטיק, אַז מען האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות. מאַמע ערד ברייקעט זיך, אַז עס פעלט איר אַיין צו זיין ווידערשפעניק. זי קען זיין ווי אַ ווילד עקסל, וואָס שטעכט מיט די הערנער. אוי, קען זי שטורכען! אוי, קען זי אָנשטעקן אין די האָר ווילדע בערעלעך אָנשטאָט בלומען!

— מען פאַרלאָזט אונז, האָט זיך איינער געקלאָגט פאַר מיר — אויף די יינגערע חלוצים לייגט מען האָפענונג און אויף אונז האָט מען אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט. פאָלק ישראל ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ קרבנות מיר האָבן שוין געבראַכט...

קרבנות, קרבנות — צוליב־וואָס און צוליב־ווען אַזוי אָפט דערמאָנען דעם דאָזיקן נאָמען, אַז ער זאָל פאַלן אויף די אויערן

פון פאָלק? און פאַרוואָס ווערן ראָזע, ליכטיקע אידעאַלן פאַרוואַנדלט אין קרבנות־ברענגען גאָר? עס האָבן די בני־תורה און די חסידים נישט אויסגערעכנט, וואָס פאַר אַ דערנער מאַמע ערד האָט פאַר זיי, ווי פאַר יעדן פויער אין דער ערשטער צייט. אַ סך שטיינער טראָגט מאַמע־ערד אין איר בוזים און בפרט אין עמק־יזרעאל, וואָס איז אַזוי־פיל קראַנק געווען. פאַרוואָס האָבן די וועגווייזער און די אַרויס־באַגלייטער נישט דערציילט דער גרופּע חסידים, אַז דער וועג איז אַ שווערער. אַז זייער דורכפאַל קען אָנוואַרפן אַ פּחד אַפילו אויף די, וואָס זייער גוטער ווילן האָט זיך געקענט אויסדריקן בלויז אין פּלאַטאָנישער ליבע און מאַטעריעלער שטיצע?

עס איז נישט דערפאַר, וואָס די חלוצים אין אַנדערע קאָמו־נעס זיינען באַגליקט געוואָרן מיט מער אויפזען מצד דעם יידישן פאָלק. עס איז פּשוט: די יוגנט אַליין און אירע טרייע הענט, זי האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט דער עקשנות פון מאַמע ערד. נאַטור פאָלגט און גיט זיך אונטער. דערנער ווייסן, פאַר וועמען זיי באַ־דאַרפן באַהאַלטן דעם קאָפּ אין דער ערד און ביי וועמען — זיי קענען אַריינוואַקסן פראַנק און פריי אין די פענסטער אַריין.

און ווי וואָלט איך וועלן זען, אַז די בני־תורה האָבן דאָך מנצח געווען מאַמע ערד, אַז די ערד זאָל זיי אַרויסגעבן איר ברויט, ווי זי טוט עס פאַר די ייִנגערע און בראַווערע אין דעם אייגענעם עמק־יזרעאל...

2. אויף דער וואַך.

און דאָ, ביי דער גרענעץ פון סיריע, וואַכט דער חרמון איבער דער האַרטנעקיקייט פון דער יוגנט און עלטער, וואָס האָט ביי־געקומען דעם פּחד. דאָס זיינען די צוויי שכנישע קבוצות, תּל־חי און כּפר גלעדי, ביים ראַנד פון לאַנד און אין דער לויטערקייט פון חרמון־שניי.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ הייסער און דורכזיכטיקער. און דער וועג פון טבריה ציט זיך מיט דער לענג פון ירדן־טאָל. ביים ברעג פון אַ קראַנקער זומפּיקייט. דאָס איז דער ברייטער וועג, וואָס

פֿירט נישט קיין צופֿיל פֿרידן מצד דער ענגלישער רעגירונג צו די גרענעצן פֿון סיריען, וואו פֿראַנקרייך האָט געניינט איר שווערע האַנט אויפֿן פֿאָלק. און דאָרטן, באַרג־אַרויף, נענטער צו די בלענדנדיקע שנייען פֿון חרמון און לבנון, האָט זיך דערנעענטערט דער יידישער אַקערער און דער יידישער פֿאַסטעך מיט זיינע שאָף.

תל־חי. איז דער לעבעדיקער בערגל. נאָר דאָס איז דער באַרג, וואו לעבן און טויט האָבן זיך באַגעגנט. און פֿאָרלויפֿיק זעט עס אויס, אַז דער טויט האָט זיך אונטערגעגעבן. פֿונדעסטוועגן האָט עס אַראָפּגעצויגן פֿון זייט וועג צום בערגל פֿון דער רעכטער האַנט, וואו אַרומגעצאַמט מיט אַ דראָטענעם צאַם צייכענען זיך אַרויס נידעריק ביי דער ערד עטלעכע קברים. צווישן זיי איז דער קבר פֿון טרומפּלדאָרן, וואָס איז געפֿאַלן אויף דער וואַך. די קליינע קאָמפּאַניע אונזערע האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין ווערטער צוקומענדיק צום צאַם פֿון דעם דאָזיקן בית־עולם. מען האָט געשוויגן. די קליינע יאַשטשערקעלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט צווישן די קברים, האָבן זיך דערשראָקן און אַנטלאָפֿן.

קומט אָן אַ יונגער חלוץ, קרעפּטיק געבויט, נאָר ער איז אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. אַ קני איז ביי אים פֿאַרבאַנדאַזשירט מיט אַ ווייסן באַנד. ער טרעט פּאַמעלעך און ער הינקט. איך האָב אַפֿילו נישט באַמערקט, פֿון וואַנען ער איז אָנגעקומען. ער האָט אָנגעוויזן אויף טרומפּלדאָרס קבר, נישט דערמאָנענדיק זיין נאָמען, בלויז אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער:

— דאָ ליגט ער...

און ווידער איז אָנגעקומען אַ שטילשווייגן. פֿונדעסטוועגן האָט איינע פֿון אונזערע צוויי דאַמען באַגלייטערינס געפֿונען ווילדע רויטע בלימלעך ביים קבר. האָט זי איינס אויסגעריסן און אַריינגעשטעקט צו זיך אין די האָר. דאָ האָב איך מיר איבערגעצייגט, אַז פֿרויען האָבן אַ בעסערן זינען פֿאַרן לעבן.

אין כפֿר גלעדי האָט מען געמאָלקן שאָף. די צוויי שורות שאָף זיינען געווען צוגעבונדן קאָפּ צו קאָפּ. תמעוואַטע האָבן זיי געקוקט צו אונזער אָנקומען און זיך באַלעקט — בעת געזונטע בחורים האָבן זיי געמאָלקן.

און ביים זייט פון גרויסן הילצערנעם צריף, וואָס דינט פאַר דער גאַנצער קבוצה אַלס „האָטעל", איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אַ וואַשבעקן אַ יונגע בחורטע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און האָט געוואַשן אַ גאַנץ גרויסע וועש. מיינע בליקן זיינען געפאַלן אויף אירע פאַרהאָרעוועטע הענט. האָט זי זיך אויסגעגלייכט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן. שפּעטער האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן צו מיר און אין פּנים איז געווען בושה. זי האָט אָפּגעווישט די רעכטע האַנט, ענערגיש צו מיר צוגעגאַנגען, קרעפטיק אַ דריק געטאָן מיין רעכטע האַנט און אומגעריכט פאַר זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— איך קען איך פון אַמעריקע. פאַר דריי יאָרן האָב איך געהערט אייערן אַ פאָרטראָג אין ניו-יאָרק...

זי איז ווידער שטיל געוואָרן. די פריערדיקע ראָזע בלאַסקייט האָט זיך ווידער באַוויזן אין איר פּנים. זי האָט זיך געשטאַרקט און דערציילט:

— דריי יאָר בין איך שוין דאָ. האָב דאָ חתונה געהאַט. איך בין נישט אַליין. מיר איז דאָ גוט. איר זעט דעם חרמון? מיטן האַנט צו דערלאַנגען! בייטאָג איז דאָ זייער שיין. איר זעט.

שנעל, שנעל האָט זי גערעדט. געוואָלט איבערשרייען די געפילן, וואָס האָבן איר געשטיקט אין האַלז. עס האָט נישט געהאָלפן. זי האָט פאַר די טרערן נישט געקענט פאַרשטעלן דעם וועג. שנעל האָט זי מיר אַ דריק געגעבן מיין האַנט. זיך אויסגעדרייט און פאַרשוואונדן אַהינטערן בנין.

שפּעטער האָבן זיך צו מיר דערנעענטערט ערנסטע לייט מיט פאַמעלעכע טריט און מיט נאָך מער ערנסטע און געציילטע ווערטער. דער האַנטדרוק איז געווען אַ שטאָל-קאַלטער און אין די אויגן האָט געטייעט אַ באַהאַלטענער פייער, וואָס טליעט שטענדיק און וואָס צעפלאַמט זיך, ווען די שעה קומט. איינער אַ מאַן, וואָס זיין שמאָלע באָרד האָט זיך נישט געפּאַסט צו זיינע יונג-פייערדיקע בליקן, ער האָט מיך דערקענט. אַזוי, מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק זיך געזען. און דאַכט זיך פון יעמאָלט אָן איז ער דאָ אויף דער וואַך. ער דערציילט פון שווערע טעג און פון נאָך שווערערע נעכט אי-

בערגעלאָדענע מיט פּחד. און אויך ער ווייזט מיר אָן אויפן פאַרשנייטן חרמון אנטקעגן:

— עס לוינט אַט־אָ־דאָ צו שטיין אויף דער וואַך. קומט, וועט איר בעסער זען, ווי אונזערע פּרויען מאַכן קעז פון שעפּסענע מילך.

איך האָב שוין בײ אַ געלעגנהייט דערציילט פון דער בהורטע, וואָס מאַכט שוין די קיילעכדיקע קעזלעך פון שעפּסענע מילך אַ משך פון פופצן יאָר און אַז איך האָב איר געפרעגט: „ווי האָט מען עס געדולד פופצן יאָר צו מאַכן שעפּסענע קעז?" האָט זי מיר געפרעגט: „און זייט איר געווען ביים קבר פון אונזערע געפאַלענע העלדן?"

אָט דאָס זיינען זיי, די איינציקע, וואָס קענען אונטערקויפן מיט זייער מוט און דערלאָזן נישט, אַז אַ געדאַנק אַ פרעמדער זאָל קומען און פרעגן קשיות און וואָס אַפילו דיינע ספקות וועלן צע־שמאָלצן אין דעם פאַרטייעטן פייער, וואָס טליעט אין די אויגן.

אויפן וועג צוריק האָב איך אָפּגענייגט אין אַ זייט, וואו בײ אַ פעלז האָט אַ קליינע גרופּע שטאַרקע מענער געהאַקט דעם פעלז און פון אים אַרויסגעטיילט מירמלשטיין. האָבן דערבײ אַ גרויסן וואַרשטאַט, וואו מיט אייגענע כּוחות זעגט מען דעם מירמלשטיין און מען שלייפט זיין פּנים. ווייסער מירמלשטיין מיט ראָזע אָדער־לעך — ממש לעבן ריזלט אין זיינע בלוטיקע אָדערן. היים איז דאָ און טראָפּיש. און קדחת געפינט זיי דאָ אין די מירמלשטיינערנע פעלזן־היילן. און דאָך האַקט מען, מען טעשעט און מען שלייפט!

— נישטאָ נאָך דאָ אין לאַנד קיין באַדערפעניש פאַר מירמל־שטיין, באַקלאָגט זיך אַ שטאַרקער יונג, אַ חרפּה, וואָס דערווייל באַנוצט מען מירמלשטיין נאָר פאַר מצבות וועגן.

און עס האָט זיך נישט ווילנדיק געפרעגט:

— צי וועלן נאָך דאָ אַמאָל אָנשטיין די צייטן פון רוימערשן פּאַרנעם און גאַנצע זיילן מירמלשטיינערנע וועט מען ברענגען אונ־טערצושפּאַרן דאָס לעבן?

אויך בײ זיי האָב איך נישט געפרעגט קיין שאלות. אויך זיי שטייען דאָ אויף דער וואַך...

אָדם ובהמה.

אַזאַ גרויסע ליבשאַפט פאַרמאָגן די יונגע פּוער־ים און פּויערטעס אין ארץ־ישראל צו דער בהמה, וואָס גיט מילך. אפשר זיינען פון דער דאָזיקער ליבע אויך לידער שיינע באַשאַפן געוואָרן אין מיר איז דאָס נישט באַקאַנט. די ליבע צו דער בהמה איז אַ גאָר נאַטירלעכע. און ווען עס דערגרייכט אַפילו צו אַזאַ מין איבערגעטריבנקייט, ווי אין אינדיע, למשל, וואו די קו איז פאַרהייליקט געוואָרן — אַז דער הינדוס דערקלערט פון וואַנען אַזאַ אַכטונג צו דער קו נעמט זיך — ביסטו מיט אים מסכּים.

די אייגענע סיבה האָט דערוועקט אַלע קוואַלן פון ליבשאַפט אין ארץ־ישראל בּיי די יונגע קאָלאָניסטן צו דער קו. עס איז דער געפיל פון דאַנקבּאַרקייט צו דער „שטומער צונג“, וואָס אַזוי געדולדיק קומט זי אַנטקעגן דער אָרעמקייט פון פויער און העלפט אים אַרויס אין צייט פון נויט. און אין די קבוצות, וואו די קליינע, אָדער גרעסערע סטאַדע בהמות איז דער הויפּט־חיונה־קוואַל פון דער קאָמונע, איז פאַרשטענדלעך, וואָס פון קליין ביז גרויס באַמיט זיך אַ גלעט צו געבן דער שוואַרץ און ווייס־געפלעקטער „רחל“, וואָס שטאַמט פון האָלאַנד, אָדער דער שטאָלצער, גוידערדיקער ברוינער „רבקה“, וואָס שטאַמט פון ביירוט, אָדער דמשק.

די פיינסטע נעמען, וואָס מען האָט געקענט אויסבּאָ־גן בּיי די שיינע בּחורות און אַוועקשענקען די קי, ווי דבורה, שושנה, שולמית, מלכּה און מנוחה — דאָס זיינען גאָר פּשוטע נע־מען. די פאַנטאַזיע פון די בּהורות־מעלקערקעס איז בּייגעשטאַנען אויסצוגעפינען אַזעלכע פילפאַרביקע נעמען, ווי למשל: אַביבה (די פרילינגדיקע), זריזה (די פלייסיקע), חמדה (די געלוסטיקע).

פאַרהאַנען קי, וואָס האָבן זייערע אינדיווידועלע נייגונגען, האָט מען עס אַריינגעלייגט אין די נעמען אַריין: בודדה, די איינזאַמע.

דאָס איז טאַקע אַ האָלענדער קו מיט שוואַרץ און ווייס געפלעקט, נאָר זי האָט ליב צו פּראַווען יחידות. אַליין פאַר זיך זוכט זי אָפּ איר גרינע שטיקל גראָז, דערווייטערט זיך פון דעם קאָמונסטישן גייסט. אַ רחמנות, נעבעך, אויף דער בודדה. מילך גיט זי. מעלקן לאָזט זי זיך.

פאַרהאַנען, נעבעך, אַ „יתומה“, וואָס די מאַמע איז איר געשטאָרבן גלייך נאָכן קימפּעט און אַזוי מיטן פלעשל האָבן איר די בחורות אויסגעהאָדעוועט. אַ פיינע ביירוטער ברוינע קו מיט אַ שווערן גוידער און גלאַנציקער פעל, אָבער פאָרט אַ יתומה און אַלע אין דער קאָמונע געדענקען נאָך איר קינדהייט.

„שושבינה“, די אונטערפירערקע. פאַראַ־אַן אַזאַ קו אין אַ קאָמונע, וואָס האָט אַ טבע אונטערצופירן און באַגלייטן יעדע קו, ווען זי גייט אַרויס צו איר ליבע־באַגעגעניש. און פאַרהאַנען אויך די מלכה וויקטאָריע און די מלכה ושתי...

די קי, די קעלבלעך און דעם האַר אָקס אַליין, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט אויף אַ קייט און אין זיין פעל שפּיגלט זיך דער טאָג — זיי אַלעמען לעבט זיך אין די קבוצות פאָרלויפיק בעסער פון די חלוצים. פאַר זיי מאַכט מען צום ערשטן די געביידע פון בעטאָן, מיט אַ גוטן דאַך, לויט דער לעצטער מאָדע, ווען אַפילו צו די מענטשן רינט נאָך אַריין דורכן דאַך. אָדער דאָס וואַסער שווענקט אונטער דעם פונדאַמענט.

אין די שטאַלן זעט מען אַרויס די גוטע ווירטשאַפט, וואָס ליגט אין די הענט פון די פרויען. זיי, די פרויען, גיבן אַוועק אַ סך כוחות פאַר די שטאַלן. און בלויז פאַר די קליינע קינדער און קעלבלעך פאַרגינט מען זיך צו נעמען פון דעם מילך. און ווייטער, פאַר די דערוואַקסענע, איז אַזאַ לוקסוס נישטאָ. אַליין דאַרט מען און מען קוואַרט. מילך איז פאָרלויפיק אַ גרויסע שטיצע פאַר דער קאָמונע. מילך טראַנספּאָרטירט מען אין שטאָט אַריין. און אַז מען באַזוכט אַ קבוצה, איז דאָס ערשטע, וואוהין מען פירט דעם גאַסט, איז צו די קי אויף אַ באַזוך. און די יחסנטעס, מיט די שיינע נעמען איבערן קאָפּ אויפגעשריבן, זיינען מעלה־גירה און באַטראַכטן די באַזוכער. שטרעקן אוים די העלזער, מען זאָל זיי אַ

גלעט טאָן. באַזונדער אָפּגעצאַמט, ליגן אין ריינעם שטרוי די קעלבלעך און קוקן מיט אַזאַ נגידישן בליק צו די באַזוכער. ציען אויס די העלזער, דערלאַנגען די מאָרדע, מען זאָל אַ גלעט טאָן. נישט צו באַמערקן קיין סימן פון דחקות אויף די קי און נישט צו באַמערקן קיין סימן פון זאָרג אין פנים פון בחור, אָדער מיידל מיט די שווער־פאַרהאָרעוועטע הענט, בשעת זיי פירן דעם גאַסט אין שטאַל אַריין צו באַווייזן דעם פאַרמעגן. ווייל אין דער סטאַדע, וואָס פאַרמערט זיך, ליגט דער פאָרשריט פון דער קבוצה. און דער זאַטער גלאַנץ אין דער בהמה־פעל מאַכט פאַרגעסן אין דער אייגענער איינגעצויגענער הויט.

מען בלאָזט אָפּ די עופות אויך, אַז חלילה קיין עין־הרע זאָל זיי נישט שאָדן. אַ גרויסער נחת, ווען זייער צאָל פאַרגרעסערט זיך. און ווען עס וואָלטן סטייען נעמען פאַר יעדער עוף באַזונדער, וואָלט מען צוגעטראַכט אַ נאָמען פאַר יעדן קורטשיקל, ווען עס פיקט זיך נאָר פון איי אַרויס.

* * *

אין מיין בוך „פון ווייטע לענדער“, וואו איך האָב באַשריבן דאָס לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע, וואָס זיינען באַזעצט געוואָרן אויף דער ערד דורך דער יק״א, — אין יענעם בוך האָב איך אַ קאַפּיטל מיטן נאָמען: „ווילדע יידן.“ געדאַרפט האָט דאָס קאַפּיטל הייסן: „ווילדע יידן, ווילדע ערד און ווילדע פערד.“ געווען יעמאָלט אַ שווערע צייט פאַר די יידישע קאָלאָניסטן. רעגנס און פאַרפלייצונגען האָבן רויִנירט די פעלדער. דאָס איז געווען אין פערצנטן יאָר. יעמאָלט איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט אַ פאַרוואַלטער פון יק״א, וואָס האָט באַטראַכט יידן פאַר פערד מיט ווילדע קאַפּריזן. און געקלאָגט, אַז אַזוינע קאָלאָניסטן קענען נישט אַן עצה געבן דער ווילדער ערד.

יעמאָלט האָבן יידן אויך פאַרלאַנגט נאַטירלעכע זאַכן, וואָס יעדער איינער האָט דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר זיין גלעט און שווערער טירחה. דהיינו אַזאַ זאַך, ווי אַ שטוב זאָל זיין געבויט מענטשלעך, אָדער אַ שטוב זאָל זיין אַוועקגעשטעלט, וואו עס איז

באַקוועם פאַרן קאָלאָניסט און נישט פאַרן אָנגעשטעלטן בײַ דער יק״א.

— וואָס הייסט, האָט ער געטענהט, מען טאָר אַ ייִדן נישט נאָכגעבן, און ווי אַזוי קען מען עס בכלל נאָכגעבן ייִדן מיט זייערע ווילדע קאַפּריזן?

אויף אַזאַ שטילער טראַגעדיע האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אויך דאָ, אין ארץ־ישראל, בײַם ברעג ירדן, נישט ווייט פון דער בריק, וואָס פירט אַריבער צום עבר־הירדן. דאָרטן פלאַגט זיך אַ קבוצה, וואָס הייסט ג ש ר. און אַלץ צוליב דעם, וואָס די מענטשן ווילן זײַן מענטשן, ווי עס פּאַסט זיך אין יענער געגנט. זיי וואָלטן זיך אפשר אונטערגעגעבן, ווען די ליבשאַפט צו די בהמות וואָלט נישט גובר געווען:

— אויב לײַדן — איז לײַדן צוזאַמען; אויב פיבערן — זאָל מען פיבערן אַלע אונטער איין דאַך, און אויב פרייען זיך, ווען אַ קו האָט מיט מזל געבוירן אַ קעלבל — זאָל די פרייד זײַן אונטער איין דאַך.

אַזעלכע קאַפּריזן, צו לײַדן אונטער איין דאַך, האָט מען דער נויט דערלויבט אין עמק־יזרעאל, דאָרט, וואו די באַלעבאַטים אויפן געלט זײַנען די פירער פון קרן־היסוד, צי פון קרן־קימת. פאָלקס־ענינים. פאָלקסטימלעך. ייִדן מעגן זיך דערלויבן קאַפּריזן. בפרט, ווען דער קאַפּריז קאָסט תחילת ביליגער און איז נייטיק צוליב זעלבסט־שוץ... און שיין איז עס דאָרטן. ווערט געבוירן אַ קינד אין דער קבוצה — איז דאָס אַלעמענס אַ קינד. ווערט געבוירן, להבדיל, אַ קעלבל, איז דאָס אַלעמענס קעלבל. לייגט אַ הון אַן איי, איז דאָס אַלעמענס איי. די טשערעדע בהמות, ווען זי לאָזט זיך אַרויס פון שטאַל צום פעלד, די אַלע שוואַרץ־און ווייס־געפלעקטע, אָדער רויט־און שוואַרץ באַגוידערטע קי, וואָס טרעטן מיט אַזאַ חשיבות, אויפהייבנדיק אַ שטויב — דאָס איז דאָך יעדן איינעמס. אַ נחת־רוח גאָר אָן אַ סוף. דלות פאַרשווינדט. פיבער לאָזט נאָך. דער האָריזאָנט איז אַ ברייטער — ביז מען לאָזט זיך אַוועק אין אַ טאַניץ אַוועק.

די ג ש ר־לייט האָבן אויך אַזוי באַגערט. נאָר די ערד געהער צו דער פיק״א. אַ געלט־געמיש פון באַראָנישע נדבות. די באַ־

ציוּנג, אָדער גיכער דער בּליק אויף די יידן, וואָס קומען זיך באַזעצן אויף דער ערד, וויזט אויס איז כּמעט דער אייגענער, וואָס בּיי יענעם פּאַרוואַלטער אין אַרגענטינע. תּחילת האָט מען די גשר-חלוצים זיך געלאָזט בּאַזעצן אין די אײַנגעפאַלענע חורבות אויף אַ בּערגל מיט אַן אַריבּערבּליק צום ירדן. ווי אַזוי דער עולם האָט דאָ געקענט דורכלעבּן די פּאָר יאָר אין אַזאַ אַטמאָספערע און אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט, איז טאַקע שווער צו בּאַגרייפן. אפשר מער נישט צוליב דעם אידעאַל פון זיין „אויף דער וואַך בּיים בּרעג ירדן". דער דאָזיקער אידעאַל אַליין האָט כּוח געגעבּן. אַזוי האָט מען זיך אײַנגעלעבּט אינאיינעם. אַזוי האָט מען געקרענקט אינאיינעם און אַזוי האָבּן זיך געפרייט אינאיינעם די פּאָר צענדליק נפשות, מענער און פרויען.

איך האָב זיי בּאַטראַכט און דאָס האַרץ האָט פּשוט פאַרקלעמט. אַ יונגער עולם. דער יוגנטלעכער אויסדרוק עקשנט זיך אין פּנים מיט סימנים פון שטענדיקער קדחת, וואָס פּייניקט און האָט שוין זיבּן און צוואַנציק מאָל די הויט דורכגעבּרענט. אין די אויגן גליען הייסע קוילן. און איצטער, אַז זייער צייט איז געקומען אויף אַן אמת זיך אײַנצואָרדענען, טענהט פּיק"א, אַז קיין קאָמוניזם וויל זי נישט:

— עמק-יזרעאל איז פאַר אונז נישט קיין בּיישפּיל — טענהט מען צו די חלוצים — אונז וועט מען בּאַדאַרפן בּאַצאָלן פאַר דער ערד און פאַר אַלע קרעדיטן, וואָס מיר גיבּן אַרויס, און בּיי אַ קאָמונע קען מען קיין געלט נישט מאָנען. יעדער איינער זאָל זיך אײַנאָרדענען בּאַזונדער און אַליין טראָגן זיין חוב. יעדערער אין זיין הויז און יעדערער מיט זיין בּאַלעבּאַטישקייט אין אַ בּאַזונדערער שטאַל.

מיט טרערן אין די אויגן האָבּן די אַנטוישטע חלוצים זיך בּאַקלאָגט פאַר מיר און נישט געקענט בּאַגרייפן, וואָס וועט עס אַרן די פּיק"א-לייט, אויב דאָ, אין גשר, וועט זיין אַ קאָמונע, וואו מענטשן ווילן לעבּן נישט בּיחידות?

— נו, שוין, נו גוט, לאָמיר נאָכגעבּן, אַז יעדע פאַמיליע זאָל וואוינען אין אַן אייגענער הויז; נאָר פאַרוואָס זאָל עס עמעצן שטערן,

זוען אונטער איין דאַך וועלן מיר עסן אונזער ברויט און דער עיקר, ווען אונזערע בהמות וועלן אַלע לעבן אין איין שטאַל...

און איינער גיט צו:

— אָט איצטער איז דאָס אַ פאַרמעגן, וואָס פאַרכאַפּט די אויגן. אַ פאַרמעגן, וואָס פאַרמערט זיך. און אַז מען וועט עס צושפּליטערן, דעם אַ קו, דעם אַנדערן אַ קו — וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן?

און אַ בחורטע מיט גליענדיקע אויגן און מיט באַקן אַזעלכע איינגעצויגענע, שטרעקט אויס די הענט:

— זעט, ווי עס גרינט דאָרטן. זעט, דאָרטן, ביים ברעג ירדן. אַלץ האָט אָנגעהויבן צו גרינען. און איצטער, טאָמער וועט מען אונז צעטיילן, וועט קיין מוט און קיין חשק נישט זיין אין דעם דאָזיקן גהינום צו האַלטן זיך מער.

דער שמועס האָט זיך געצויגן אין עס=שטוב. און ווי, וואָס פאַר אַ עסן דאָס איז געווען! עס האָט מיר געחידושט, ווי די דאָזיקע מענטשן האַלטן זיך, אויף די פיס עסנדיק אַזוינע נישטיקע, וואַסערדיקע מאַכלים: קעמפן אַזוי פאַטעטיש פאַרן קאַפּריז צו האָבן איין שטאַל פאַר דער גאַנצער סטאַדע. מען האָט מיך מכבד געווען מיט עפּעס ביים טיש און דער ביסן האָט מיר געוואָרגן אין האַלז. מיט אַמאָל האָט עס אַלעמען דערמונטערט, ווען אַ בחורטע האָט זיך צו מיר געווענדט:

— קומט אין שטאַל און איך וועל אייך באַווייזן אונזערע קי און קעלבלעך!

איך לאָז מיך פירן צו די גליקלעכע אין שטאַל אַריין. דאָ איז אַן אויסנאַם: אַפילו די שטאַל איז נאָך אויך קיין שטאַל נישט. פונדעסטוועגן זיינען דאָך די בהמות בעסער פאַרזאָרגט, ווי די מענטשן, וואָס האָבן זייערע געלעגערס דרויסן, אָדער אין די אַלטע, האַלבאיינגעפאַלענע אַראַבישע הייזער. מיין בליק איז געפאַלן אַמאָל אויף די מענטשן און אַמאָל אויף די עטלעכע קי, וואָס זיינען געלעגן אין ווייכן שטרוי און מעלה=גירה געווען.. ביי די באַגלייטער האָט זיך אויסגעגאָסן ניין מאָס פרייד און נחת=רוח אויף די פּנימער. מען האָט די קי אַ מונטער געטאָן, זיי זאָלן זיך אויפשטעלן לכּבוד

דעם גאַסט, כּדי דער יידישער שרייבער זאָל זיי קענען ווי געהעריק באַטראַכטן. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער, אָדער יענער קו און דערציילט זייערע מעלות און שיינקייט. אָפּגעצאַמט אין אַ צווייטער שטעלכל זיינען געלעגן אין ווייכן שטרוי קעלבעלעך. איינס, אַ שוואַרצס מיט אַ ווייסן שטערן, האָט זיך אויפגעשטעלט, צעשפּרייט די פיס, כדי זיכערער צו שפּירן די ערד, מיר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן מיט אַזאַ לייטישן בליק. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז באַלד וועט עס אָנהייבן צו רעדן און מיר אַ זאָג טאָן:

— בל—ע—ע — — — פאַרוואָס וויל מען אונז צעטיילן? אונז איז גוט אַזוי צו ליגן אינאיינעם אין ווייכן שטרוי... בעט איך דיר, באַמי זיך, מען זאָל אונז בויען אַ שטאַל פאַר אַלע אינאיינעם.

און טאַקע באַלד האָט אָנגעהויבן אַ חלוק ביי מיין זייט, אַ שמאָלער אַזאַ:

— אויף דעם וועל איך קיינמאָל נישט איינגיין. אונזערע בהמות וועט מען נישט פונאַנדערטיילן. איין שטאַל פאַר אַלעמען — פאַר אַלט און יונג!

אַ ביסל אָן אַ זייט, אַליין פאַר זיך אָפּגעצאַמט, מיט אַ גראָבן רינג דורכגענומען דורך די נאָזלעכער, אַ שוואַרצער און ווייס־געפלעקטער — שטייט דער האָלענדער „ער״, דער פאָטער פון די קליינוואַרג אין ווייכן שטרוי. ער איז שווער, אַ באַרג, אַ גאַנצער, און ער שנאָרכט די לופט און בלאָזט זי אַרויס מיט אַ פייף. ווייזט אויס, ער האָט אויך אַריינגענומען אין זינען אונזער שמועס און פרוווט אַ רייס טאָן די קייט זיך צו באַפרייען. עס הערשט אַ ווײַלע אַ שטילשווייגן און איך שפּיר, אַז אַלע בליקן זיינען צו מיר געווענדט. טו איך פלוצלונג אַ פרעג:

— זאָגט מיר בעסער, קינדערלעך, ווי אַזוי לעבט איר דאָ בכלל, אין אַזאַ אומדערבאַרעמדיקער היץ, אָן אַ דאַך, אַ רעכטן איבערן קאָפּ און אָן אַ בוים, וואָס זאָל שאָטן וואַרפן — ווי אַזוי לעבט איר דאָ שוין אַריבער צוויי יאָר?

שטרעקט אַ יונגע פרוי אויס איר האַנט צו צפון=זייט, וואו עס הייבט זיך אויף פון דער ערד אַ יונגער עקאַליפּטוס=וועלדל:

— איר זעט, אָט דאָרטן, וואו עס גרינט? אונזערס. וויסט געווען. און דאָ, אין מזרח=זייט, אַריבערן ירדן — מיר האַלטן דאָ וואַך ביז די ריכטיקע שעה וועט קומען...

* * *

העט, ווייטער אַ ביסל, אויף דער אַנדערער זייט ירדן אַנטוויקלט זיך אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט. אויף אַ בערגל בויט מען הייזער. פון דער אייזנבאַן=ליניע ציט מען אַ צווייג ביז צום ברעג טייך. שורות געצעלטן פונדערווייטנס. מען זעט, ווי מענטשן שטופּן אויף די רעלסן וואַגאָנעלעך מיט זאַמד און שטיינער. עס קומט אָן אַ פראַכט=צוג און שטעלט זיך אַנטקעגן אין עפּעס לאָדט מען פון אים שווערע מאַשינען. אַ מאַן ווייזט מיר אויף דעם אָן און באַמערקט:

— די צייט איז געקומען. דאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן. מען פאַרצאַמט דעם טייך יאַרמוק. דאָ באַשאַפט מען אַ גרויסן וואַסערפאַל.. דאָ וועט זיין די גרויסע עלעקטרישע סטאַנציע. פון דאַנען הייבט זיך אָן דער רוטענבערג=פּלאַן. גאָר אינגיכן וועלן זיך דאָ ביינאַכט אָנצינדן עלעקטרישע ליכט — צי זאָלן מיר איצטער אויפגעבן אונזער וואַך?

און אַלץ און אַלע וואונדן וואָלטן זיך פאַרהיילט און גרינג וואָלט מען דאָ אַלץ איבערגעטראָגן אויף דער וואַך ביים ירדן, ווען נאָר אונטער איין דאַך וואָלטן כאָטש די בהמות געלעבט. אַזאַ באַשיידענער פאַרלאַנג.

פון שטאַל האָט זיך דערטראָגן אַ יונגע פרויען=שטימע, וואָס האָט מיט אַזויפיל ליבשאַפט אויסגעצערטלט די נעמען פון די קי אָדער קעלבלעך:

אַביבה! גאולה! חמדה!...

די ליכטיקע אויג פון גליל.

ניִשט קיין ים איז דער ים=כּנרת און אויך נישט קיין אָזערע: — אַ ליכטיקע אויג, אַ בלויע איז געשענקט געוואָרן דעם לאַנד. באַשיינט זי, באַלייכט זי דעם גליל, וואָס אין ארץ=ישראל. אַ סך מער לעגענדן האָבן באַדאַרפט באַזוימען דעם ים=כּנרת. ער איז איינגעפּאַסט אין דער ווידטעניש, אין דער אָנגעגליטער געגנט, אַליין אַ שיינע לעגענדע, וואָס דערציילט מיט אַזאַ באַהאַלטענער ליידנשאַפט פון דער צייט, ווען דאָס בלויע וואַסער האָט דאָ געשלונגען דעם רויט פון מענטשנס אָדערן אַרויסגעפּלאָסענע.

דער ירדן קומט אָן צום כּנרת פון צפון און פרישט אָפּ זיין בלוי, און דער ירדן גיסט זיך פון כּנרת אַרויס אין דרום=זייט און שטראָמט אַוועק זיין וועג. און דער כּנרת בלייבט פול אָנגעגאָסן. אַ יונגטלעכע פולע אויג, וואָס דורות האָבן זי נישט פאַרעלטערט.

געווים האָבן וואולקאַנישע פייערן זייער וואַכקייט אָנגעוואָרפן אויף דער געגנט. די צייט האָט עס דערשטיקט; נאָר פון דער טיף שלאָגן נאָך גאַזן און הייסע קוואַלן: די חמי=טבריה, די הייסע קוואַלן פון טבריה האָבן שוין אין צייט פון תלמוד געשמט. און די שטאָט טבריה אַליין, ביים כּנרת — ווי זאָל איך איצטער די שטאָט באַשרייבן? אַן אַלטע שטאָט און דאָך נישט שיין. דאָ, צום כּנרת, קלעפּט זי זיך נישט. אפשר גאָר פאַרגלייכן זי צו אַ קראַנקער ברעם אַרום דער בלויער לויטערער אויג... אַ סך אַזוינע קראַנקע אויגן פאַרמאָגט דאָס לאַנד; אויגן לויטערע מיט אָנגעצונדענע ברעמען. און די שטאָט טבריה איז די גרעסטע קראַנקע ברעם אַרום דער לויטערסטער אויג אין לאַנד. די אַראַבער זאָגן, אַז די מלכּה פון די פליי האָט באַוויליגט צו זיצן אין טבריה. מסתּמא ווייסן זיי. מסתּמא איז די פאַנטאַזיע אויך אויסגעטריקנט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע

דורות, ווי טרוקן עס זיינען די ברעגעס אַרום; ווי טרוקן עס קוקן אַריבער צו אים די בערג פון ביידע זייטן ירדן.

* * *

נאָר די הויכקייטן פון גליל, וואָס פירן אַרויף אין איין שעה אַזש ביז צו צפת, זיי קען מען נישט אַרויסרייסן פון דער ליכטיקער אויג. זי שפיגלט זיי אָפּ אין זיך, און אַוודאי האָט אין אַלע צייטן געצויגן אַהער דעם בעל־החלומות פון זיינע באַהעלטענישן. בעלי־חלומות גענוג האָבן מיר געהאַט דאָ אַרום כנרת. תנאים און אַמוראים האָבן דאָ, אין דער כנרת־אָפּשפיגלונג, געזוכט דעם באַשייד פון די צייטן און דעם גורל פון יידישן פאָלק. אַ סך, אַ סך הייסע צעהיצטע קעפּ האָבן מיר געהאַט, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען צו קילן דעם שטערן אין כנרת־וואַסער. און דאָ האָט דאָך אויך זיין שטעג געטראָטן מיט זיין נערוועזן טראָט דער בלאַסער משיח, וואָס איז פון די נצרת־בערג אַראָפּגעקומען. אויך ער האָט דעם גורל פון דער וועלט געוואָלט זען אין דער אָפּשפיגלונג פון כנרת־וואַסער.

און איצטער אויך, איך ווייס גאָרנישט, צי אונזערע פיאָנערן וואָלטן מפקיר געווען זייער געזונט און מפקיר געווען די גאַנצע וועלט, כדי אויפצובויען זיך אַ היים ביים כנרת. ווי וואָלטן זיך געשפירט די בראַווע דגניה־לייט, אין ירדן־טאָל, אָן דעם כנרת, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין זייער צעאַקערט, באַגאָרטנט לאַנד? עס איז דער געזונט־געוואָרענער ווינקל פון דעם כנרת־ברעם. און אַפילו דער איבערגעוואַקסענער בית־עולם אין שאָטן פון די דגניה־ביימער און די מצבות אויף די פּיאָנערן־קברים זיינען וואַך צום פּלאַפּל, וואָס דער באַנייטער ירדן פּלאַפּלט אָן מידקייט אויס, ווען ער שטראָמט אַרויס פון כנרת.

געקומען זיינען אויך פון ערגעץ יידישע פישער און זיך באַזעצט ביים כנרת, אויסצוכאַפּן זיינע פיש. אין דער נאַכט האָב איך נאָר געקענט זען די סילועטן פון זייערע שיפן אויפן וואַסער.

— קומט, מיר וועלן אייך אַרויספירן איפן כנרת אין אונזער פישער־שיף.

אין דער פינסטערער נאַכט האָב איך נאָר זייערע סילועטן געזען. און געמאָלן זיך דעם קאָליר פון זייער הויט, די גרייס און שווערקייט פון די פישער־הענט. אין די קליידער זיינען די פישער אַריין אין כנרת אַריין און אַריינגעשלעפּט טיפער, טיפער דאָס שיפל זייערס. און ווען שוין גאָר טיף, האָבן זיי זיך אַריבער־געוואָרפן אין שיף אַריין. די רודערס האָבן אַרויסגעזילבערט אַ וואַסערקלאַנג. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם כנרת טוט עס וויי — אַזאַ ליכטיקע, בנעימותדיקע אויג און אַזוי עס שטעכן מיט שווערע, הילצערנע רודערס.

— כאַפּט איר אַ סך פיש אין כנרת?

— ניין, עס כאַפּן זיך נישט קיין סך פיש אין כנרת.

— נישט אַ גרויסער חידוש, וואָס אַפילו יידישע פישער האָבן מיר שוין אין ארץ־ישראל? פרעגט מיר אַ יידישער פויער.

אַלץ איז ביי יידן אַ חידוש. און ווער ווייסט, וואָס פון אַזוינע פישער קען נאָך אַרויסקומען? צי נאָר פיש קען מען פון כנרת אַרויסציען? ווער ווייסט דעם סוד פון מענטשנס נשמה? און ווער ווייסט אויסצומעסטן זיין בענקשאַפט, וואָס קען ווידער אַמאָל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ווידער אַמאָל ביים ברעג כנרת אַ רעליגיע באַשאַפן...

איך האָב שטענדיק מורא געהאַט פאַר פישער מיט זייערע נעצן. אַליין ביי אַ טייך געבוירן און געוואַקסן, האָב איך פיינט געהאַט כאַפּן פיש מיט אַ גרויסער נעץ. בעסער שוין מיט הוילע הענט פיש געכאַפּט, האָב איך געוואוסט, וואָס איך האָב אין האַנט. אָ, די בלינדע נעצן, ווען מען שלעפּט זיי פון וואַסער אַרויס! וואַסערטראָפּנס זילבערן זיך און פאַלן אַרויס פון נעץ און פיש בלייבן אינעווייניק און שליידערן זיך און ווילן זיך פון נעץ אַרויסשליידערן.

די יידישע פישער דערציילן:

— עס ווילן נישט ליידן די אַראַבישע פישער, וואָס יידן זיינען אָנגעקומען אויסצוכאַפּן די פיש פון ים־כנרת.

און דאָס איז אַלץ? און ווען יידן וואָלטן געקומען און געבראַכט לעבעדיקע פיש און געוואָרפן זיי אין ים־כנרת אַריין — וואָלטן דען די אַראַבער געווען צופרידן? געוויס נישט... דערציילע

שטעלט נישט אויף דאָס יידישע פֿאָלק קיין גרויסן פֿרידן אַפֿילו דאָרט, וואו עס פֿלאַנצט פֿרידן. ווי עס רוישן נישט פֿרידלעך צום אַראַבערס געמיט די יידישע פֿעלדער, ווען דער ווינט מאַכט רוישן די אָנגעגאָסענע פֿולע זאַנגען אויף די יידישע פֿעלדער פֿאַר שניטצייט...

*　*
*

ליכטיקע אויג, כנרת לויטערער! צוליב אים בין איך דריי מאָל געקומען צום אויבערשטן גליל און פֿון איינמאָל צום אַנדערן האָט דער כנרת אַלץ שענער צו מיר אַרויסגעקומען. סיי ווען איך בין אָנגעקומען מיטן ירדן-טאָל פֿון דרום-זייט און סיי ווען איך בין געקומען פֿון דער נצרת-געגנט. איך קען זיי, די איסדערווייַלטע ערטער אויף גאָר דער וועלט. איך קען אַזויפֿיל לויטערע אויגן פֿון דער נאַטור. אַזוי זיינען די אָזערעס אין די פֿעלזן-בערג אין קאַנאַדע; אויך דאָרטן גייען פּאַראַלעל די קאַלטע און הייסע שטראָמען און מישן זיך נישט אויס. ביז צום דרויסן דערגרייכן זיי. אָט אַזוי באַלויכטן די לויטערע אויגן אַזאַ פּאַרוויסטע געגנט אין ניי-זעלאַנד, אין ראָטאָרואַ, וואו קאַלטע און הייסע קוואַלן קומען אויף און מיט זייער פּלאַפּל דערציילן זיי פֿון די לעבעדיקע פֿייערן אין ערדס טיפֿעניש.

און דאָ, די האָפֿענונג פֿון אַ פֿאָלק, וואָס וויל זיך בשום אופֿן נישט אויסלעשן. און דאָ, ביים כנרת, די האָפֿענונג פֿון אַ פֿאָלק אַ צעזייטס איבער גאָר דער וועלט און וואָס וויל אַנטשלאָפֿן ווערן און קען נישט.

אין דער שיינער דגניה-קאָמונע האָב איך גענעכטיקט. מיין געלעגער האָט מען מיר אויסגעבעט אויפֿן באַלקאָן פֿון קאָמונע-פּאַלאַץ. איבער מיר האָבן זיך אַריבערגעבויגן פֿונאַנדערגעבליטע ביימער. אַלע האָבן מיר געוואונטשן אַ גוטע נאַכט. גוטע הענט האָבן אַריבערגעצויגן איבער מיר אַ ווייסע נעץ, די קאָמאַרעס זאָלן מיר נישט שטערן מיין רו און מיר נישט מכבד זיין מיט דעם גיפֿט, וואָס האָט שוין איינציקווייז דורכגעטרייסלט די ביינער פֿון די פֿאָנערן.

עס איז געווען אַ וואַכע נאַכט. און כאָטש אונטער אַ נעץ, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזן צו מיר קיין איין קאָמאַר — אָבער נישט גענוג איז געווען די נעץ אָפּצושטעלן דעם פּלאַפּל פון ירדן ביי זיין אַרויסרייסן זיך פון כנרת. און ווער קען עס גאָר אין איצטיקן דור שלאָפן אין די נעכט? אין די וואַכע, וואַכע נעכט! ווער האָט זיך גאָר איינגערעדט, אַז אין אונזער יידישן לעבן איז פאַרהאַן כאָטש איין ווינקעלע אַ קליינס, וואו מען קען רויִק איבערשלאָפן? עפּעס בייכט שוין, עפּעס שטעכט שוין און וועקט פון שלאָף. אַ נאַר בין איך געווען, גלויבנדיק, אַז אין ארץ־ישראל וועל איך זיך קענען אויסשלאָפן. נישטאָ אַזאַ וואַך ווינקל אויף דער ערד, ווי אין ארץ־ישראל. אונזער יידיש פאָלק האָט זיך אַזוי קוועקזילבערדיק צעהודערט דאָ. און צום שטענדיקן גערויש פון ירדן ביי זיין אַרויסשטראָמען פון כנרת, אַזוי רוישט דאָ דאָס בלוט אין געמיט פון ארץ־ישראלס פּיאָנערן.

דורך מיר האָט די אומרו געצויגן אינאיינעם מיט דעם כנרת־גערויש. און עמעצער אין מיר האָט זיך געוויצלט: „און וואָס וועט זיין, אַז אונזערע פישער וועלן פאַרוואַרפן אַ נעץ, אָדער אָנשטעלן אַ נעץ אויף איבער נאַכט און אינדערפרי, אָנשטאָט צו געפינען לעבעדיקע, צאַפּלדיקע פיש אין נעץ, וועט דאָרט גאָר זיין אַ קליין מענטשעלע, אַ פיצלס, אַ שרעטעלע און וועט זיך צעלאַכן: — כי־כי־כי, שלום־עליכם, פישער מיינע, פון וואַנעט קומט איר, פון פון מינסק צי פון פון פינסק? און אפשר גאָר פון אַ מאָהילעווער קאַנט, וואו באַרימטע יידישע פישער האָבן געכאַפּט פיש יעדן ערב־שבת? אומזיסט אַייער טירחה דאָ; אומזיסט וועלן דאָ אַייערע שיפן פאַרפוילט ווערן. פיש כאַפּן איז אַ נאַרישע מלאכה, בפרט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. בפרט, אַז מען האָט זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל ערשט נאָך צוויי טויזנט יאָר... פיש וועט מען שוין כאַפּן אָן יידישער טירחה...“

אַזוי וועט חוזקן דאָס קליינע מענטשעלע. אַליץ קען טרעפן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און אַליץ קען חוזקן פון יידישער האָפענונג...

* *
*

דאָ, בײַ דער קראַנקער ברעם, וואָס זוימט דעם כּנרת, איז פאַראַן דער קבר פון ר' מאיר בעל הנס. אַהער, צום קבר און צו דער שולכל אויפן קבר, קומען קאַליקעס פון מצרים און פון סיריע. אַהער ברענגט מען קינדער מיט חולי־נופל, און אַהער ברענגט מען היסטערישע קרענק און קרענקלעכקייט. דאָ זוכט מען סגולות און תרופות. און אַלץ אינאײנעם, מיט די קראַנקע, אין שמאַטעס אײַנגעוויקלטע ווייבער, וואָס הויערן ביים שוועל פון קבר — דאָס אַלץ דערציילט, וואו אונזערע רעליגיעזע געפילן שטעקן נאָך, און וואו אַ האָפענונג האָט עמעצער אונטערגעוואָרפן, ווי מען וואַרפט אונטער אַ קופּערנע מטבע אינאײנעם מיט אַזאַ שפּרוך, פון דער מטבע זאָל ווערן גאָלד.

צו די חמי־טבריה, צו די הייסע קוואַלן, ציען מענטשן מיט גלידער פון רעוומאַטיזם צעדרייטע און דער וועג ביים ברעג כּנרת, אַזאַ שטייביקער דאָ, אויך ער קילט דער ראַנד זיינעם אין די בלויע וואַסערן פון כּנרת...

און עס קען דאָך אויך זיין, אַז דער ליכטיקער כּנרת איז נאָר צום יידן אַזוי לויטער און צו אים רעפלעקטירט דאָס וואַסער אַזויפיל שיינקייט, ווייל די האָפענונג איז אַזאַ דורות־לויטערע, וואָס קוקט אַרויס פון פאַלקס וועזן אַרויס.

און עס קען דאָך אויך געמאָלט זיין, אַז געזונט און גרין באַביימערט וועט ווערן דער ראַנד פון כּנרת דורך דעם יידישן שטאַרקן ווילן און בענקשאַפט, ווי דער אָנהייב איז אָנגעצייכנט געוואָרן.

עס קען דאָך זיין, אַז דער גאַנצער עמק־הירדן מיט זיינע וויסטע ירדן־ברעגעס, וואָס נעמט אַריין אין זיך די ליכטיקע כּנרת־אויג, אַלץ אינאײנעם וועט אויפלעבן מיט אַ ניי לעבן, ווי דער יידישער ווילן און די יידישע בענקשאַפט וויל עס — — —

יעמאָלט וועט די לויטערע כּנרת־אויג נאָך לויטערער ווערן, ווי עס לייטערט זיך אויס אַ קינדערשע אויג, ווען נאָך אַן אומשולדיקן געוויין קומט די פרייד אַרויס און שפּיגלט זיך אין טראָפּן טרערן...

לעבן און היסטאָריע.

מיט מיר האָט אַרומגעשפּאַצירט אַ באַגייסטערטער יונג אַרום ירושלים און כּסדר געטייט צו יעדן בערגל, צו יעדן האָרביקל אין דער געגנט:

— איר זעט, די ערד אָטעמט מיט היסטאָריע. אַז מען זאָל יעדן אויפגעבלאָזענעם זאַמד־באַרג אויפגראָבן, וועט מען דאָרט אַ שטיק יידישע היסטאָריע אויפדעקן.

היסטאָריע פון אַ פאָלק ליגט אונטער דער ערד באַגראָבן. לעבן פון אַ פאָלק ציט ווי אַ גרין פעלד פון ראַנד ביז ראַנד הימל. צי האָבן מיר אַ זינען פאַר היסטאָריע? דאָס איז נאָך אַ שטיקל ספק. אַליין, וואָס ליגט אונטער דער ערד באַגראָבן און וואָס האָט אַ שייכות מיט יידישער היסטאָריע, ווען מען נעמט עס אַליין אַרויס אויף דער אייבערפלאַך, וואָלט עס נישט באַרעכטיקט אַזוי אונזער דאָזיין מער, ווי דער פאַקט, אַז מיר לעבן אונטערן הימל.

די טעפּעלעך, קריגעלעך און אייל־לעמפּלעך, וואָס שטייען אַהינטער די גלעזערנע טירן אויסגעשטעלט אין ירושלימער מוזעום, זיינען גאַנץ רעדעוודיק, נאָר פון צו גרויסע אויפטואונגען באַווייזן זיי נישט. מטבעות פון אַזאַ, אָדער אַנדער פעריאָדע, וואָס באַצייכענען פרייהייט — זיי זאָגן יאָ עפּעס. נאָר אין ארץ־ישראלדיקן דרויסן, ווען מען גייט אַרויס אין דער זוניקער שפּע, ווערט מען אַרומגעוואַשן פון היסטאָריע און אַזוי היינט־טאָגיק קלינגט עס אַרום דיר.

ווער זאָגט נאָך, אַז מיט אַמאָל טוט אַ ציטער דער שטיינערנער באָדן אונטער דיר און עס עקספּלאָדירט דער דינאַמיט, וואָס די חלוצים האָבן אונטערגעלייגט אונטער אַן עקשנותדיקן פעלז ביים צוגרייטן אַ באָדן פאַר אַ נייעם בנין. אַזאַ אויפרייס צעטרייבט אַלע היסטאָרישע מחשבות, וואָס קומען אָן מיט אַ זשומען דאָ, אַרום ירושלים. שיכט איבער שיכט ליגט דאָ אין ארץ־ישראל די היס־

טאָריע פון גרויסע און קליינע פעלקער=לײדנשאַפטן. נאָר איבער דעם אַלעמען איז געבליבן אַ שווערע שיכט פון די רוימער און זייערע שטרעבונגען. אונזערע אײגענע דורות האָבן אַ סך געערדט צו דער צייט מיט דער שטים פון די רוימער. דער האַלבער קנעכט און דריי=פערטל רוימער אין גייסט, הורדוס, ער האָט געלאָזן אין לאַנד געגוג געפורעמטע און געמאָדעלירטע גראַניט=שטיקער.

די איצטיקע רעגירונג פאַרוועהט אַריבערצוגיין מיט אַקעראַייזן איבער אַזוינע בערגלעך, וואָס מען קען חושד זיין, אַז זיי באַהאַלטן היסטאָריע אין זייער בוזים. אַפילו די טריט פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן זיינען היסטאָריש געוואָרן אין אַזאַ היסטאָריש לאַנד. מיר זיינען ליבער געווען אין ארץ=ישראל די פשוטע יידן, וואָס גאָר אָן קיין שום איבעריקער אויפגעקלערטקייט האָבן זיי באַגריפן זייער חוב צום לאַנד און מאַמע=ערד און וואָס יעדע קרומקייט אין דער נאַטור האָט פאַר זיי קיין באַזונדערן סוד נישט באַהאַלטן.

פאַטעטיש זיינען גאָר די הויכקייטן, אָדער די טאָלן, וואָס זיינען אַזוי שיין און אומשולדיק באַזונגען געוואָרן פון דער פאָלקס=טימלעכער ליבע אָדער שנאה. מען באַדאַרף נישט זיין קיין קינד פון לאַנד, כדי נאָך איצטער מיטצוזינגען מיט די אַלטע זינגער, ווען שטייענדיק אין די יהודה=בערג גייט דער בליק אַוועק צו מזרח, מערב, צפון, אָדער דרום; ווען אין די גליל=בערג שטייענדיק, באַווייזט זיך פון וויטנס דער פאַרשנייטער חרמון און דער וויס=צעקאַרבטער לבנון. עס פעלט נאָר די געפליגלטע שפּראַך פון אַמאָליקע דיכטער, אָדער פאַסטעכער איצטער אויך אויפצוהויבן די שטים מיט געזאַנג.

* * *

דאָס איז געווען אין דער קאָלאָניע בנימינה, וואו עס שיכורט דער ריח פון יאַסמין=בלומען. דאָרטן האָב איך מיר גע=דונגען אַ יידישן „רייט=אָדלער“, כדי רייטנדיק דערקלייבן זיך דורך די מדבּרדיקע זאַמדן צום ברעג ים, קיין קיסריה, וואָס אין מערב=זייט. אַ פּאָר קילאָמעטער אַהינטער דער קאָלאָניע האָבן חלוצים אַרומ=

געגראָבן אַפּעלסינען־ביימער. ביים זייט וועג געפינט זיך אַ ברונעם מיט קוואַליק וואַסער. מיין שקאַפּע האָט זיך געעקשנט דאָ דורכ־פאָרנדיק, דערשמעקט וואַסער. און איך אַליין בין אויך געווען אַ ביסל דאָרשטיק. אַ שוואַרצהנעוודיקער און ברייטפּלייציקער חלוץ איז געווען ביים ברונעם. נעם איך און פאַרגעם אַן אינזער היסטאָ־יע און פרעג אים אויף יידיש:

— צי דאָ איז דער וועג, וואָס פירט קיין קיסריה?

— מה? (וואָס?).

— פרעג איך ווידער:

— קענט איר מיר נישט זאָגן, צי דורך דאַנען וועל איך אַרויסקומען קיין קיסריה?

צעגיסט זיך אַ ברייטער און נישט קלוגער שמייכל איף זיין פנים, און ער פרעגט ווידער איבער עקשנותדיק:

— מה?

האָב איך אים צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער פון ווייטנס און אונטערגעטריבן מיין פערד.

נאָר מיין רייט־אָדלער האָט זיך פון דעם מאָמענט אָן אָנגעהויבן צו קאַפּריזען. געווים, ווען ער דערטאַפּט אַ וואַנט, וואָלט ער מיך צוגעדריקט צו איר, ווי דאָס האָט אַמאָל בלעם געקראָגן פון זיין אייזל... די שטראָף האָט זיך אויסגעלאָזן אויף פערד און זיין רייטער נאָך פאָרנדיק אַהין. מיין פערד איז פּלוצלונג געפאַלן, האָט זיך צעשלאָגן און מיר שיר נישט צעבראָכן רוקן און לענד. ווען דער פערד האָט זיך אויפגעשטעלט, זיינען אויף זיינע קני געווען צוויי בלוטיקע צייכנס און איך בין באַשענקט געוואָרן מיט בלויע פלעקן אויף מיינע היפטן און פּים.

מחשבות זינדיקע איבער היסטאָרישע ווערטן, וואָס איך האָב מיט לייכטזין צו זיי זיך גענייגט. איך בין אפשר צוליב זיי באַ־שטראָפט געוואָרן. ווער ווייסט, אפשר האָט זיך אַריינגעמישט דער בייזער שטן אין געשטאַלט פון איין העברעישן קורצן וואָרט „מה?“

* * *

דער מיטללענדישער ים איז דאָ שיין בײַ קיסריה. עס איז דער ים־הגדול. אים אַריבערקוקן האָט מען אַמאָל נישט געקענט. זיין בלוי איז אַ געלייטערטער בײַ די ברעגעס פון פּאַלעסטינע. און איצטער אויך, אַז איך האָב אין זיין בלויקייט געוואַשן די וואונדן פון מיין רייטפערד און זיך צוגעהערט צום ווייטאָג אין מיינע היפטן — האָט דער ים צו מיר גערוישט און דערמאָנט, אַז אַ חבר איז ער צום לעבן און מיר אויך, דערמאָנט אָן די אַלע ימען, וואָס איך האָב דורכגעשניטן. קיסריה אַליין, די אַמאָליקע קיסריה, וואָס האָט באַ־דאַרפט קאָנקורירן מיט ירושלים, איז אויפגעקומען אין דמיון מיטן גערויש פון ים. און עס איז צוגעקומען דער אײַנגעהאַלטענער ווײַ־געשריי פון דעם תנא און רעוואָלוציאָנער רבי עקיבא, וואָס דאָ, אין קיסריה, האָט מען מיט גענויע צוויי טויזנט יאָר צוריק זיין לייב געבערענט. דאָ איז פאַרגאַנגען דער לעצטער ווײַ־געשריי פון פאָלקס־באַפרייער.

איצטער איז דאָס שטעטל קיסריה אַפילו נישט קיין מינדסטער שאָטן פון דעם אַמאָל. די אייגענע אַראַבישע הייזלעך און די אַראַבער, וואָס גענעצן אויס זייערע טעג צום דרויסן אַרויס. אַ יידיש יינגל פון רוסלאַנד, אינגאַנצן אַ פּאָר יאָר אין ארץ־ישראל, ער איז מיט זיינע עלטערן מגולגל געוואָרן קיין קיסריה. און גיי טרעף, צו־ליב־וואָס ער קאַלאַטשעט זיך אום ביים ברעג:

— קומט, זאָגט דאָס יינגל צו מיר, איך וועל אײַך באַווייזן אַ גרויסן היסטאָרישן אָרט.

איך קוק אין זיינע שוואַרצע אויגן און באַטראַכט די זומערשפּרינק־לעך, וואָס האָבן זיך שווער אָנגעזעצט אויף זיין פּנים און הענט און איך גלויב נישט מיינע אויערן. אַזאַ קליין יינגל און ווייסט שוין פון גרויסע היסטאָרישע ערטער... און ער דערציילט מיר פון די בייזע רוימער און ער מאָלט פאַר מיר אויס דאָס בילד, ווי מען פאַרפּייניקט דעם גרויסן רבי עקיבא פאַר זיין שטיצן דעם אויפ־שטאַנד פון בר־כוכבא. ער געפינט ביים ברעג אַ שטיקל אַרומ־געשלייפטן גראַניט און ער טראָגט עס מיר צו נאָענט צום פּנים:

— איר זעט, מאַכט ער צו מיר, דאָס איז ניט פון דאַנען דער שטיין. דאָ זיינען גאָר אַזוינע שטיינער נישט פאַרהאַנען. דאָס האָט

הורדוס אַהער געבראַכט די שטיינער פון זייער ווייט. דאָס איז דער אייגענער שטיין, ווי פון די גרויסע זיילן, וואָס ליגן דאָרט אין וואַסער.

זאָג איך צו אים:

— ווייסטו, מיין זון, אַז דו ביסט מיר טייערער, ווי טויזנטער רוימישע גראַניט־זיילן. זאָג מיר, צי האָסטו ליב ארץ־ישראל?

פאַרשטייט ער נישט אינגאַנצן מיין פראַגע, נאָר דער אימפּעט אין אים טרייבט אים אונטער און ער ענטפערט:

— איך וואָלט ליב האָבן ארץ־ישראל, ווען איך וואָלט געזען דאָרטן, וואו מען גיט ערד גוטע צו אַקערן. איך וויל אַקערן. איך וויל זייען. דאָ איז זייער שיין ביים ברעג ים, נאָר דאָ איז מיר זייער אומעטיק. — —

* * *

די איבערבלייבעכצן פון דער אַלטער קיסריה וואַלגערן זיך ביים ברעג ים. און די טיילן פון הורדוסעס האַפן, וואָס האַלטן נאָך מלחמה מיט דער צייט און מיט די עקשנותדיקע כוואַליעס, כאָטש שטיין און גראַניט, אָבער ניט אינגאַנצן זיינען זיי פאַרשטומט געוואָרן. דאָ שרייט עס איבער די כוואַליעס פון ים. שיכט אויף שיכט ליגן די שווערע שטיינערנע, פירווינקלדיקע בלאָקן פון ווייכן שטיין און יעדע עטלעכע שיכטן זיינען דורכגענומען דורך און דורך מיט אַ רונדן גראַניטענעם באַלקן. ביימער גאַנצע גראַניטענע זיינען דאָ מיטן פלאַכן שטיין דורכגעוואַקסן און געשלאָסן איינס מיטן אַנדערן. די צייט האָט זיי נישט פונאַנדערגעטיילט. פון גאַנץ ווייט האָט מען באַדאַרפט ברענגען דעם גראַניט, ערגעץ פון סיריע, און ווי אַזוי איז דאָס געטאָן געוואָרן? עס ווערט נאָר רעכט, ווען מען מאָלט זיך אויס די אַמאָליקע קנעכטשאַפט און די קאַפּריזן פון אַמאָליקע הערשער. אַזוי איז געווען אונזער אייגענער שלמה המלך און אַזוי איז אויך געווען דער קאַפּריז פון אונזער אייגענעם־פרעמדן הורדוס. ער, הורדוס, האָט געוואָלט אָפּווישן די חשמונאים־שפּורן פון דאַנען און די סימנים פון אַלכסנדר ינאי, און בעסער די שטאָט געבויט צוליב דעם כבוד פון קייסער אַווגוסטוס...

— וואָס רוישט איר, אַזוי, אינדן, און ווערט נישט מיד צו פּאַטשן און שפּריצן צווישן די רוינען דאָ?

איך זעץ מיך אַנידער אויף די רוינען און מיין ייִנגל, דער מיסטעריעזער וועגווייזער, האָט זיך אויך אַנידערגעזעצט לעבן מיר, זייט בײַ זייט און, ער האָט זיך אַזוי אײַנגעקאָרטשעט, אַז ער האָט אויסגעזען נאָך פיל קלענער פון זיינע יאָרן. צי האָט ער זיך צוגעהערט צו מיינע מחשבות? צי האָט ער זיך פאַראייניקט מיט מיין שווייגן?

— ווי אַלט ביסטו? האָב איך נאָך אַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— איך בין פאַר פסח געוואָרן אַכט יאָר, האָט ער מיר געענטפערט און גאָרנישט חושד געווען, אַז איך האָב אפשר פאַרבאָרגענע מחשבות דערביי. אָ, ווי איך האָב מיר געוואָלט בייטן מיט אים און קענען אַזוי שפּירן די גרויסקייט פון דער געגנט, ווי דער אַכט־יאָריקער ייד דאָ, זייט בײַ זייט. און ממש ער האָט מיך פאַרשעמט, ווען איך האָב אים פאָרגעלייגט עטלעכע פּיאַסטער פאַר זיין טירחה. ער האָט מיט פאַרוואונדערונג מיר אַרײַנגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, מיט דעם אויסדרוק פון אַ חכם און עלטערן פון מיר. האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איר גיט מיר בעסער גאָרנישט, ווייל איך נעם נישט גאָרנישט, אַז איך באַווייז אַ יידן אונזערע היסטאָרישע ערטער. — — —

* * *

די אַראַבישע הייזלעך קומען אַרויס ביז צום ים. אין ביים מאַמע ברעג, אויבן, אויף אַ פעלז, אַ הייזל מיט די פענסטער צום ים אַרויס. אויפן קליינעם באַלקאָנדל איז געשטאַנען אַ מיידל און געשמייכלט. זי האָט זיך צוגעהערט צו מיין שמועס מיט דעם אַכט־יעריקן יידן און איר איז דאָס אויסגעקומען זייער טשיקאַווע. איך האָב זי באַגריסט און געבעטן אַ טרונק וואַסער. האָט זי מיך אַרויפגעבעטן צו זיך אויבן. זי האָט מיך דערקענט און מודה געווען, אַז זי האָט אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע אין הירשביינס אַ פּיעסע.

— וואָס־זשע טוט איר דאָ, טו איך אַ פרעג.

— איך האָב מיך אויסגעהאָרעוועט, געפיבערט און איצ־טער האָב איך רעומאַטיזם. וואו איך דאָ. דאָ איז די לופט גע־זיגטער. בייגאַכט קומען אַהער נאָך חברים, חלוצים פון בנימינה, ווייל דאָ ליידט מען נישט פון קדחת.

לעבן און היסטאָריע. די געשיכטע איז אַן אַלטע. זי איז גע־קומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, געבראַכט איר גאַנצע יוגנט און ענערגיע און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. געהאַקט שטיי־נער, געפלאַנצט ביימער, געמאָלקן קי און געזעצט קאַרטאָפל. היסטאָריע חזרט זיך איבער. נאָר לעבן איז שטאַרקער פון היסטאָריע און מאַכט צונישט יעדע דערציילונג, וואָס האָט אַ היסטאָרישן הינ־טערגרונט. זי איז אַ צייט געשטאַנען אויף איר באַלקאָן, נאָכ־דעם ווי איך האָב זיך מיט איר געזעגנט, און געקוקט, ווי איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף מיין פערד מיט די בלוט־צייכנס אויף די קני.

האָפּקענדיק זיך אויף מיין נעבעך־פערד דורך דעם טיפן זאַמד צוריק צום ישוב, האָב איך פאַרקערעוועט צו די צוויי שורות בעדוינישע געצעלטן. פון אַהינטער די טראַנטעדיקע, ברוינע פאָר־האַנגער האָבן צו מיר געשאָסן בליקן אַזוינע ברענענדיקע. קינדער מיט קראַנקע אויגן, אַ ביסל דרייסטער, זיינען אַרויסגעקומען און אָנגעשטעלט אַ האַנט. געבעטן באַקשיש.

דאָס איז באַוועגלעכע היסטאָריע אויף ארץ־ישראלס פלאַכן. אַ היסטאָריע, נישט קיין פאַרשריבענע, נאָר אַ פּריוואַטע אינאיינעם מיט די קערנער, וואָס אַ ווינט ברענגט צו טראָגן. אַלץ ענגער און ענגער מאַכט מען דאָ אין לאַנד פאַר זייער פרייען אָטעם. היס־טאָריע איז פאַר דעם לעבעדיקן נישט מער, ווי אַ לאָגל אויס־געגייט פון אַ גאַנצער ציגנפעל. אַז מען פילט אַזאַ לאָגל אָן מיט וואַסער, ווערט די גאַנצע ציג פול, אַלע פיר פיס אַפילו שטעלן זיך אויף און גרייט אַראָפּצושפּרינגען פון וואַסער־טרעגערס פלייצע... דאָס לעבן לאָזט זיך נישט פאַרנייען אין אַ ציגנפעל.

האָצקענדיק זיך אויפן פערדל מיינעם, איז מיר געקומען פאַרן רעיון דער אַלטער כינעזישער שטאַטסמאַן אין פעקין, וואָס אין זיין שמועס מיט מיר האָט ער אָפּגעלייקנט די איצטיקע בלוטיקע גע־

שעענישן אין זיין לאַנד, בלויז מיט דער איינציקער איבערצייגונג — אַז היסטאָריע חזרט זיך איבער און, אַז זיין פאָלק וועט זיך פון אַלע פלאָנטערן אַרויסדרייען, אויב נאָר עס וועט נעמען אין אַכט זיין אייגענע פינף, צי צען טויזנט־יאָריקע היסטאָריע. הונגעריקע, מיליאָנען, וואָס שרייען ברויט! — דאָס איז גאָרנישט. די היסטאָריע באַווייזט, אַז שטענדיק איז אַזוי געווען. שטענדיק האָבן די הונגעריקע געגוואַלדעוועט: ברויט! נאָר מען האָט זיי די מיילער צוגעמאַכט. די היסטאָריע באַווייזט, אַז אין אַלע צייטן האָט געטראָפן, אַז אַ פאָלק איז געבליבן, ווי שאָף אָן אַ פאַסטעך, און עס האָט טאַקע נישט געטויגט, ביז עס איז אויפגעקומען אַ שטאַרקער מענטש און אונטער זיין פאָלע האָט ער צונויפגענומען דאָס גאַנצע פאָלק, ווי דער פאַסטעך נעמט אַרונטער אַ נאָר־וואָס געבוירן שעפעלע. פאַרוואָס האָב איך מיט זיך נישט פאַרנומען דעם יינגל, וואָס האָט זיך צו מיר באַוויזן ביים ברעג ים מיט זיין גאַנצער דערוואַקסענער חכמה. איך וואָלט אים אַנידערגעזעצט לעבן זיך אויף מיין פערד, ער פאָראויס און איך הינטער אים. אַ סך וואָלט מיר אַזאַ קינד דערציילט פון אונזער היסטאָריע און געוויס וואָלט ער געהאַט אַ קלוג וואָרט צו זאָגן אויף דער גרופּע בעדוינישע קינדער, וואָס זיינען געזעסן און זיך געבעך געקראַצט דאָס לייב אונטער די צעריסענע מלבושים.

אַריינקומענדיק צוריק אין דער קאָלאָניע בנימינה, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ גרופּע יונגע בחורים, וואָס זיינען געזעסן אויף דער וועראַנדע ביים אַרבעטער־עס־פּלאַץ. מען האָט זיך צעשמועסט פון גוטע רייט־פערד און פון שלעכטע, וואָס ווילן דווקא זייערע רייטער אַראָפּוואַרפן פון זיך. איינער האָט באַוויזן, אַז אַ יידיש פערד האָט אַ טבע דעם רייטער פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן:

— אַ פערד דערקענט דעם יידן אויף זיך, און ווען, ווען, קיין יידן וויל ער נישט טראָגן אויף זיך.

און אַ צווייטער האָט באַוויזן:

— אַ פערד, אַז ער איז אויפגעוואַקסן אין יידישע הענט, וועט ער שוין שטענדיק האָבן אַ קאַפּריז.

דער עולם האָט נישט געשפּירט, ווי נאַטירלעך מען איז איבערגעגאַנגען אויף יידיש און ווי צוזאַמען מיט דער יידישער שפּראַך האָט זיך אַרויסגעריסן געלעכטער און אפשר אַ שטראַל פרייד. דאָ האָב איך דערציילט די מעשה, ווי אַזוי איך האָב געפרעגט דעם וועג צום היסטאָרישן ברעג, וואו די אַמאָליקע קיסריה איז געשטאַנען און איך האָב זיך געחידושט, פאַרוואָס איף מיין פראַגע אין יידיש, האָט מיר דער חלוץ מיט אַ חוזק־שמייכל געפרעגט: „מה?“ און — צו קיין ענטפער אויף מיין פראַגע האָב איך זיך נישט דערשלאָגן.

האָט מען זיך געכאַפּט, אַז יענער, וואָס האָט מיר אויף יידיש נישט געוואָלט ענטפערן, איז ווערט געליבט צו ווערן. אין אַ שטילשווייגן האָט באַהערשט אונזער עולם אויף אַ ווײַלע. איך די גוטמוטיקייט איז פון פנים פאַרשוואונדן. דאָ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז היסטאָריע איז נישט אַזוי גרינג צו באַזיגן. און ווען לעבן מיט היסטאָריע וואַרפן זיך אַריין אין אַ קאַמף — ווער קען יעמאָלט זיין נאָך אַריינשטעקן?

* *
*

דער וועג צוריק קיין תל־אָביב האָט זיך געצויגן ביים ברעג ים דורך די פלאַכן פון שרון. דאָ, אין דעם שרון, אויף די שטרעקעס לאַנד, וואָס געהערן צום יידישן ישוב, גראָבט מען טיפע קאַנאַלן אָפּצוציען די וואַסער פון די זומפן און אויף אַזאַ אופן וועט מען אויסהיילן דעם שרון פון מאַלאַריע־פיבער, וואָס הערשט דאָרטן. געדולדיק האָבן זיך געבויגן די פּלייצעס אין גראָבן אַראָפּ, און אַזוי האָט מען אַרויסגעוואָרפן צום ראַנד־קאַנאַל די פייכטע גליבעס ערד. ערנסט און שווער האָבן זיך געבויגן די פּלייצעס פון די חלוצים און צוריק זיך אויסגעגלייכט מיט די רידלעס פייכטע ערד.

איז דאָס דער אייגענער שרון, וואו שולמית האָט געקליבן אירע רויזן און ליליען? האָט יעמאָלט אויך געפיבערט יעדער איינער, וואָס איז אַהער געקומען בלומען קלייבן צווישן די דערנער? עס רירן דאָך אָבער ביז טרערן די שורה מענער, וואָס שטייען ביז צום גאַרטל אין אַ זומפּיקן קאַנאַל און גראָבן און

גראָבן, איצטער, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, כדי געזונט צו מאַכן דעם שיר־השירימדיקן שרון.

אַ ביסל שפּעטער האָט דער צוג מיך געפירט פאַרביי די אַפּעל־סינען און ווייגגערטענער, נעענטער שוין צו דער יהודה־געגנט. אַ שטימע האָט געשריען און אַלץ איבערגעשריען:

„טעג קומען און דערנעטערן זיך, ווען היסטאָריע וועט קניען און זיך בויגן פאַרן לעבן." — — —

אונזער צעשפּאָלטענע צונג.

איצטער קום איך צו דער פיינלעכסטער וואונד אין אינזער נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם — צו דער צעשפּאָלטענער צונג אונזערער. צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז אונזער צונג איז צעריטלט אויף אַזוי פיל טיילן, וויפל שפּראַכן די וועלט פאַרמאָגט. שטום־קייט איז נישט קיין אויסדרוק, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן אונזער לעבן. מאַכן מיט די הענט און ווירבלען אַרום זיך אַ ווינט — דאָס אויך נישט. אין ארץ־ישראל זעט מען אַרויס די וואונד קלאָר, זי האָט שוין אָפּגעבלוטיקט און איצטער אייטערט שוין אונזער צעשפּאָלטענע צונג.

וואָס נאָך האָט געקענט אונזער האַרץ פאַרלאַנגען, ווען צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן מיר דערוואַכט מיט אַ יונגער, צאַפּלדיקער פאָלקס־שפּראַך? דריי פערטל פון אונזערע זעכצן מיליאָן אָטעמען איצטער אַיין די זוניקייט, וואָס נאָר די פריידיקייט פון אַ פאָלקס־שפּראַך שטראַלט פון זיך אַרויס. יידיש האָט אַרויסגעשטראַלט פון אונזערע אייגן; אַ שפּראַך מיט יונגן הומאָר, צאַפּלדיק און מיט יוגנטלעכן קאָלאָריט. יידיש האָט לשון־קודש געפירט ביים האַנט. געפירט פאָרזיכטיק צו די זוניקע פלעקן, אויסגעזאָכן איבער אונזער קליינשטעטלדיקער האַרבסטיקייט. איצטער איז נישט נאָר אונזער צונג צעשפּאָלטן, נאָר דאָס גאַנצע לעבן איז צעריסן אויף צווייען.

אונזער פאָלק איבער דער גאָרער וועלט טראָגט נישט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט נאָר פאַר זיין אייגענער שפּראַך — פאַר קיינעמס שפּראַך נישט. צו גרינג קומט עס אונז אָן אין יעדן לאַנד צו פאַרגעסן אונזערס און פאַרדאַרבן יענעמס. מיר זיינען שפּראַך־פאַרדאַרבערס אויף דער וועלט. און וואָלט מען געשפּירט דעם ווי פון שטום־געוואָרענעם, פון דעם

שטאַמלער, וואָלט עס געקענט אַנדערש זיין. פילן מיר עס נישט. קייען מיר און שפייען צום דרויסן אַרויס אַלע שבעים לשונות. שטייגט אויף אַ שפּראַכן־געשטאַנק אין אונזערע מחנות.

וואו נאָך אויף דער וועלט קען מען הערן אַזאַ שפּראַך־גרייזיקייט, ווי אין ארץ־ישראל, דאָרט, וואו אַ יונג לעבן צאַפּלט זיך און וויל געבוירן ווערן... צי מיט גוטן אויפן שפּיץ צעריטלטן צונג אָנגעשטאָכן עטלעכע העברעיִשע פאַרגרייזיקטע ווערטער און סיי די, וואָס מיט גוטן האָבן זיי געלאָזן די צונג פאַרגוואַלטיקן. אַלץ איינס אומקרויטיק האָט מיר דעריבער דאָס לעבן אויסגעזען אין אַזאַ גרויסער לשון־פאַרגרייזיקטקייט. און צוליב וועמענס זינד? צוליב וועמענס נאַרישקייט? שווער דאָס אַלץ אָנצולייגן אויף די שמאָלע פּלייצעס פון פאַרשטאָרבענעם בן־יהודה, אויף וועמענס נאָמען תל־אָביב פאַרמאָגט איינע פון אירע גרויסע גאַסן...

*
*
*

איך בין אויך איינער פון די, וואָס זיינען מיט פאַרבלענדטע אויגן געקומען צום וואָרט, ווי אַ סך אַנדערע פאַרשטייער פון אונזער ליטעראַטור, אין געזיפּטע רייד. דער בית־מדרש האָט אויפגעעפנט די טירן און נישט געקענט זיי צוריק פאַרמאַכן. יעדער איינער, וואָס איז פון דאָרטן מיט סענטימענטאַלע לידער אַרויסגעקומען צו דער גאַס, האָט געקוקט אין לעבן אַריין און געמיינט, אַז אין אַ ווילד־וואַלד איז ער געקומען פייגלדיק אויסצוזינגען. אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן דאָס לשון־קודשדיקע און נישט דערהערט די שפּראַך פון פאָלק, וואָס האָט געבליט אויף די ליפּן. דאָ האָט דאָס לעבן געוויִשט און ביים דיכטער האָבן טויבן געוואָרקעט. כמעט אַלע האָבן זיך מיטן פּנים צום מזרח געשטעלט און געוואָרקעט צו דער מוטער ציון. פאַר מיר, ווי פאַר פיל אַנדערע איז גענוג געווען צו פאַרנעמען דעם געוויין פון די מאַמעס, וועמענס קינדער מען האָט אַוועקגעשיקט אין די מאַנדזשורער פעלדער, שלאָגן זיך מיט יאַפּאַן, גענוג געווען זייער געוויין, כדי צו דערהערן פון אייגענעם בלוט אַרויס דעם

איגענעם געוועזן. און שפּעטער — ווייסן מיר, וואָס שפּעטער איז געוואָרן. די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו בליען.

נאָר וואַרעל און ווי איז צו דער מוטער ציון, וואָס אירע קינדער זיינען געקומען צו איר פון גלות מיט כּללים פון גראַמאַטיק אויף די ליפּן. אומגעקערט האָבן זיך צו איר בעלי־חלומות, וואָס האָבן בכּיוון זיך אָפּגעווענדט פון פאָלק און שפּראַך. געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, מיט העברעישע לידער, גערופן דעם גלות ער זאָל מיטגיין. דער גלות האָט זיין פּנים אומגעווענדט און וויל נישט גיין. ער גיט נדבות און בלייבט אין איגענעם פאַרכּישופטן קרייז. ווייל אין ארץ־ישראל גופא האָט מען אין דער פריידייט באַשאַפן אַ שפּראַכן־גלות. אַ יאָך איבערן לעבן. ארץ־ישראל קניט אונטער דעם דראַנג אַרויסצוצווינגען העברעיש אויפן לעבן. גיכער וואָלט עס הייסן מיט גוואַלד אַרויסצוטרייבן יידיש פון לעבן. די אַלע, וואָס האָבן כּסדר גערעדט רוסיש און געפּריידיקט העברעיש: ווי אַחד העם און זיין גלייכן, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם צער פון פאָלק, פּונקט ווי זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס איז שוין מיד פון בוך און וויל זיך אומקערן צו דער ערד. דאָרטן, וואו די אַרבעט האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן מיט אַ שווייגן — דאָרט איז קיין אָרט נישט געווען פאַר לערנען אַ שפּראַך, וואָס איז, לויט ביאַליקס אַן אויסדרוק, נאָך גאָר נישט לאַנג געווען טויט פאַר די פּשוטע לעבנס־באַגריפן, באַוועגונגען און ניואַנסן.

נאָר ווען ביאַליק זאָגט „געווען" — זאָג איך: אַזוי איז דאָס געבליבן ביז איצטער.

מיט וואָס וואָלט געליטן די העברעישע שפּראַך אין ארץ־ישראל, ווען די קינדער אין שול זאָלן זיך לערנען יידיש, די שפּראַך פון טאַטע־מאַמע און פון די גרויסע מיליאָנען אונזערע איבער גאָר דער וועלט? ווען דאָס וואָלט נאָך מיט ליבשאַפט געטאָן געוואָרן; מיט דער ליבע, וואָס האָט געלעבט אָרגאַניש דורות־לאַנג צווישן יידיש און העברעיש — ווער וואָלט געליטן?

און וואָס וואָלט געליטן דערפון דאָס יידישע לעבן און אונזער נאַציאָנאַלער מהות, ווען עס וואָלט געווען די בלוט־דערנענ־

טערונג צווישן די ביידע ליטעראַטורן, און זאָל נישט זיין די צעשפּאָלטנקייט פון אונזער צונג אַזוי קראַנק, אַזוי וואונדיק?

וועלנדיק בויען אַ גאַנץ לעבן אין ארץ־ישראל, האָט מען דורך דער שפּראַך אָפּגעשניטן דעם אייגענעם נאָפּל, וואָס באַהעפט דאָס הייפעלע יידן מיט די מיליאָנען אין גלות, פון וועמען זיי ווערן אין ארץ־ישראל אַזוי שטאַרק גענערט.

צוליב־וואָס און־ווען איז דער אומגלויבלעכער עקל, וואָס מען האָט אין ארץ־ישראל אַנטוויקלט צו אונזער פאָלקס־שפּראַך. עקל איז נישט דער געלונגענער אויסדרוק. באַדאַרפט האָט מען אויסגעפינען אַ וואָרט מיט אַ טיפערן זינען, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דעם גאַנצן טראַגיזם פון די אַלע יונגע מענטשן מיט אַזאַ געלייטערטן פייער אין די אויגן, און וואָס אינאיינעם מיט זייערע אָנשטרענגונגען צו בויען דאָס לעבן אויף נאָרמאַלע יסודות, האָבן זיי די זון פאַרטריבן פון זייער שוועל. אין דער העברעיִשער שפּראַך שטיקט זיך דאָס לעבן. אין איר פעלט דער לויטערער הומאָר. וואו אַ שפּראַכן־בליץ — קומט די העברעיִשע פאַרנעפּלטקייט.

דאָס איז דאָך די אייגענע פאַרפירערישקייט, וואָס וויל דווקא, איך זאָל גלויבן, אַז שלום־עליכם און זיינע פאָלקסטימלעכע ווערק האָבן באַקומען דעם תיקון נאָר דורך דער איבערזעצונג אין העברעיִש. און מען וויל מיך אויך איינרעדן, אַז דער ייִד קען אויף העברעיִש זאָגן, וואָס ער וויל. אַ טעות. דער דערוואַקסענער דור אין ארץ־ישראל שלעפּט זיך נאָך די העברעיִשע פראַזן, וואָס קומען פריער אַרויף אויף די ליפּן. דאָס, וואָס איז געקומען פאַרן געדאַנק, האָט דעם ריכטיקן אויסדרוק נישט געפונען. דער געדאַנק איז דערוואָרגן געוואָרן צווישן די פינגער.

מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף די עטלעכע און צוואַנציק טויזנט שול־קינדער, יינגלעך און מיידלעך, דער צוקונפטיקער דור, וואָס רעדט דורכאויס העברעיִש. אמת, אַלע קינדער כמעט רעדן העברעיִש אין ארץ־ישראל. נו, און דער גאַנצער דערוואַקסענער דור, וואָס מיט זיין בלוט און שווייס מאַכט ער פייכט ארץ־ישראלס טרוקענעם באָדן און טוט עס מיט דעם פייער אין גלות־אויסגעהאַמערטן — וועט דער יונגער אויפגעקומענער דור ווערן גע-

נערט בלויז מיט דער העברעיִשער שפּראַך, אָן דעם מינדסטן קשר מיט דעם גאַנצן פֿאָלקס-אָרגאַניזם? ווייל מיט עקל און נאָקרימעניש הויבט דאָס קינד אָן צו קוקן אויף טאַטע-מאַמע, וואָס פּאַראומרייניקן זייער מויל מיט דעם „זשאַרגאָן“; פֿלאַנצט מען אויך ביי די קינדער די אומנייטיקע שנאה צום גאַנצן גלות, וואו דער דאָזיקער זשאַרגאָן האָט זיין קיום. און צי וועט מיט דער דאָזיקער שנאה פּאַראַלעל אויפגיין די ליבע צום גאַנצן פֿאָלק?

ניין, אַ קליינער שבט, וואָס שטאַמט פֿון יידן, אַ גרויס-האַלטער, וואָס קוקט פֿון אויבן-אַראָפּ אויף אַ גאַנץ פֿאָלק — אַזאַ שבט קומט אויף אין ארץ-ישראל. און דאָס איז דאָס סאַמע נעגאַטיווע, וואָס מען האָדעוועט ביי די קינדער און וואָס איז דער וואָרעם, וואָס פרעסט-אונטער די פונדאַמענטן אין ארץ-ישראל גופא.

* * *

ווער וואָלט אַוועקגעריסן פֿון פֿאָלק די פּיעטעט צו דער הייליקער שפּראַך, וואָס כאָטש מיט דער הילף פֿון רעליגיע איז איר דערנעענטערונג געקומען צום פֿאָלקס-מהות? ווער וואָלט ביי אונז צוגענומען דעם חשק צו לערנען די שפּראַך פֿון די נביאים, כדי צו פֿאַרשטיין די נביאים אין זייער אייגענער געפליגלטער פּראַזע? קיינער, קיינער וואָלט עס נישט געשטעלט אין שאָטן, ווי דאָס איז געווען ביז דעם אויפקום פֿון די דרויסנדיקע אין אונזערע רייען. ווייל פֿאַר די, וואָס זיינען געשטאַנען דרויסן און העברעיִש נישט געקענט, איז העברעיִש געוואָרן אַ מין נייער קאַטאָליציזם. און ווי אַזוי האָבן שפּעטער פֿאָלקס-מענטשן, פֿאָלקס-קינדער, אַרבעטער-פירער — פּועלי-ציון, געקענט פֿאַרראַטן זייערע אייגענע געפילן און ווערן אונטערטעניק צו די, וואָס האָבן נישט איבערגעלעבט די פריידיקע ווייען פֿון אונזער פֿאָלקס-שפּראַך? ווער האָט זיי פֿאַרפירט? צי די, וואָס האָבן אין לעבן קיינמאָל זיך נישט באַנוצט מיט העברעיִש און וואָס פֿון יידיש איז זיי געבליבן נאָר דער לעבעדיקער וויץ? עס פֿילן נישט די העברעער זייער אייגענעם טראַגיזם, בשעת זיי לאַכן מיט טרערן, ווען זייערע פֿאַרשטומטע

פאָלקס-מענטשן ווערן מיט אַמאָל קראַנק אויף ווידערווידערוואַכונג און הייבן אָן צו דערציילן פאָלקס-וויצן אין יידיש!

שטענדיק האָט אַרום מיר געהערשט אַ קאָשמאַר אין ארץ-ישראל, ווען איך בין געקומען פון פעלד אין שטאָט אַריין, וואו אַרום מיר האָט געזשומעט אונזער צעשפּאָלטענע צונג און גערעדט פון שווערע צייטן און הונגער-טעג. מיט דער צעשפּאָלטענער צונג האָט מען געשאַרלט דעם גלות, פאַרוואָס ער קומט נישט צו הילף די, וואָס בויען אַ היים פאַר פאָלק ישראל אין ארץ-ישראל.

אַלע, אַלע שפּירן איצטער אין ארץ-ישראל, אַז דער גלות הייבט זיך אָן אָפּצוקערן פון ארץ-ישראל און מען וויל אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף דער גלות-ענגהאַרציקייט. און מען טייטלט מיט די פינגער אויף רוסלאַנד, וואו פאַר העברעיש חטאים פאַרשיקט מען קיין סיביר, אָדער מען פאַרשפּאַרט אין טורמע...

ווי צו אונזער לעבן און צו אונזערע השגות, אַז צו דעם האָבן מיר דערטרייכט! אַז ביי מיר, דעם יידישן שרייבער, פּייניקט מען, פאַרוואָס רודפט מען העברעיש אין לאַנד, וואָס באַפרייט פעלקער און האָט אויך באַפרייט דאָס יידישע פאָלק? און וואָס זאָל איך אויף דעם ענטפערן? צי זאָל איך זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אין ארץ-ישראל וויל אין דרוקעריי דער זעצער נישט זעצן קיין יידיש? אָדער דערפאַר, וואָס די מוטער אין ארץ-ישראל, ווען זי גייט צו קינד, שרייט זי אירע וויען אויס אין יידיש?

משוגעת, קאָשמאַר אַרום און אַרום. מיר, אין גלות, אין אַמעריקע, צי אין פוילן, אַרגענטינע, צי אין דרום-אַפריקע — דאָרטן זיינען מיר גוטע העברעער, גוטע אַמעריקאַנער, גוטע פּאָליאַקן און דרום-אַפריקאַנער — אַלין אויפן סמך, וואָס אונזער פאָלקס-שפּראַך איז דער פאַרשלומפּערטער פאַרטעך פון דער דינסט אין קיך. דאָס איז דער פאַרברעכן און דאָס איז די שטראָף.

* * *

איך מאָל מיר אויס, ווען אין יענער בייזער נאַכט, נאָך די רדיפות און פאָגראָמען, בשעת עס איז אויפגעקומען דער חשק צו

בּויען די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, ווען די אַלטע מאָדערנע מלמדים וואָלט זיך נישט אויסגעפּוצט מיט די עטלעכע העבּרעישע פראַזן צו קומען באַגעגענען די ערשטע חלוצים אויף די שיידוועגן, ווען אָנשטאָט דעם פּלאַן־סענט־מענטאַלן און זיסלעכן התקוה־ליד וואָלט געקומען די פאָלקס־שפּראַך — דעמאָלט, — אָנשטאָט איצטיקער צעשפּאָלטענער צונג וואָלטן מיר געהאַט איין גאַנצן פּראָגראַם אין אונזער קולטורעלן לעבן און אונזערע קינדער וואָלט מען נישט געגעבן טרינקען די פולע מאָס שפּראַכן־האַס און מיט דעם די שנאה צום פאָלקס־מענטשן.

איך גלויב נישט, אַז נאָר דער ווילן אויפצולעבן העברעיש אַלס אַ פאָלקס־שפּראַך האָט אַרויסגעבּראַכט די שורה חלוצים, וואָס האָבּן אַזויפיל מקריב געווען אין ארץ־ישראל, כדי צו דערגרייכן דאָס ביסל, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן. דער איצטיקער קרידים אין ארץ־ישראל, וואָס איז דער פּועל־יוצא פון דער גאַנצער רעאַקציע, וואָס הערשט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אין גלות, — דאָס איז דער פּועל־יוצא פון זינה צו אונזער פאָלקס־שפּראַך.

* * *

מיט צוויי באַזונדערע וועגן זיינען מיר אָנגעקומען אין פרילינג קיין ארץ־ישראל. שלום אַש איז געקומען פון אייראָפּע און איך בין געקומען נאָך מיינע צוויי יאָר וואַלגעניש איבּערן ווייטן מזרח. מיט באַזונדערע וועגן געקומען און אַזוי זיינען מיר באַזונדער אומגעפאָרן איבּערן לאַנד און זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון אַקער און גראָבּאַייזן, זיך צוגעהערט צום טעמפּן האַמער קליפּקלאַפּ, פון האַמער אין האַנט פון בחורים און מיידלעך בּיים צוגרייטן דראָבּנעם שטיין פאַר די נייע ארץ־ישראל־וועגן.

דער פאַראיין פון די העברעישע שרייבּער אין ארץ־ישראל האָט אונז אינאיינעם צונויפגעבּראַכט אין זייער קרייז. געמיינט אָנצוטון כבוד די יידישע שרייבּער אין ארץ־ישראל. און צי איז דאָס נישט געלונגען. און ווי אַזוי האָט עס דען געקענט זיין? אַנדערע האָבּן געמיינט, אַז דורך דעם וועט קומען אַ דערנעענטערונג

צווישן די צוויי פֿײַנטלעכע לאַגערן. און איך, דאָס איז געווען אומ-מעגלעך. און דערײַבער האָבן איך די רעדנער פֿאַרגוואַלטיקט זייערע אייגענע געפֿילן און געזאָגט, אַז העברעיִש און יידיש זײַנען אַ צווילינג-פּאָר. דאָרטן, אין ארץ-ישראל, קען מען אַזוינס נישט. דאָרטן קלינגט עס אומנאַטירלעך. און שפּעטער, ווען עס זײַנען אַרויסגעקומען יונגע העברעיִשע דיכטער און געוואָלט צעשנײַדן דעם „צווילינג" אויף צווייען און אויסגעלאַכט ביאַליקן, פֿיכמאַנען פֿאַר זייער פֿרײַנדלעכקייט צו דער יידישער שפּראַך, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין גענוואַרט פֿון צוויי יידישע שרײַבער, געסט — אָ, דעמאָלט האָט זיך די וואונד אויפֿגעדעקט ברייט און לאַנג. און די גאַנצע פֿיר חדשים, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין לאַנד, האָט די וואונד זיך געמיניעט פֿאַר מײַנע אויגן. אין כאָטש מען האָט מיר שפּעטער נישט געשטערט צו רעדן עפֿנטלעך דאָ און דאָרטן יידיש — די וואונד איז נישט פֿאַרצויגן געוואָרן.

עס איז נישט נייטיק געווען צו פֿאַרלאַנגען דעם ערשטן מאַי, אין געגנוואַרט פֿון אַ זעקס-טויזנט-קעפּיקן עולם, אַז די געסט זאָלן ריידן אַ פּאָר ווערטער צום עולם דווקא אין העברעיִש, אָדער כאָטש אָנהייבן און ענדיקן אין העברעיִש. איך האָב אין דעם געזען אונזער טראַגישן גורל אין דער צײַט, בעת מען וויל איבערבויען אַ פֿאָלקס-לעבן אויף נאָרמאַלע יסודות. דערײַבער בין איך געווען שטום.

אַ טעות געווען פֿון די העברעיִשע שרײַבער, וואָס זײַנען נאָכן באַנקעט אַרויסגעקומען מיט פּראָטעסטן און חושד געווען, אַז די יידישע שרײַבער זײַנען געקומען, ווי צוויי שדכנים, דעם העברעיִש-יידישן זיווג צו דערנענטערן. איך בין געוויס נישט געקומען, ווי אַ שדכן און אויסגלײַכער. איך בין צום ערשטן געקומען מיט מײַן שווייגן, ווי אַ געזונטער פֿאָלקסמענטש. און ווען אַ העברעיִשער דיכטער האָט געשריבן נאָכן באַנקעט: „זאָל זײַן קלאָר, אַז מיר קלײַבן זיך גאָרנישט צו דערקלערן אַ וואָפֿנשטילשטאַנד אין אונזער שפּראַך-מלחמה. אַגרעסיוו וועלן מיר זײַן איצטער מער, ווי שטענדיק. אונזער פֿאָן וועלן מיר הייבן, וואו נאָר מיר וועלן קענען. מיר וועלן שיקן אונזערע לערער, וואוהין נאָר מיר וועלן דערגרייכן. אונז אַרט

נישט, פון וועמען מיר וועלן טעריטאָריע פאַרנעמען, צי פון די אַסימילאַטאָרן, צי פון די יידישיסטן...״ — האָב איך, יידישער שרייבער און פאָלקס־מענטש, אים נישט וואָס צו ענטפערן. נישט אין העברעיש און נישט אין יידיש. איך קען אים נאָר אָנווייזן אויף דער גרויסער וואונד, וואָס די העברעער האָבן שוין אויפגעשניטן אין פאָלקס־אָרגאַניזם איבער גאָר דער יידישער וועלט. די וואונד שרייט: „זייט וויסן, אַז אין גלות וועט העברעיש נישט ווערן די פאָלקס־שפּראַך. מיט העברעיש האָט איר נאָר פאַרוואונדיקט די נשמה פון פאָלק און אונטער דעם העברעישן יאָך וועלן אין א״י מיר ווערן די הענט פון חלוצים, דעמאָלט ווען די נויט וועט נישט אָפּטרעטן פון זייער שוועל!״

„זאָלן קומען אַהער אונזערע מיליאָנען פון פאָלק, אַ״ט מיך נישט, ווען אַפילו אין ארץ־ישראל וועט ווערן יידיש די נאַציאָנאַלע שפּראַך״.

דאָס איז אַ האַלבע נבואה, מיין טייערער דויב־נדמן ביאַליק! אויב דאָס האָסטו געזאָגט אונטער דעם דרוק פון נאַציאָנאַלן וויי, וואָס האָט אונז ביידן געפּייניקט אין דעם שמועס איבער דעם קריזיס אין ארץ־ישראל. נאָר זיי וויסן, אַז די „מיליאָנען״ קענען נאָר מאַרשירן מיט אַ פאָלקס־שפּראַך.

און ווי וועט זיין צו דער גאַנצער באַוועגונג אויפצולעבן ארץ־ישראל, מיטן בלוט און שווייס פון אונזערע חלוצים, אויב מען וועט זיך לאָזן איינוויגן איצטער, אין שעה פון קריזיס, מיט אחד־העמס תורה, אַז כדי צו מאַכן הערשן אין ארץ־ישראל די כהנים פון פאָלק, זיינען נישט נייטיק קיין מיליאָנען...

פלאַפּל, פלאַפּל, צעשפּאָלטענע צונג, אין דעם דור פון אונזער גרעסטער נאַציאָנאַלער צעטרייסלונג!

ערדציטערניש.

אין מיטן העלן טאָג האָט זיך צעהוידעט דאָס גרויסע געמויערטע הויז, וואו איך האָב זיך געפינען אין תל-אָביב. אַ אונטער-ערדישער גערויש. שויבן האָבן געציטערט. ס׳האַרץ האָט הויך געקלאַפּט. דרויסן — פּאַניק-געשרייען פון פרויען און צעשראָקענע קינדער.

ערדציטערניש. די צווייטע דערפאַרונג אין מיין לעצטער רייזע. אין יאַפּאַן איז דאָס געווען כמעט נאַטירלעך. אין ארץ-ישראל האָט עס געווירקט סימבאָליש. אַ וואַזע מיט בלומען איפן טיש איז אומגעפאַלן. דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן. דער גרויסער וואַנט-זייגער האָט זיך צעקלונגען נישט אין צייט און איך האָב געקוקט אויף מיינע בלאַסע צעשראָקענע פינגער.

שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז יידן האָבן נישט געליטן. תל-אָביב איז אָפּגעקומען מיט שרעק. נאָר פון ווייטע און נאָענטע אַראַבישע שטעט און דערפער האָט געצויגן אומגליק. הייזער אײַנגעפאַלן. הונדערטער נפשות אינטער די רוינען. טויזנטער געבליבן אָן אַ דאַך און טאָפּלטע אָרעמקייט און עלנט.

האָט זיך דערוואַרעמט דאָס יידישע האַרץ אין לאַנד. תל-אָביב האָט געשיקט ברויט קיין שכם. געשיקט יונגען צו העלפן ראַטעווען די, וואָס אונטער די חורבות. איצטער האָט מען דערשפּירט, אַז אין שכם לעבן פיינטלעכע אַראַבער. איצטער האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס איז שעת-הכושר אַרויסצוּווייזן, אַז אַ יידיש האַרץ מעג מען טרויען. און געוויס קען מען אַ יידן גלויבן, אַז ער מיינט עס צום גוטן, ווען ער באַווייזט זיך אין צייט פון נויט. אויף דעם האָבן מיר זיך דערצויגן. נאַטירלעך איז געווען די יידישע נדבה. און זי איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ ציטער און אויך מיט דעם קלאָרן

געפיל, אַז די נדבה קומט פון שונאים. כאָטש אַללאַ האָט זיי, די שונאים, דווקא געשאַנעוועט.

ביידע צדדים האָבן זיך געשפּירט סענטימענטאַל. ביידע צדדים האָבן געלופטערט זייערע מחשבות. דער אַראַבער האָט אין דעם געזען זיין שלעכטן מזל, אַז נאָך אַלץ האָט אַללאַ מיטלייד מיטן קעגנער און פאַרלאָזט זיינע טרייע איבערגעגעבענע קינדער. אין שכם, וואו מען האָט ביז איצטער פּראַקטיש נישט אַריינגעלאָזן קיין אייראָפּעישן יידן וואוינען — דאָרטן האָט זיך די ערדציטערניש פאַרוואַנדלט אין אַ מיסטעריע. אַרום דער דאָזיקער ערדציטערניש וועט זיך אויסוועבן נישט קיין איין לעגענדע צוליב די פּאָר יידישע הייזער, וואָס זיינען נישט איינגעפאַלן. אין אפשר זיינען טאַקע די יידן אַ ברכה פאַרן לאַנד.

אָבער ניין, נישט איבער דער ערדציטערניש וויל איך גאָר איצטער ריידן, נאָר איבער דער שרעק, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביים אַראַבער פאַרן יידישן ישוב. און עס איז קלאָר, אַז ביז איצטער האָבן יידן כמעט נאָר גוטס אַריינגעבראַכט אין לאַנד אַריין. אַריינגעבראַכט עשירות און עס איז געבליבן אין לאַנד. אַריינגעבראַכט ענערגיע, און דאָס איז פאַרשווענדט געוואָרן פאַרן לאַנד. ווער זיינען די, וואָס ליידן אין ארץ-ישראל פון דעם יידישן שיבת-ציון?

די רייכע עפענדים, צו וועמען עס געהער דאָס לאַנד אין אמתן (אַ פאַקט איז, אַז דער עמק-יזרעאל האָט דאָך געהערט צו איין מענטשן, וואָס לעבט אין סיריע). זיי, די עפענדים, וועלן זיבן און זיבעציק מאָל פאַרקויפן און איבערקויפן פּאַלעסטינע, אויב נאָר עס וועט זיך לוינען. און ווי באַדאַרף עס טאָן די פשוטע פעלאַכן, די פויערים, וואָס איצטער זיינען זיי האַלבע אָדער גאַנצע קנעכט ביים רייכן עפענדי, וואָס מיט דעם הינטישן חסד טיילט ער זיי צו אַ בעדל פאַר זייער דאָרף אין דאָס לאַנד אַרום איז זייערס אַזוי לאַנג, ווי ער האָט עס נייטיק. פאַרקויפט ער דאָס לאַנד, פאַרקויפט ער דעם דאָרף און די פויערים. ווער ווייסט, אפשר פיקט זיך שוין אין פויערס באַוואוסטזיין די האָפענונג, אַז דאָס לאַנד וועט אַמאָל געהערן צו אים; ווי עס באַדאַרף געהערן

דאָס לאַנד צו די, וואָס באַאַרבעטן עס. און אַז די אָרעמע פּויערים זעען, ווי ייִדן קויפן אָפּ גרויסע שטרעקעס לאַנד און הייבן עס אָן צו קולטיווירן — יעמאָלט גלימשט זיך גאָר אינגאַנצן אַרויס די האָפענונג. אויפן אָרעמען פּויער ווייזט מען אָן, אַז ער איז דער געליטענער און, ווען אַ בונט קעגן ייִדן — וועט עס זיין דער פּויער, וואָס וועט זיין פאַרבימערט בלויז זיך לאָזן שטילן. די צעצימערטע נערוון פון דער ערדציטערניש האָבן משיג געווען דעם רים צווישן דעם ייִדישן פאָלק, וואָס רייסט זיך קיין ארץ־ישראל, און די איינוואוינער פון ארץ־ישראל.

* * *

אַז איך האָב אומגעוואַנדערט אין עמק־יזרעאל, האָבן מיר זיך דאָ און דאָרטן געוויזן שיריים פון אַ אַבישן ישוב. סימנים פון חורבות, גרויע, האַלב־איינגעפאַלענע אָנמענסטערדיקע חורבות האָבן דערציילט און געמסרט. אַז איך האָב געפרעגט אויף דעם באַשייד, האָט מען מיר געענטפערט:

— דאָס זיינען די איבערבלייבעכצן פון אַראַבישע דערפער.

— וואו זיינען די איינוואוינער? — האָב איך ווידער געפרעגט.

האָט מען מיר געענטפערט:

— די איינוואוינער האָבן באַלאַנגט צו די עפענדים אינאיינעם מיט דער ערד. אַז ייִדן האָבן דאָס לאַנד אָפּגעקויפט, זיינען די פּויערים צו זיי אַריינגעפאַלן. נו, האָבן ייִדן ערגעץ־וואו אַנדערש געקויפט פאַר זיי ערד און זיי אַהין איבערגעזעצט.

— נו, זיינען די פּויערים געווען צופרידן פון אַזאַ בייט?

— ניין, האָט מען מיר געענטפערט. צופרידן זיינען זיי נישט געבליבן. ביים פאַרלאָזן דעם דאָרף האָבן זיי די ערד געקושט. די שטיינער געקושט און פאַרגאָסן ביטערע טרערן. מיט גוטן האָט זיך קיינער נישט געוואָלט ריַרן.

ווייס איך אויך, אַז עס האָט זיך שוין געטראָפן, וואו מען האָט בלויז פאַרגאָסן ביים איבערזעצן די פּויערים. און איך ווייס פון נאָך אַ גרעסערער נאַרישקייט, אַז מען האָט ערגעץ־וואו ווייט גע־

קויפט ערד פאַר די פויערים, זיי אַהין אַריבערגעזעצט. און שפּעטער האָט מען אָפּגעקויפט דאָס לאַנד, אַזוי מען האָט באַזעצט די איבערגעזעצטע אַראַבישע פויערים, און ווידער האָט מען ערגעץ באַדאַרפט קויפן ערד פאַר די אַראַבער, כּדי אויפסניי זיי איבערזעצן.

און יעמאָלט, ווען מיינע נעזן האָבן זיך באַרויקט פון דער ערדציטעריש, און ידיעות זיינען אָנגעקומען, אַז אַראַבער ריידן אין דער הויך פון יידישער גוטהאַרציקייט, און אַז אפשר איז גאָר די ערדציטערניש געווען אַ סימן, אַז מען באַדאַרף יידן באַטראַכטן פאַר אַ סגולה אין לאַנד — יעמאָלט האָב איך זיך מער, ווי שטענדיק, דערנעענטערט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון מזרח־מענטשן. איך קען דעם מזרח־מענטשן. דווקא דאָרט, וואו ער איז פּרימיטיוו, איז ער אַנדערש פון מערב־מענטשן. אַ דערציילער פאַר דער לבנה איז דער מזרח־מענטש. ער איז דער, וואָס אַרום יעדן שטיין קען ער אויסשפּינען אַ לעגענדע. ער איז אַ בעל־דמיון און פון אַ טראָפּן וואַסער קען ער מאַכן אַ גאַנצן ים. ווי יעדער פּרימיטיווער מענטש, פאַראַנקערט ער זיין זכּרון אַרום גרויסע געשעענישן. און לאַנג, לאַנג געדענקט ער מיט דעם זכּרון פון שבט אָדער גאַנצן פאָלק.

דער יידישער כאַראַקטער האָט נישט געקענט אויף אַ „געזעלעכן" אופן אַראָפּוואַרפן דעם אָרעמען אַראַבער פון דער ערד, ווייל דער ייד האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אַנדערש, אַנדערש פון אַלע, וואָס האָבן באַהערשט און געהערשט — אין דעם ליגט אונזער שטאַרקייט ווי אונזער שוואַכקייט. איינעמען ארץ־ישראל און דערביי קיינעם נישט טאָן קיין בייז. פאַרנעמען ארץ־ישראל און דערביי נישט שטערן די רו פון פויער, וואָס דורך דורות לעבט ער אין זיין דערפל אויף דעם עפּענדים ערד — עכט יידיש. פאַרוואָס איז בכלל ביי יידן נישט אויפגעקומען די פראַגע, וואָס טוט מען מיט דעם אייגענעם געוויסן און דער עיקר, אַז עס וועט אויסקומען יידן צו לעבן צווישן די אַראַבער — און נישט די אַראַבער צווישן די יידן? עס קומט אַזוי דערוויילע אויס, אַז דער אַראַבער באַדאַרף וואוינען צווישן יידן אַזוי לאַנג, ווי יידן באַזעצן זיך פאַרלויפיק אויף פאַרלאָזטע געגנטן. און דעריבער האָבן זיי נישט גערירט פון זייער אָרט די קליינע דערפלעך, ווען אַפילו עס

זאָל אויסזען אינאָנהייב, אַז אַ קללה לאָזט מען איבער אין דער אייגענער מחנה. די קללה וואָלט שפּעטער זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ ברכה. דער „שפּעטער“ וואָלט אפֿשר געמיינט אין יאָרן אַרום.

*   *
*

דאָס איז איינער פֿון די קראַנקע ערטער, וואָס האָט זיך פֿאַר מיר אויפֿגעדעקט אין ארץ־ישׂראלס אויפֿבוי דורך ייִדן. איך וויל עס אויפֿדעקן גאַנץ אָביעקטיוו, אויב מען קען דאָ זיין אָביעקטיוו. סיי די פֿײַנטלעכע און סיי די גאָר פֿרײַנטלעכע אויג זעט אַרוים פֿון דעם די עוולה. קיין גוטס האָט עס ביז איצטער נישט געטאָן די בויער, כאָטש אויף די פֿינגער קען מען אויסציילן די פּויערים, וואָס די ייִדישע מאַכט האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דער ערד. נאָר דאָס איז גענוג צו פֿאַרבינדן די ייִדישע אַרבעט אין ארץ־ישׂראל מיט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, און דאָס איז גענוג אויפֿצושטעלן קעגן זיך נישט אַזוי כּוחות, ווי בעװעגונגען, סיי אייגענע און סיי פֿרעמדע.

מען דערציילט מיר, אַז ייִדישע בחורים, מיט אינסטרוקציעס פֿון אַ קאָמוניסטישער מדינה האָבן געלערנט די אַראַבער, ווי זיך צו שטעלן אַנטקעגן, בעת ייִדן וועלן קומען זיי אַראָפּוואַרפֿן פֿון זייער אַלטגעזעסענעם אָרט, — און בלוט האָט זיך פֿאַרגאָסן. איצטער איז אַ ייִדישער ישוב אויף דעם אָרט. אַ יונגער ישוב און פֿון ישוב אַרויס שטאַרצן חורבות פֿון אַן אַראַבישן דאָרף.

אָ, וואָס פֿאַר אַ קרומער אָנהייב דאָס איז געווען! ווייל ווי ווייט איך האָב אַרויסגעזען, האָבן ביז איצטער די ייִדן אַרײַנגעבראַכט אַ ברכה אין לאַנד אַרײַן. וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגלייך איז פֿאַרן לאַנד דער אויפֿבוי פֿון עמק־יזרעאל אַנטקעגן די עטלעכע משפּחות אַראַבישע פּויערים, וואָס מען האָט איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער באָדן.

און דאָך וויל איך אויף דעם דאָזיקן אמת נישט אָנידערשטעלן די צוקונפֿט פֿון ייִדישן ישוב אין ארץ־ישׂראל. אַפֿילו די געגנוואַרט אויך נישט. כאָטש אין די איצטיקע טעג מאַכט נאָך אַלץ ארץ־ישׂראל דעם אײַנדרוק פֿון אַ וויסט לאַנד. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז נאָר מדבריות קומט אָן דעם ייִדן פֿאַר אַ טייערן פּרייז. פֿאַר זיי האָט קיינער קיין באָדן נישט צוגעגרייט. פֿון סאַמע אָנהייב

מוז דער חלוץ אָנהייבן. אַזוי אוז דער עמק־יזרעאל, אַזוי וועט זיין מיטן עמק־הירדן, וואָס מער ווי קראַנקהייטן פאַרמאָגט נישט דער טאָל. די געגנט וועט אַריינפאַלן אין יידישע הענט — וועט מען זי געזונט מאַכן. דער אָנהייב פון אַזאַ געבענטשטער אַרבעט איז שוין פאַר אונזערע אויגן. פוסטעוועט נאָך אויך דער אַזוי שיין באַזונגענער עמק־השרון ביים ברעג פון מיטללענדישן ים. די שטיינער־דיקע „הרי־יהודה" רופן אין הנפענען: „אויך מיר גערענקען נאָך אייך, ווילט איר, וועלן מיר זיין אונטערטעניק און ווייך. ווילט איר פלאַנצן — וועט צווישן אונזערע שטיינער זיין אָרט פאַר די צאַרט־סטע וואָרצלען".

און וואָס ווייטער?

אויב די נבואה פון די גלויביקע וועט מקויים ווערן, אַז ארץ־ישראל וועט זיך צעציען אַריינצונעמען אַנזערע מיליאָנען, וועט עס פּסדר סטייען וויסט לאַנד? צי וועט נישט אויסקומען זיך איינלעבן מיט שכנים, טיילן זיך מיט גוטן, איינער דעם אַנדערן אָנטקעגנ־קומען. אפשר וואַרטן לענדערייען טיילוויז באַזעצט, אַז אַ גע־פרווטע האַנט זאָל קומען און צו זיי אַ ניי לעבן דערנענטערן.

און ווי אַזוי האָט מען דאָס גאָרנישט געוואָלט מאַכן דעם עקספּערימענט אין עמק־יזרעאל און לאָזן די קליינע אַראַבישע דערפ־לעך אין דער אייגענער מחנה? יעמאָלט, ווען אין עמק־יזרעאל וועלן זיך געפינען פופציק טויזנט יידן — יעמאָלט וואָלט זיך געוויס נאָרמאַליזירט די גאַנצע דערשיינונג. אָ, ניין, זיי וואָלטן פאַרשע־נערט דאָס בילד, ווי נעגאַטיוו עס זעט אויס פון אָנהייב צו לאָזן אַ קראַנקע נעסט מיט דער גאַנצער געגנערשאַפט צו אַ פּראָדוק־טיוון אָרט לעבן און אַרבעט. עס וואָלט אַליין אין דער צוקונפט אויסגעזען נאָרמאַל. פון דן ביז באר־שבע וואָלט זיך געפלאַכטן די לעגענדע, ווי אַזוי אַ פאַר גליקלעכע, פון אַללאַ געבענטשטע זיינען אַריינגעפאַלן אין לאַנד פון די בני־ישראל, וואָס קען זיך אום אַהער...

דאָס זיינען נאָר קליינקייטן לגבי די ברייטערע פּערספּעקטיוון. עס קען ווערן דער קלעם אַרום ארץ־ישראל קענטיקער, ווי אין יענע צייטן, נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן. יידן וועלן

ווידער באַדאַרפֿן פירן פּאָליטיק מיט אַ קוק צו צפון און אַ קוק צו מצרים. און אין לאַנד גופא זיך געפינען אין לאַגער פון שונאים. דאָס קען טרעפן נאָך אַ סך פריער, איידער יידן וועלן האָבן אַ מאַיאָריטעט אין לאַנד. איך רייד נישט פון אַ מאַיאָריטעט אין ארץ־ישראל גופא. מען קוקט דאָך צום אַנדערן ברעג ירדן, און וואָס וועט יעמאָלט זיין?

איך וואָלט נישט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איצטער צו שרייבן איבער ארץ־ישראל און כסדר זיך אָפּשטעלן אויף דער פּראָדוקטיווער יידישער אַרבעט, ווען איך וואָלט נישט באַטראַכט די יידישע קרבנות אין ארץ־ישראל פאַר פּאָזיטיוו, כאָטש דערווייל איז די יידישע צאָל אין לאַנד אַזאַ קליינע. אויב אַ דורכאויס גאָענטע און ברידערלעכע באַציִונג וועט נישט הערשן צווישן יידן און אַראַבער, יעמאָלט וועט דער יידישער וואָרצל דאָ נישט נערן די צווייגן. אַזויפיל, אַזויפיל איז מען מקריב פאַר'ן וואוילזיין פון וויסטן לאַנד; מקריב וואָס נאָר מען קען פון זיך אָפּשפּאָרן, און די פּירות קומען אויף מיט דעם שוואַרצן פּינטעלע, וואָס וויזט אָן אויף אַ וואָרעם אינעווייניק. צי וואָלט אין דער יידישער שול נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר'ן אַראַבישן קינד? און דער יידישער מעדיצינער וואָלט נישט באַראַפּט מיט גוואַלט היילן די קראַנקע פון טראַכאָמע אויגן? און די פויערים פון דאָרף וואָלטן נישט געקומען צום יידן פרעגן אַן עצה, ווי בעסער אויסריכטן דעם אָרעמען באָדן? איז דען נישט אָנגעוויזן געוואָרן יידן די מעשה מיט די ג ב ע ו נ י ם און זייער דאַנקבאַרקייט, וואָס יידן האָבן זיי געלאָזט וואוינען צווישן זיך?

די ערדציטערניש האָט ברוטאַל געטרייסלט דאָס לאַנד דעם לעצטן זומער און האָט אַזוי די געפילן דערוועקט פון ייד און אַראַבער. מיט מיינע אייגענע נערוון האָב איך אויסגעמאָסטן יעמאָלט דעם תהום, וואָס ליגט אָפן צווישן יידן און אַראַבער אין ארץ־ישראל און מיט אַ שטרענגן פינגער האָבן אויף דעם תהום אָנגעוויזן די חורבות דאָ און דאָרטן — חורבות פון אַראַבישע פּייַרים־דערפלעך, וואָס קוקן אַרויס פון צווישן אַ בליענדן ישוב אַרום.

ערדציטערניש קען חורבות פאַרמערן און קען איך חורבות אָפּ־מעקן, אָבער די אויבנדערמאָנטע חורבות קענען בלייבן אין זכרון פון מענטשן מיט אַ פרימיטיווער פאַנטאַזיע. און צוליב־וואָס און וועט באַדאַרפן מיר עס האָבן?

אַ ר אַ ב ע ר.

פחד פאַרן שמאַרקע״ן האָט אָפּגערוקט דעם אַראַבישן דאָרף פון בריטן וועג. נאָר די שטעט האָבן מיט די אוראַלטע גרויסע וועגן פאַרבונדן זייער גורל. דער דאָרף, וואו דער עיקר אַראַבישע באַפעלקערונג איז איינגעוואָרצלט — דער דאָרף האָט זיך פאַר־מאַסקירט און זעט אויס, ווי אַ הייפל פעלזנשטיינער אין דער גרויער שטויביקייט.

אַרום אַכט הונדערט טויזנט איז זייער צאָל אין ארץ־ישראל, און פונדעסטוועגן קען מען מיינען, אַז דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז אַ פינף מאָל קלענער אין צאָל, איז דאָ, אין ארץ־ישראל, גע־מערט, ווי די „זאַמדן ביים ברעג ים". זיי, די יידן, מאַכן דאָ אָן אַ ווירבל־ווינט מיט זייער שטענדיקער באַוועגונג — אויף אַלע וועגן, וואָס פירן פון שטאָט צו שטאָט. פאַר דעם, וואָס לויפט דורך מיט זיין אַווטאָמאָביל דורכן לאַנד און קוקט מער צו די ווייטקייטן, וואָס פאַרלויפן צום האָריזאָנט און פאַרזעט די נאָענטקייטן, וואָס שפרייטן זיך פאַר אים — פאַר אַזאַ באַזוכער קען אויסקומען, אַז דאָס לאַנד איז געווען לער און וויסט ביז דעם אָנקומען פון ישראלס קינדער.

גענוג אַראָפּצוגיין פון בריטן שליאַך, אַז מיט אַמאָל זאָלן זיך אַנטפּלעקן די אויפגעשטורעמטע אַראַבישע דערפער, וואָס האָבן זיך איינגעוויגן אין אַ שטיינערדיקער דערהויבונג. דאָרטן, אין די דערפער, לעבט דער פעלאַך. דער פויער, וואָס נאָגט אַרום זיין דאָרף פון ארץ־ישראלס קאַרגשאַפט. מילך און האָניק רינט נישט איבער זיינע הענט. פאַר אים איז דאָס לאַנד אי מוטער, אי שטיפמוטער. און ווער קען איצטער צונויפנעמען די בליקן פון די שוואַרץ־אויגיקע אַראַבערינס, ווען זיי נידערן אַראָפּ מיט דער הושאָ״ע אויפן

קאָפּ, צום קוואַל אין דער נידער אַהינטערן דאָרף? ביז איך בין אַליין נישט געקומען נעענטער אין זייער מחיצה אַרײַן, האָבן די אַראַבישע דערפֿער צו מיר נישט אַראָפּגעקוקט מיט גרויס גאַסטפֿרײַנדלעכקייט, און שפּעטער שוין, אַז איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זײַן אַ גאַסט דאָ און דאָרט בײַ די חשובים פֿון דאָרף און נעענטער צו זיך געלאָזט פֿאַלן זייערע פֿאַרטייעטע בליקן, ערשט יעמאָלט האָט זיך די מחיצה צווישן מיר און זיי פֿאַרשטאַרקט.

אַזוי איז ער, דער מזרח־מענטש. ער איז צו באַרעדעוודיק, ווען ער באַגעגנט דעם פֿרעמדן אָדער גאַסט, וואָס טרעט אַריבער דעם שוועל זײַנעם. און וואָס מער ער רעדט פֿון גאַסטפֿרײַנטלעכקייט, אַלץ מער אַפּנים רופֿט ער אַרויס דעם חשד צו דער אויפֿריכטיקייט. פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי, וויל איך מיר נישט אַרײַנלאָזן איצטער אין קיין חקירה. אָבער אַזוי איז דאָס. אין יאַפּאַן, צי אין קאָרעע, כינע, בירמאַ, אָדער אינדיע — מצרים צי פּאַלעסטינע — ווײַטער מזרח, נאָענטער מזרח. פֿאַרפֿאַלן, מזרח איז נישט מערב און דער מזרח־מענטש שיידט זיך אָפּ פֿון מערב־מענטשן, ווי טאָג פֿון נאַכט. דער מזרח־מענטש, וואָס לעבט אין אַזאַ גרויסער זוניקייט, האָט זײַן וועזן איבערגעגעבן דעם אָוונט און דער אויסגעשטערנטקייט. די קינדער פֿון מערב אָין, ווער זאָגט נאָך פֿון די צפֿון־לענדער, וואָס בענקען נאָך דער זון אין די מערסטע חדשים פֿון יאָר — זיי אַליין ווערן אין כאַראַקטער טאָגיקע. נישט קיין פֿאַרמאַסקירטע. דאָס גוטע, ווי דאָס שלעכטע — בײדע דעקן זיך אָפּ פֿאַר דײַנע אויגן.

ייִדן ברענגען קיין ארץ־ישׂראל די ביטאָגיקע פּסיכאָלאָגיע און אַזוי איז דער ייִד מיט זײַן הײַ־דאַ דערווײַל אַ דיסאָנאַנס מיט דעם אַראַבערס אָפּגעשלאָסנקייט. דער אַראַבער געהער נעווים נישט צו די נאַרישע אָדער גרויסע תמימים צווישן די מזרח־קינדער. ווען דו קוקסט אים אָן, פֿאַרבאָרגט ער אַפֿילו נישט פֿון דײַנע בליקן זײַן אייגענע פֿאַרשטענדלעכקייט. און אַזוי האָט עס מיר פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס אונזערע אין ארץ־ישׂראל באַגרייפֿן עס אַזוי ווינציק.

בײַ אַ דרײַצן הונדערט יאָר זײַנען שוין אַריבער זינט די אַראַבישע שבטים האָבן פֿון מדבר־זײַט אַרײַנגעפּליִצט אין פּאַלעסטינע

און מיט אַ נייער אמונה געברענט די טריט פון די אַלטגעזעסענע. די מאַכמעדאַנישע אמונה איז מיט גרוים קנאות אַריין אין לעבן און אַזוי פאַרבליבן. די אמונה פון מדבר האָט באַהערשט די חורבות פון אַלטע, איינגעפאַלענע קולטורן. פאַלעסטינע איז זאַט געווען מיט דעם שטויב פון איינגעפאַלענע גלויבנס. מיד איז געווען די ערד פון דעם אַלעמען, וואָס מענטשן-קינדער האָבן אין יענעם קליינעם, שרייענדיקן ווינקל, וואָס הייסט פאַלעסטינע, אָפּגעטאָן.

דער פעלאַך, דער פויער, האָט זיך זיין פילאָסאָפיע. ער ווייסט איך פון אייפערזוכט. און אַזוי איז דאָס געבליבן. מען קאָן מיט זיכערקייט חושד זיין, אַז צווישן די פעלאַכן לעבט אונזער בלוט. און אַז נישט נאָר דרייצן-הונדערט יאָר ציילן זייערע די יאָרן פון זייער זיין-דאָ. ווער קען אָבער איצטער צוגיין צו אַן אַראַבער, אים אַ קלאַפּ טאָן אין פּלייצע און זאָגן:

— ברודער מיינער, בלוט פון מיין בלוט און פלייש פון מיין פלייש — זע, ווי דיינע ברידער פון ווייטן קערן זיך אום צו דיר?

די צייט האָט אונז דערווייטערט איינס פון אַנדערן און אפילו קיין גלידשוועסטערקינדער זיינען מיר אויך נישט. איצטער, מיט אונזער שיבת-ציון, איז שוין פאָרלויפיק שווער צו ריידן פון דעם.

* * *

דער געהילף-גובערנאַטאָר פון יפו״ע ראַיאָן, אין צייט פון מיין באַזוך אין ארץ-ישראל, איז געווען דער יונגער סעמועלס, אַ זון פון געוועזענעם נציב. ער האָט מיך מיטגענומען אויף זיין באַזוך אין די דערפער, ווען ער איז געפאָרן אויסצוגלייכן אַ סכסוך, וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן צוויי קעגנערישע פּאַרטייען אין אַן אַלטן גרויסן דאָרף. די מעשה איז געווען נאָך אַ געשלעג מיט בלוט-פאַרגיסונג. אויפן וועג האָט מען שוין אָפּגעקערט אין עטלעכע דערפער און איך האָב צוליב זיין זכות איך באַראַפּט געניסן פון דער פולער מאָס ביבלישער גאַסטפריינטלעכקייט. דאָרטן, וואו מיר זיינען אָנגעקומען אומגעריכט און אומבאַקאַנט, האָט דאָס לעבן אין דאָרף געטראָגן זיין אַלטעגלעכן כאַראַקטער. אין דער אַראַבישער דאָרף, וואָס פון ווייטנס האָט ער זיין באַזונדערן חן מיט

די געמויערטע הייזער, וואָס קלעטערן באַרג־אַרויף און גיסן זיך צונויף מיט שטיינער אַרום. אינעווייניק, אין דאָרף, איז דאָס בילד גאָר אַן אַנדערס. אויב אַזוי האָט בײַ אונז אױסגעזען אין יענע צײַטן, צו וועלכע מיר בענקען אַזוי — איז כדאַי זיך אַרײַנצוטראַכטן.

אינעווייניק, אין דאָרף, צווישן ווענט און מויערן, זײַנען ענג־צונויפגעדריקט די הייזער, וואָס מאַניען צו זיך נישט אַרײַן. דער דאָרף איז צונויפגעוויקלט און באַהאַלטן אין זײַן אייגענעם סוד. דאָס איז מזרח־לעבן — האַלב אין חלום און האַלב אין וואָר. אייזל און קעמל פּאַסן זיך אַרײַן אין דעם ברוינעם גרוי פון גאַס און מיט דעם גאַנצן לעבן.

נאָר די פרוי, דעם פויערס, זי פאַרהענגט נישט דאָס פּנים. און איר לאַנגער בלוילעכער קלייד — מער העמד ווי קלייד, מיט די רויטע אויסהעפטונג אין די אַרבל און אויף דער ברוסט — זי, די שלאַנקע, גלײַך־פּלייציקע און שאַרף־אויגיקע — זי, ווען נאָך יונג — זי לעבערט שוין יאָ הירך מיט איר בליק. זי איז אפשר די חנעוודיקסטע פויערטע אין מזרח.

אַ סך מיסט אין די שמאָלע, געדרייטע געסלעך. נאָר דאָס איז דאָך מיסט, וואָס האַלט זיך גרויס בײַם פויער איבערן הויף. אַ קלייניקייט מיסט פון קו און אייזל! ס׳איז די ברכה פון דער מאַמע ערד. און דעם וועט מאַמע ערד נישט געבן איר שפע. באַנוצט מען דאָך מיסט צום הייצן די אויוונס. יעדן טאָג באַקט מען בײַם פויער די ווייכע מצות, וואָס דער פויער טונקט אין איל און „לעענט אונטער זײַן האַריץ", ווי אין דער ביבל איז געשריבן.

* *
*

די חשובי־העיר האָבן געוואַרט בײַם אַרײַנפאָר אין דאָרף אַרײַן. דאָ האָט מען זיך געגרייט אויף די וויכטיקע געסט. מיט געבויגענע קעפּ באַגריסט. שלום אָפּגעגעבן. און צום שייך אין הויז, וואָס אויפן סאַמע שפּיץ דאָרף און סאַמע צענטער פון דאָרף, אַהין האָט מען זיך פאַרקליבן. דער שייך אַליין, אַ יונגערמאַן, האָט זיך געריסלט און געוואָלט מאַכן אַ היימטמאָרישן אײַנדרוק. דער דאָרף האָט זיך געקליבן אַרום טיר. און צימער זײַנען געווען

גענוג ווייכע דיוואַנען און ווייכע קישעלעך און טעפּיכער צום זיצן. צווישן די געסט פֿון דאָרף זיינען געווען אַ סך מיט פֿאַרבונדענע קעפּ און פֿאַרבאַנדאַזשירטע הענט. אומעט האָט אַראָפּגעקוקט פֿון אַלעמענס בליקן. אומבאַקוועם געווען אַזוי צו דערשיינען פֿאַר דעם פֿאָרשטייער פֿון דער ענגלישער רעגירונג מיט צעשלאָגענע קעפּ. און אַ צייט איז געקומען, וואָס אין אינערלעכע סיכסוכים מישן זיך שוין אַריין פֿרעמדע.

ציט זיך לאַנג דער שמועס. מען רעדט פֿון שלום און וואוילזיין פֿון בהמות, קעמל און אייזל, — וואוילזיין פֿון פֿעלדער, פֿרוי און קינדער און מען דערעדט זיך פֿון דער צווישן־משפּחה־מחלוקת אין אייגענעם דאָרף. הלמאי איין צד וויל ערד פֿאַרקויפֿן און צערייסן די נחלה פֿון כּלל. הלמאי מען צעבּרעכט אַלטע טראַדיציעס. דער אַראַבער האַלט מלחמה מיט שטיינער. צו דעם איז דער אַראַבער געשיקט. טרעפֿט אין ציל, ווען ער שליידערט. אַ האַלבן מעת־לעת האָט מען פֿון מויער אַראָפּגעהאָגלט מיט שטיינער אויפֿן אייגענעם שונא. אַ האַלבער מעת־לעת האָט אָנגעהאַלטן אַ ברודער־קריג אין אייגענעם דאָרף.

איצטער זיצט מען ביים שייך, און הויז מיט פֿאַרבונדענע קעפּ און מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און מען מוז ענטפֿערן אויף פֿראַגעס, וואָס גאָר אַ פֿרעמדער פֿרעגט אויס. כאָטש ער טוט עס מיט טאַקט און כאָטש ער טוט עס פֿאָטערלעך.

„מיר קענען נישט דערלאָזן, אַז בּיי אייך זאָל מען זיך פּלעטן די קעפּ מיט שטיינער, ווען עס ברעכט אויס אַ סיכסוך. מיר ווילן, אַז שלום זאָל זיין —"

ווי אַזוי עס קלינגען אַזעלכע ווערטער, וואָס קומען אַרויס פֿון אַ פֿרעמדנס מויל? אפשר נישט בעסער און נישט ערגער, ווי די רייד פֿון אַ טערקישן באַאַמטן מיט אַ פּופּצן יאָר צוריק. ווייל איך דערקען אין זייערע אַלע באַוועגונגען און אין יעדן בליק פֿון זייערע אויגן, אַז אַן אָנשיקעניש אַ גרויסע, אוי, וואָס פֿאַר אַ אָנשיקעניש עס זיינען איצטער די ווילד־פֿרעמדע, וואָס זיצן אין שאָטן פֿון שייכס באַלקן.

פונדעסטוועגן האָבן זיך די לאַנגע שמועסן געענדיקט, און די געסט האָט מען פאַרפירט אין דער אַנדערער האַלבער שטוב, וואו עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש געגרייט מיט טעלער פאַר אַ דרייסיק מענטשן. אָ, וויפל מאכלים — פליישן פון אַ כמעט גאַנצן שאָף געבראָטן, ביז געבראָטענע פיצעלעך הינדעלעך. קיינער אויסער די דריי געסט האָבן זיך נישט געזעצט צום טיש. אַזוי איז דער מנהג, נישט צו פאַרשוועכן דעם כבוד פון די געסט מיט זיי צו עסן אינאיינעם. ערשט, אַז די „הויכע" געסט האָבן אָפּגעגעסן צו זאַט און אָפּגעוואַשן די הענט, ערשט יעמאָלט האָט זיך דער עולם געלאָזן צום טיש ענדיקן די שיריים.

פאַרשטייט זיך, אַז איך, דער זייטיקער, בין געווען מער פאַרנומען מיט מיינע מחשבות, ווי מיט דעם גאַנצן ענין. איך האָב מיר בשעת־מעשה געוואָלט אַריינקלייבן אין דייע־ע געדאַנקען אַריין — וואָס האָבן זיי געטראַכט פון מיר? געוויס האָבן זיי מיך אויך אָנגענומען פאַר איינעם פון ענגלאַנד: אַ רעכטע האַנט און לאַנד. און איך, איך האָב באַדאַרפט טראָגן אויפן פנים דעם פאַרגליווערטן שטאָלץ, כדי צו באַצווינגען דעם פרימיטיוון און אַזויפיל קלוגן בליק פון מזרח־קינד און אפשר זון פון דער ביבל. און איך מוז מודה זיין, אַז פון יענעם באַזוך אין די עטלעכע דערפער, זינט איך בין געווען אין „שאָטן פון אַראַבישן באַלקן" און נעענטער געקענט אַריינקוקן אַהינטער דעם שלייער, וואָס פאַרציט זייער לעבן פאַר אונזערן אַ מענטשן, זינט איך בין געווען אין דער אינעווייניקסטער פעסטונג פון אַראַבישע דערפער — זינט יעמאָלט איז מיין מהות נישט געווען אינגאַנצן רויק און ארץ־ישראל. איך האָב מיר איבערצייגט, אַז אין ארץ־שראל איז נישט איינגעשלאָפן אינגאַנצן די נאַטור און געוואַרט, אַז דער ייד זאָל קומען זי וועקן. אַזויפיל, אַזויפיל דערפער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוטיילן פון דער געגנט. יהויז פון שטיין האָט זיך אַרויסגעשטעלט און גרינגער איז געוואָרן אָפּצושיידן מענטש פון ווילדן קאַקטוס.

ערגעץ זיינען זיי פאַרהאַן די זיבן, צי אַכט הונדערט טויזנט אַראַבער אין ארץ־ישראל און זיי זיינען איצטער גאַנץ וואַך און קוקן צום ים אַרויס, צי עס קומען אָן שיפן, וואָס ברענגען די

פרעמדע אַהער. נישט צו פאַרלייקענען איך, אַז די הונדערטער טויזנטער האָבן פאַרבראַכט ביז איצט זייערע טעג אונטער פאַלעסטינעס הימלען נישט מיט דער פולער מאָס וואַכקייט. אָבער דער מזרח לעבט זיין לעבן און דער מערב ווייסט נישט, ווען דער מזרח גענעצט און ווען די זון גייט אויף אין דער מזרח-וועלט. דווקא איצטער, ווען אין מערב גענעצט מען, הייבט דער מזרח אָן זיך אויסצוטשוכען זיך אַליין, נישט באַגרייפנדיק גאָר זיין וואַכקייט. אויפן ווייטן מזרח, ביי די גרויסע פעלקער — יאַפּאַן, כינע, צי אינדיע, האָט עס מיר אויסגעוויזן, אַז איצטער לעבן זיי אַלע איבער דעם פרימאָרגן און שווערע ריזן וואַכן-אויף פון שלאָף, אָנצוהייבן ווידער אַ נײַ לעבן מיט אויגן שוין געווענדטע צו אונזער מערב-וועלט! און איך צום נאָענטן מזרח דערגרייכט די אייגענע דערוואַכונג. אפשר מיר יידן און די דערוואַכונג אין אונזער ווען אין די לעצטע פאָר דורות איז גאָר דאָס מזרחדיקע אין אונז, וואָס וואַכט-אויף אינאיינעם מיט די אַנדערע פעלקער אין די מזרח-לענדער. נישט דאָס מערבדיקע ציט דעם יידן קיין פאַלעסטינע, גאָר דאָס מזרחדיקע, וואָס וויל אויפלעבן אויף דאָס-נײַ אונטער דער מזרח-זון.

* * *

עם קומען אויפן געדאַנק די מונטערע רייד פון נביא ישעיה:
„צו דיין ליכט וועלן זיך ציען פעלקער און צו דיין לויטערן שיין — די מלכים.“

נו, קערן זיך איצטער אום צוריק קיין ארץ-ישראל די קינדער פון ישראל. עלעקטרע האָבן זיי איינגעפירט, וואָס באַלייכט שוין פאַלעסטינעס גרעסערע שטעט. איז דאָס די ליכטיקייט און לויטערקייט, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן פאַר די פעלקער? און צי איז דאָס די ליכט, אויף וועלכער עס וואַרטן די קינדער פון ערב? חידוש זיך, נשמה מיינע, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען ערגעץ-וואו וויל מען שוין די עלעקטרע אויסלעשן! די בערגלינך קו-מיסט ביי די הייזער אין די אַראַבישע דערפער, זיי קענען אַ סך מיר דערציילן פון פויערס לעבן. וואָרעם דער ריח איז דער

איגענער איבער גאַר דער וועלט, וואו קן־מיסט איז די ברכה פון פעלד. און בעת איך זע, ווי די אַ־אַבערקע קנעט די מיסט און טריקנט אויף דער זון, טראַכט איך: „אַט אַזוי גאַר נישט לאַנג האָב איך זיך געחידושט און די גאַסן פון גרויסן אינדישן פאָלק, ווען איך האָב געזען דאָרטן די טעכטער פון אינדיע קלייבנדיק די מיסט פון אונטער די בהמות, אין די גאַסן פון לעבן, און אַזוי עס געקנעטן און אַזוי עס געטריקנט אין דער זון".

וואָס האָט מיר דאָרטן געטייגט מיין אינטעליגענטע שפּראַך, און צו וואָס טויג זי מיר דאָ? צוליב־וואָס האָב איך זיך געבראָכן דעם קאָפּ מיט שפּראַך און גראַמאַטיקעס און זיך צוגעוויינט דווקא צום עלעקטרישן ליכט? אַט גיי איך אַרום פאַר די דערפער סוף־זומער און זע: דער גאַנצער דאָרף האָט אין איין שייער די תבואה צונויפגענומען. דער שייער איז אונטערן הימל, אָן ווענט און אָן אַ דאַך. דער הימל דער בלויער שפּרייט זיך איבער דער שפּע. אַט באַלד וועט מען זיך נעמען צום דרעשן; וועט מען קעמל, אייזל, קו און קעלבל איינשפּאַנען, זיי זאָלן טרעטן די געשניטענע תבואה. פון באַגינען ביז נאַכט וועלן די בהמות אַזוי געבונדן איינס צום אַנדערן אומגיין אין קרייז און טרעטן, טרעטן די דערשטאַנענע זאַנגען אַרויסצוטרעטן די קערנער פון די זאַנגען...

מען זאָגט, אַז דאָס איז ביבליש. און איך זע, אַז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט די טאָוולען פון דער ביבל אָפּגעריסן, אין די טאָוולען אַריינגעבונדן ליידיקע בלעטלעך, וואָס וועלן אפשר קיינמאָל נישט ווערן פאַרשריבן מיט געטלעכקייט. און אויך דאָ, אין די אַראַבישע דערפער, אין זייערע גאַסן און הייזער גיי איך אום. איך, קינד פון יידישן פאָלק, וואָס האָט שוין פון אַלע וועלטן דעם שטויב אין די פאַלדן פון די בגדים! און דווקא דאָ, צווישן די ביבל־קינדער, דערשפּיר איך מיר אַזוי פרעמד, אַזוי פרעמד.. ווייל די ביבלישע גאַסטפריינדלעכקייט איז אַזוי בלאַס געוואָרן, ווי נאָר עס בלאַסט זיך אויס דער הימל נאָך אַ ווינטערדיקן זונפאַרגאַנג אין אַ ווינטערלאַנד, אין צפון־מערב, איידער די נאַכט פאַלט צו.

יידן זיינען אָנגעקומען מיט שטורעם און ווירבלען דאָ די שטיבן. יידן זיינען געקומען און האָבן דאָ פאַרצויגן עלעקטרישע דראָטן

און מיט עלעקטרישע ליכט רייסן זיי אראפּ דעם שלייער פון יעדן ביבּלישן סענטימענטאַלן ווינקל אין ארץ־ישראל. און אויך דאָ, אין דער נשמה פון אַראַבּישן פאָלק, האָט די עלעקטרע אונזערע שוין אַריינגעדרונגען אין אויפגעריסן אַ גרויסן שטח, וואו די ביבּל האָט אירע שלייערן אָנגעוואָרפן. אַ דרייצן הונדערט יאָר ציילן דאָ די אַראַבּער זייער נצחון איבּער — — — איבּער וועמען איז געווען זייער נצחון? איבּער חורבות פון די לעצטע רוימישע הערשער. אי־בּער די ערשטע קריסטן, וואָס האָבּן דאָ, אין ארץ־ישראל, גע־וואָלט איינפלאַנצן די תורה, וואָס איז אין מזרח אויפגעקומען. — אַ מין תוצרת הארץ.

דרייצן־הונדערט יאָר איז פאַרן אַראַבּישן פאָלק אַ שטיק היסטאָריע און יידן הילן עס רעכענען אויף זייער אייגענעם חשבּון־אַרט. רעכנט מען. די אַראַבּער רעכענען איצטער אויך, כאָטש זיי־ערע דערפער זיינען ביבּליש און מיט קן־מיסט צעלייגט מען אַ פייער די ווייכע מצות אויסצובּאַקן. איך האָב צוגעפעגעוויקלט אַזאַ מצה, ווי דער אַראַבּער טוט עס, געטונקט אין אייל און געגעסן. איך האָבּ געוואָלט דערגיין, ווי עס קוקט זיך מיטן מאָגן דער מזרח־מענטש אין מיר, צי גאָר דער טייל מערב־מענטש, וואָס אין מיר. שטייענדיק אויפן שוועל פון שייכם ה״ו, אויפן שפּיץ בּאַרג, האָבּ איך געזען פונווייטן אַ יידישע געגנט און געזען פונ־ווייטן אין דער קלאָרער לופט רויטע דעכער פון די יידישע מחנות. נישטאָ קיין מויערן אַרום. נישטאָ קיין טויערן צו פאַרשליסן אויף בּיינאַכט — פּיידן. אָפנהאַרציקייט.

און דאָך האָבּ איך אין יענעם טאָג נישט געקענט געפינען גענוג ליכט צו פאַרטרייבּן אַ סך שאָטנדיקע ספקות, וואָס האָבּן זיך דערוועקט אין מיר פאַרבּרענגענדיק אין די אַראַבּישע דערפער. אַכט הונדערט טויזנט זייערע און הונדערט פופציק טויזנט אונ־זערע...

און דאָס אַלץ, ווען יידישע עלעקטרע בּאַלייכט איצטער אַזוי דעם אַראַבּערס מהות און עפנט אים די אויגן צו זיין אייגענער ווירק־לעכקייט...

גרים און אַלטגעזעסענע.

איך בין משער, אַז דער אַלטגעזעסענער ישוב אין ארץ־ישראל באַדאַרף זיין איבערזיכטיק, הלמאי די באַזוכער און באַשרייבער האָבן אויג און האַרץ אָפן נאָר צו די גרים, די נאָר־וואָס אַריבערגעקומענע. ווען מען דערמאָנט דעם נאָמען חלוצים, איז מען נישט איימן מיט דעם די אַלטגעזעסענע, די גרינדער פון דעם אַלטן ישוב. גלייך, ווי די ערשטע, וואָס האָבן זיך מפקיר געווען פאַר דער איצטיקער פתח־תקוה, ציר חובות, זיינען גאָר קיין פיאָנערן נישט געווען. עס רירן גאָרניט אַהינטער די קאָלאָניעס פון די אַלטגעזעסענע די איבערגעוואַקסענע בית־עולמס. אַ זיפץ און אַמאָל אויך אַ טרער פאַרמאָגט מען נאָר פאַר די בית־עולמס, וואָס אַהינטער די געצעלטן פון די גרים. אויף די פלייצעס פון די היינטיקע פיאָנערן האָט מען אָנגעלאָדן דעם שווערן עול פון האָפענונגען; פאַר זייערע שטרויכלונגען ציטערט מען.

איך רייד דאָס אַליין מכות זיך, וואָס פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל, האָב איך מיין גאַנצן מהות אָפּגעגעבן די גרים און איצטער אויך, ביים איבערשרייבן מיינע דערפאַרונגען און איינדרוקן פון ארץ־ישראל, האָב איך כמעט ווי זיך אָפּגעניגט אָן אַ זייט פון די איינגעוואָרצלטע, אַלטע קאָלאָניעס. כאָטש נישט איינמאָל האָב איך זיך געקילט אין שאָטן פון זייערע באַיאָרנטע ביימער און אַזוי זיך געקוויקט מיט די ווינטרויבן, וואָס זיינען אויסגעצייטיקט געוואָרן דורך דעם ווילן פון די אַלטגעזעסענע. זיכער טאָר מען נישט זיין בלינד צו דער עקשנות פון די אַמאָליקע פיאָנערן, וואָס זייער אָנהייב פרוווט מען שוין באַצייכענען מיט דעם נאָמען היסטאָריע. די אַמאָליקע פיאָנערן און איצטיקע שווערע בעלי־גופים פון די אַלטע קאָלאָניעס, זיי האָבן אויך עפּעס צו דערציילן פון זאַכן, וואָס קלינגען מיט בלוטיקן

לעבן, און וואָס זיינען נאָך זייער ווייט פֿון פֿאַרגאַנגענער היסטאָריע. אַז מען דערנענטערט זיך קיין ארץ-ישׂראל, וואַרפֿן זיך אַנטקעגן די אָאַזיסן אין געשטאַלט פֿון די אַלטע קאָלאָניעס. קומט מען אין צענטער פֿון יידישער אַקטיוויטעט — פֿאַרכאַפּט דער הודאָ פֿון די גרים, וואָס ווילן ווערן אַלטגעזעסענע און קענען עס נישט באַווייזן.

מעגלעך, אַז דאָס, וואָס אין די אַלטע קאָלאָניעס איז פֿאַרהאַנען פּריוואַטע איניציאַטיווע, אָדער די איניציאַטיווע פֿון פֿילאַנטראָפּן — ראָטשילד, צי הירש — דאָס אַליין האָט ביי היינטיקן טאָג נישט דעם ראָון פֿאַרב, וואָס זאָל אַזוי שיינען, ווי די טעטיקייט פֿון קרן-קימת און קרן-היסוד, וואָס רעכענען זיך פֿאַר נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. די, וואָס באַמיען זיך אין ארץ-ישׂראל צו באַווייזן די געסט דעם פּראָגרעס, וואָס ארץ-ישׂראל האָט געמאַכט פֿאַר דער צייט פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, זיי, די וועגווייזער, פֿירן תּחילת אַוועק אין עמק-יזרעאל, צי עמק-הירדן, וווּ דער ישוב איז אַלט בלויז אַ עטלעכע יאָר און וווּ די פֿאַרפֿלאַנצטע ביימער בויגן זיך נאָך פֿאַר מינדסטן ווינטעלע.

נאָר איך באַדויער עס נישט. וואָס איך האָב באַדאַרפֿט זען, האָב איך סיי-ווי געזען. די אַלטע קאָלאָניעס האָבן געווירקט אויף מיין השגה, ווי עס ווירקט אַ שיינער מיטן-זומערטאָג. אַנדערש פֿילט מען אין די נייע, יונגע און טומלדיקע קבוצות — דאָרט איז פֿריילינגדיק-שרייענדיק: ווינטיק און מיט דעם פֿיבער, וואָס אַ פֿרילינג קען נאָך מיט זיך ברענגען. די אַלטע איינגעזעסענע חוזקן גאַנץ אָפֿט פֿון די איצטיקע בן-יקירלעך, וואָס פּיעשטשען זיך און קרעכצן און מאַכן דעם אָנשטעל, גלייך ווי נאָר אויף זייער חלק איז אויסגעפֿאַלן אויפֿצוהייבן הויך די פֿאָן פֿון יידישן פּיאָנערטום און יידישער אַרבעט אין ארץ-ישׂראל. גענוג זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס מיט אַן אַלטגעזעסענעם, ווען אויף זיין פּנים פֿאַרציט זיך אַ וואָלקנדל, בשעת ער מאַכט צו די רעכטע אויג, כּדי מיט דער לינקער אַריינבליקן אין אַ געשעעניש, וואָס איז אַלט אַזוי אַ דרייצענדליק יאָרעלעך:

* * *

אידעאַלן בליען און האָבן זייער שאַ״פן אַ״אָמאַט, יעמאָלט, ווען זיי זיינען ביים שוועל פון דער ווירקלעכקייט. האָט זיך נאָר אַ אידעאַל אַרונטערגעזעצט אונטער אַ דאַך און געפונען אַ שוץ פון רעגן און שטורעם — האָט ער זיך אַליין אונטערגעשוירן די פליגל. וואָרעם, צי איז געווען ווינציקער אידעאַל ביי די ערשטע פיאָנערן בילו״ער, די בית־יעקב לכו ונלכה, וואָס האָבן זיך אַריבערגעטראָגן איבער אַזויפיל יסורים־בערג פון דעמאָלטיקן לעבן און זיך פאַרטראָגן ביז צו די זאַמדן פון די אַמאָליקע פלישתים? אַ סך זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט די שטויביקע שוועריקייטן, וואָס זעצן זיך אָן אויף די הענט פון אַ יעדן פיאָנער אין בפרט אין ארץ־ישראל, וואו אַזויפיל אוממעגלעכקייטן האָט מען געצוואונגען צו ווערן מעגלעך.

נאָר די גוטע הייזער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויף דעם אָרט פון די דורכגעווינטיקטע געצעלטן; די אַיינגעפונדעוועטע שטאַלן, די געדיכטע און שווער־גרינע אַפעלסינען־גערטנער, די שורות אונטערגעלעגטע ווינשטאָקן; אָדער די איבערגעוואַקסענע עקאַליפּטוס־וועלדער, וואָס מאַכן אַ יונגן ישוב אויסזען אַלט — דאָס איז גענוג, אַז די אַלע, וואָס קומען מיט קינדערשער נייגעריקייט און קינדערשער נאַיִוויטעט, זיי זאָלן פאַרזען די ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל און גאָר אינגאַנצן אַריינוואַרפן זיך אין דער שוימיקייט פון דעם פרילינג־שטראָם. און אַגב רעדט מען אינדערהויך צווישן די גרים, אַז דאָרט, ביי די אַלטגעזעסנע, איז אָפּגעשטאָרבן אַ יעדער אידעאַל און אַז פאַר די אַלטגעזעסענע איז ארץ־ישראל דאָס אייגענע, וואָס פאַר דעם נישט־יידן, אויב ער וואָלט נאָר אין ארץ־ישראל זיך געקענט אויסלייגן מיט זיין באַלעבאַטישער פּסיכאָלאָגיע און באַלעבאַטישן אַפּעטיט. אַזוי גייט דער סדר־העולם. אַפילו צווישן די אידעאַליסטן פון עמק־יזרעאל איז שוין געקומען די קלאָר־אָנגעצייכנטע ליניע, וואָס באַווייזט הונדערט־פּראָצענטיקן אידעאַליזם און אידעאַל, וואָס איז שוין נישט מער, ווי פינפפּראָצענטיק. די אַלע, וואָס זיצן נאָך אונטער אַ צעלעכערטן דאַך, זיי קוקן מיט ביטול צו די, וואָס ביי זיי איז שוין דאָס הויז פון בעטאָן און דער דאַך — אַ מאַסיווער און רויט געפאַרבענער:

— זאַט געוואָרן, פעט געוואָרן, קלייבן שוין פליאַכטערן אונטער די פליגל, קענען שוין נישט פליען מער — —

אַזוי טייט מען אויף די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ קאָמוניסטישן לעבן און זיך אײַנגעאָרדנט אונטער אַ אייגענעם דאַך.

נאָר ווער קען זיך דען שטעלן אַנטקעגן דעם ווינט, וואָס קומט אָן אין אַ הייסן טאָג, ווען אַפילו ער קרייזלט צו שטאַרק דיין פּיאה? אַ פאַרפאַלענע זאַך. דאָס, וואָס רייצט אַזוי אין ארץ־ישראל, דאָס, וואָס מאַכט, אַז ארץ־ישראל זאָל זיך באַווייזן אין אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן — דאָס איז דאָך פאָרט די גרויסע מאָס פון אידעאַליזם, וואָס שוימט זיך איבער אין די שורות פון די לעצטע חלוצים. ווער ווייסט, וואָס אין אַ עטלעכע יאָר אַרום וועט זיין? ווער ווייסט, וואו די וועלן אָנשפּאַרן? און ווען אַפילו אין ארץ־ישראל גופא, אויב נאָר זיי וועלן זיך איינאָרדענען, שווער ווערן, וועלן זיי אויך באַקומען יענע מאָס אַלטגעזעסנקייט און אויף זיי וועט מען טייטן מיט די פינגער: „זעט, שווער געוואָרן, זאַט געוואָרן און דאָס איז פון פריערדיקן אידעאַליזם געבליבן!“

איך האָב עס קלאָר אַרויסגעזען, באַזוכנדיק די עלטערע קאָלאָניעס: פּתח־תּקווה, ראשון־לציון, רחובות און אַנדערע — אין יעדער קאָלאָניע האָט עס מיר נאָר אינסטינקטיוו אַוועקגעצויגן ערגעץ צו אַ פרייען פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך די געצעלטן פון די יידישע אַרבעטער, וואָס דערנערן זיך דורך די פּאָר טעג אַרבעט און באַשיידענע שׂכירות ביי די אַלטע קאָלאָניסטן. די קליינע קאָמוניסטישע קבוצה, וואָס האָט זיך באַפעסטיקט מיט דעם אייגענעם פאַרוואָרלאָזטן אידעאַליזם אין שכנות פון די אַלטע קאָלאָניסטן — דאָס אַליין האָט געווירקט גאָר נישט גינסטיק פאַרן גאַנצן בילד. אַלץ איז ביי מיר אויסגעקומען מטושטש: אָט זיינען פאַר מיר די געדיכטע אַפּעלסינען־גערטענער, די הייזער, וואָס שטייען אין שאָטן פון פרוכטביימער, צי אין שאָטן פון פאַלמען און עקאַליפּטוס־ביימער; אָט קומט אַנטקעגן דער יוסטער באַלעבאָס, וואָס איז אין ארץ־ישראלדיקער וואַרעמקייט שווערלעך געוואָרן. און אָט קומט אַרויס די באַטאָגטע מוטער, ביים זייט קינדער זאַטע, גוט געקליידטע. און ווער זאָגט נאָך, אַז אַ רייטערל טראָגט זיך פאַרביי,

און דאָס איז אַ קאָלאָניסטישער זון, וואָס איז דאָ אויפגעוואַקסן און טראָגט שוין אונטערן כאַלאַט אַראַבישן ווינט — — —

אַזעלכע בילדער און זייער גלייכן דערוועקן שוין נישט יענע פרייריקע ווייען פון נייגעבורט. זיי מאָלן גאָלע בלעטער פון האַרב־סטיקייט. און בפרט ווען ביידע צדדים זיינען זיך גאָרנישט קיין נאָענטע פריינט: אַ ר ב ע ט און קאַ פּ י ט אַ ל — אַפילו אין ארץ־ישראל באַשאַפן זיי אַ שאַרף ווינטל, אַזש די בלעכן פאַלן פון די ביימער; אַזש ווערעמדיקע פלעקן באַווייזן זיך אין די ראָזע באַקן פון די עפּל.

ניין, גאָרנישט גרינג איז אַזאַ לעבן אין געצעלטן, וואָס שטייען אין שאָטן פון אַלטע עקאַליפּטוס־ביימער. אין די געצעלטן זיצן דורכגעליטענע, דורכגעפּיבערטע, וואָס ביי אַלע מינים עבודת־פּרך האָבן זיי שוין פאַרדונגען זייערע הענט און פּלייצעס פאַר די עטלעכע פּיאַסטער אַ טאָג. בחורים און מיידלעך, וואָס קענען זייער ליבע נישט אויסצייטיקן, ווייל פאַר די עטלעכע פּיאַסטער אַ טאָג קען מען קיין דאַך איבערן קאָפּ נישט אויפשטעלן און קיין אייגן שטיקל ערד דערזעט מען אַפילו נישט. ווען מען זאָל פאַרמאַכן ביידע אויגן און חלומען. אַזאַ ליד זינגט זיך שוין, וואָס פּראָסטיקט די הויט אונטערן דינעם בגד.

און דאָ קומט די קאָנקורענץ. אַראַבער האָבן אויך הענט. אַראַבישע הענט באַקומט מען פאַר ביליגער. די אַרבעט ביים אַרומ־גראָבן די אַפּעלסינען־ביימער, זי צעברעכט דעם גוף. אין ארץ־ישראל האָט מען נאָך ביז איצטער געפלאַנצט אַפּעלסינען־ביימער אויף דעם אַלטן שטייגער, נאָענט בוים צו בוים. אין אַ באַאָרנטער אַפּעלסינען־גאָרטן איז געדיכט נישט דורכצוקריכן. עס איז דושנע אין די זומער־טעג אונטער זיי. אין דרייען געבויגן מוז מען אַרומ־קריכן און אויפגראָבן די איינגעבאַקענע ערד. פאַר דער־אָ מלאכה שלאָגט מען זיך. דאָס צו קריגן באַדאַרף מען קאָנקורירן מיטן אַראַבער. און דאָ רעדט מען פון יושר. ביידע צדדים ריידן פון יושר און נאַציאָנאַלע געפילן.

וואָלט מען באַזעצט אויף דער ערד די דאָזיקע פאַרביטערטע חלוצים, וואָס וואַרטן אויף דעם חסד פון יידישן קאָלאָניסט —

יעמאָלט וואָלטן אַ סך זאַכן אַוועקגעגאַנגען כּשורה. יעמאָלט וואָלט סיי ניי און סיי אַלטגעזעסענער זיך אַריינגעפּאַסט אין דער אייגענער פּאַנאָראַמע. אַנדערש איז דאָס איצטער, ווען דער דלות באַשאַפט מחלוקת אונטער די ביימער, וואו מען האָט באַדאַרפט הערן שיר־השירימדיק זינגען. די מאָס ביטערניש איז דאָ און דאָרטן איבערפולט אין ארץ־ישראל און די ביטערניש גיסט זיך אַריבער דאָרטן, וואו די גרים און אַלטגעזעסענע זיצן אין שכנות.

* * *

איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַ קבוצה אַרבעטער אַהינטער דער איצטיקער באַפעסטיקטער קאָלאָניע רחובות, אַמאָליקע פּיאָנערן און איצטיקע בעלי־גופים. הינטער דער קאָלאָניע, אין לייוונטענע געצעלטן, זיצן בחורים און בחורות און זשיווען זיך פון דעם ביסל אַרבעט, וואָס זיי קריגן אין דער קאָלאָניע. אַ קאָמונע מיט אַלע קליפּערלעך האָבן זיי באַשאַפן. צום יאָר פון זייער עקסיסטענץ אַלס קבוצה האָט זיי תּל־אָביב געשיינקט אַ קו מיט אַ קעלבל און עטלעכע הינער. און דאַכט מיר, אַז צו אַן אייזל האָבן זיי זיך אויך דערשלאָגן. און אַרום דער דאָזיקער קליינער באַלעבאַטישקייט וואַרעמט זיך אויס דער גרויסער אידעאַל צו זיין אַליין קאָלאָניסט אויף ארץ־ישראל־ערד:

אַלע, סיי די בחורים און סיי די בחורות, גלעטן און וואַרעמען מיט די בליקן דעם פאַרמעגן. מען דערציילט די מעלות פון דער קו און די חכמות פון קעלבל און די געראָטנקייט פון די עופות. איך האָב שווייגנדיק באַטראַכט דעם עולם. מיינע באַגלייטער האָבן זיך געחידושט, וואָס איך מאַך נישט קיין ברייטן שמועס מיט זיי:

— פאַרוואָס פרעגט איר זיך נישט אויס ביי זיי? זיי האָבן אייך וואָס צו דערציילן.

דאַכט מיר, אַז פון אַלע געסט האָב איך צום ווינציקסטן באַלעסטיקט מענטשן מיט פראַגן און נישט אָנגערירט מיטן גראָבן פינגער אין יענעמס אויג. וואָס האָב איך נאָך געהאַט אויסצופרעגן ביי די אָדער אַנדערע יונגעלייט, אָדער מיידלעך, צי זיי זיינען צופרידן

אָדער אומצופרידן מיט זייער לאַגע? און ווען אַפילו איינער באַווייזט מיר אַראָפּ קאָליר אין באַק, ציט איז דען שווער צו פאַרשטיין, אַז דער איינער האָט זיך אַ קניפּ געטאָן אין באַק? צופיל איז אין ארץ-ישראל אַלץ קלאָר און אַפילו, וואו מען דערציילט נישט, איז דאָס לעבן אַליין, וואָס איז ריידעוודיק און אַנטפּלעקט אַלץ.

צי דען וועט מען מיר איינריידן, אַז די אַלע, וואָס באַפרידיקן זיך מיט דער מלאכה פון האַקן שטיינער פאַר שאָסייען, זיינען טאַקע אינאמתן צופרידן מיט דעם? צוליב-וואָס זאָל איך עס גלויבן? עפּעס בעסערס איז געווען ביי יעדן איינציקן אין זיין רעיון, ווען ער האָט זיך געלאָזן קיין ארץ-ישראל. בפרט דער עולם חלוצים איז פון דעם בעסטן מענטשן-מאַטעריאַל, וואָס דער גלות האָט געקענט אַרויסשיקן פון זיך. און יעדער איינער האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין מיטן פולן באַוואוסטזיין, אַז דאָס ציט ער קיין ארץ-ישראל, כדי צו בויען אַ וויסט לאַנד. בויען דאָס לאַנד און בויען פאַר זיך אַ היים. און ווען פון די שווערע אַרבעטער, וואָס האָבן אין ה׳י גאָר לעצטע יאָרן אַריבערגעוואַנדערט קיין ארץ-ישראל, וועט מען האָט דאָס מזל אַ שמייכל געטאָן, אַז ער זאָל קענען זיך אָנשפּאַרן אויפן אַקער-אייזן, שפּירנדיק, אַז דאָס אַקערט ער אַ אייגן לאַנד?

יענע צייטן, וואָס אַקערן פאַר יענעם האָט געמיינט אַקערן פאַר זיך, אָדער בויען אַ שטוב פאַר יענעם, מיינט בויען ארץ-ישראל און ממילא מיינט עס בויען פאַר זיך אַליין — יענע צייט האָט דאַכט מיר באַלד געמיטן, אויב זי האָט נישט געמיטן אינגאַנצן. דיווירקלעכקייט שטעלט איצטער גאַנץ אָפט אַרויס איר גרויען פּנים און מאַכט גרוי יעדע אַרבעט, וואָס מען טוט פאַר יענעם. גרים שטייען דעריבער זייט ביי זייט מיט אַלט-יעזעסענע. און דער אָנזאָג פון ואהבת את הגר: דו זאָלסט ליב האָבן דעם גר — דאָס ווערט נישט גילטיק אין ארץ-ישראל. אַ ציניקער קען זיך פאַרגינען אַפילו אין דעם פּרט צו זיין אַ געדעכטער, ווען ער ברענגט:

— ווער האָט עס באַדאַרפט ארץ-ישראל פאַרשלייערן און אַלערליי אידעאַלן? פּשוט מאַכט עס ווי פּשוט ברויט מיט זאַלץ איז.

און וואָס שפּעטער מען וועט פון ארץ־ישראל אַראָפּרייסן דעם אידעאַלן שלייער, אַלץ גערינגער וועט דאָס לאַנד זיך אַנטוויקלען. און אַנדערע קלאָגן:

— פּראָזע, פּראָזע אַרום און אַרום. גרוי און פול מיט שטויב איז דער אינהאַלט פון לעבן געוואָרן. נישטאָ מער קיין אידעאַליזם — איך בין געווים מסכים מיטן לעצטן. און דעריבער זיינען אַזוי באַלויכטן העל די געצעלטן פון די קבוצות אין עמק־יזרעאל, און דעריבער ווערט יעדער גאַסט אַהין געצויגן און מען קען מיינען, אַז טייערער איז פאַר דעם באַזוכער אַ נישט־פאַרענדיקטער חלום פון די קאָמוניסטישע קבוצות, איידער די ווירקלעכקייט אין די אַלטע, איינגעפונדעוועטע קאָלאָניעס.

* * *

און עס ליגן נאָך דערצו ברייט צעלייגט די איבערגעקערטע וואָרצלען פון אַ ווילד־וואַלד צווישן צוויי דורות לעבעדיקע מענטשן, וואָס אָן ווערטער און אָן באַזונדערע ושעסן האַלטן זיי מלחמה פאַרן איבנאָן אין דער ווירקלעכער פאַנאָראַמע פון לאַנד און פאָלק.

יעדער נייער, וואָס קומט קיין א"י־ישראל, ברענגט מיט זיך אַ גאַנץ שווערן קנויל פון איינגעפּלאָנטע אידעען און טעאָריעס: יידישע, נאַציאָנאַלע און אַלוועלטלעכע סאָציאַלע. אַזוי שווער איז אַרויסצובאַקומען פון דעם אַלעמען אַ נאָרמאַלן סינטעז; וואַקסן איך סתירות אָן אַ סוף, בשעת מען שלאָגט זיך אָן איף דער ווירקלעכקייט. ווער די דאָזיקע ווירקלעכקייט זאָל נישט זיין — קאַפּיטאַל און אַרבעט, אָדער ענגלישער אימפּעריאַליזם און אַראַבישע נאַציאָנאַלע געפילן — צו דעם איז נאָך אַ צולאָג: שפּראַכן־פראַגע און גלות־געוויינהייטן.

יעדן איינעם פון די ניי־אָריבערגעקומענע, אַז איר פרעגט אים, צי וואָלט ער וועלן זיך דערנעענטערן צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם יושב־הארץ, פון דעם אַראַבער; אָדער פשוטער געזאָגט: אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס מערב־אייראָפּעיִשע און איפּדרעקן אין זיך דאָס אָריענטאַלישע — ניין! דאָס וועט יעדער אידעאַלער חלוץ פון די איצטיקע אַריבערגעקומענע שטאַרק פאַרלייקענען:

— קיין אַזיאַטן וועלן מיר נישט ווערן. נישט דאָס איז אונזער אויפגאַבע מיט אונזער שיבת־ציון אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

און צי איז באמת אַזוי ווייניק חשיבות פאַרהאַנען ביים איצטיקן אַראַבער? אָדער צי איז עפּעס פאַרהאַנען אין זיין לעבנסשטייגער, וואָס זאָל זיין אַ מוסטער פאַר דעם יידישן נייגעבורט אין ארץ־ישראל, אויף דעם וויל איך זיך איצטער אינגאַנצן נישט אָפּשטעלן. דאָ וויל איך נאָר אונטערשטרייכן, אַז די קינדער פון די אַלטגעזעסענע, וואָס זיינען מיט אַ עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק געבוירן געוואָרן אין לאַנד, זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אייראָפּעיִשן שאָלעכץ און זיינען פאַראַזיאַטישט געוואָרן. אַפילו אַ סך פון די ערשטע הלוצים, פון „השומר"־טיפּ האָבן איבערגענומען אַ סך פון דעם בעדויִנערס ווינטיקייט. אין דעם פנים פון דעם איצטיקן יונגן דור, קינדער, וואָס באַזוכן נאָך די יינגערע קלאַסן — אויב אין ארץ־ישראל געבוירענע — דערקענט מען אויף זיי דעם אָריענטאַלישן הויך; אַזיאַטיש בויגט זיך אויס זייער כאַראַקטער.

איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אויף דער דערשיינונג גופא פון גרים און אַלטגעזעסענע און אויף דעם גרויסן איפּרים אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די ביידע. איך בין געווען אומאַיינגענעם איבערראַשט, ווען איך האָב זיך מיט דעם שאַרפן פּסיכאָלאָגישן מאָמענט אָנגעשלאָגן פנים אל פנים. איך האָב געטראָפן זין פון אַמאָליקע בילויער, זין פון די גרויסע אידעאַליסטן, וואָס האָבן נישט געקענט אויפדעקן פאַר מיר קיין שפור פון זייערע עלטערנס נאַציאָנאַלער טראַגעדיע און נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. זייער העברעיִש איז מער אַראַביש און דער גאַנצער געדאַנקענגאַנג איז ביי זיי נישט מער קיין אייראָפּעיִשער. מיר איז אויסגעקומען צו פאָרן מיט אַזאַ איינעם אין איין וואַגאָן דורכן עמק־יזרעאל, פאַרביי די קאָמוניסטישע קבוצות און ער האָט איראָניש געקוקט אויף דעם אַלעמען:

— אַז צען גוטע ברידער מעלקן אַ קו, וועט ביי איר אין אייטער די מילך ווערן איבערגעברענט.

און אַז איך האָב געוואָלט ביי אים אויפדעקן כאָטש איין ווינקל פון דער נייער ארץ־ישראל, ווי עס מאָלט זיך אויס ארץ־ישראל

אַ איצטיקער חלוץ — האָב איך עס נישט דערקענט. פאַר אים איז ארץ־ישראל געווען אַ בילד אַליין פאַר זיך, שוואַך פאַרבונדן מיטן גאַנצן יידישן כלל און אויך נישט פאַרבונדן מיט דער מערב־וועלט, וואו יידן האָבן אויסגעוויטיקט זייערע מאָדערנע אידעען. פאַר אים זיינען די אַראַבער אויך קיין פּראָבלעמע נישט. „אויף אַ קלאַפּ קען ער געבן צען צוריק.“ ביי אים איז דאָס טעאָריע און פּראַקטיק.

לויט מיין איבערציינונג איז דער אַלטגעזעסענער אין דער עיקר, זיינע קינדער און לאַנד געבוירענע — זיי זיינען די, וואָס הייבן אָן אָנצונעמען דעם אַזיאַטישן אויסזען. די דאָזיקע צייכענען שוין לייכט אָן די פיזיאָנאָמיע פון די קומענדיקע יידישע דורות אין ארץ־ישראל. און דעריבער באַמיט מען זיך עס צו פאַרזען. דעריבער באַמיט מען זיך צו פאַרגיינען די אַלע אַלטגעזעסענע, איינגעפונדעוועטע קאָלאָניעס פון די אַמאָליקע אידעאַליסטן און היינטיקע בעלי־גופים.

און נישט געזונט איז די אַטמאָספערע אין אַן אַלטער קאָלאָניע, ווען די איצטיקע חלוצים מיט צעשטערטע האָפענונגען זיצן אין זייערע געצעלטן און וואַרטן צו פאַרדינען אַ פּאָר פּיאַסטער ביים אַרומגראָבן די אַפּעלסינען־ביימער ביי די איצטיקע בעלי־גופים און אַמאָליקע אידעאַליסטן. גרים און אַלטגעזעסענע — צווישן זיי האָט זיך אויפגעעפנט אַ תהום, וואָס וואַרט, אַז אַ געזונט לעבן זאָל אים פאַרשיטן.

אַרום טויטן ים

פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט פֿאַרשאָלטן יענע געגנט; ווייל דאָרט האָט רישעות געבליט אין די אַלטע צייטן. מענטשן פֿון יענער געגנט האָבן אין זיך דערצויגן אַלדאָס בייז. האָט כּביכול פֿאַרוויכט יענעם טאָל, וואָס איז געווען, ווי אַ גן־עדן. מיט פֿייער און שוועבל פֿאַרגאָסן.

— ס ד ו ם !

איז טאַקע יענע סדום־געגנט אַזוי טויט, ווי דער נאָמען פֿון דעם געזאַלצענעם און ביטערן ים, וואָס געפֿינט זיך דאָרטן? אונזער מהות איז פֿאַרקניפּט מיטן גרין־צעפּליטן לעבן און פֿון דאָרטן רעפֿלעקטירט צו אונז לעבעדיקע שיינקייט. מיר זיינען פֿאַרבונדן מיטן נאַטור־אָטעם, סעזאָן־וועקסלונג. דעם ים־המלח האָבן נאָך די רוימער פֿאַרמשפּט צו טראָגן אַזאַ שוידערלעכן נאָמען:

„ד ע ר ט ו י ט ע ר י ם".

ווער קאָן אָבער חושד זיין, שטייענדיק אין די הרי־יהודה, ביי ירושלים, מיטן פּנים געווענדט צו מזרח־זייט — ווער קען חושד זיין, אַז יענער מאַט־גרינלעכער וואַסער־שפּיגל, וואָס ליגט אַ צנועים־געדריקטער צופֿוסנס פֿון די מ ו אָ ב ־בערג, אַז דאָרטן איז דער טויטער ים? אַזאַ גלעטנדיקע בענקשאַפֿט האָט מיך אַרומגעכאַפּט, בשעת איך האָב אין אַ זוניקן האַלבן טאָג געקוקט צום ים־המלח פֿון ה ר־ה צ ו פֿ י ם. דער לויטערער אויסגאָס צווישן די בערג איז איבערגעגאַנגען פֿון העל צו טונקל־גרין און באַלד איז ער אינגאַנצן באַזילבערט געוואָרן, זיך אַרויסגעהויבן צו דער ברענענדיקער זון און צוריק געזונקען אין זיין געפּענקעניש צווישן די הרי־יהודה און די מואָב־בערג.

העט־ווייט קומט אָן פֿון צפֿון־זייט אַ טונקעלער שטעג, און פֿאַרלירט זיך אין דעם העל־צעשמאָלצענעם און מיט גרין־גאָלד

אײבערגעגאָסענעם ים-המלח: דאָס איז דער ירדן, וואָס קומט אָן
אין געאײל פון צפון-זײט און ברענגט זײנע רעשטלעך וואַסער צום
טױטן ים.

אַז איך האָב צום ערשטן מאָל געזען פון װײטן דעם ירדן-טאָל,
איז פאַר מיר װאַך געוואָרן דער חלום פון אַ סך דורות. דער
ירדן-טאָל איז אַ טאָל פון לעבן און טויט; פון אויפקום און אונ-
טערגאַנג. די בני-ישראל, וואָס האָבן מיט עטלעכע טויזנט יאָר
צוריק אָפּגעגעצט די טריט אין ירדנס וואַסערן, זײנען אויך אויף די
װײטערדיקע דורות פאַרמשפּט געוואָרן צו שמען אַלס פאָלק און
געניסן פון אַלע געבורט-יסורים.

* *
*

פון ירושלים פירן אַלע וועגן באַרג-אַראָפּ. אומעטום, וואוהין
מען זאָל זיך נישט לאָזן פון ירושלים, באַדאַרף מען אַראָפּ-
נידערן אין דער נידער. און צום טיפסטן נידערט מען צום ים-
המלח. אַז מען לאָזט זיך צו אים, חידושט מען זיך: „אַזוי נאָענט
צום טויטן ים. ווען מען קומט צו אים פון ירושלים, און איצ-
טער האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דערווײטערן, גראָבט זיך טיפער
אַרײַן אין די בערג אַרײַן".

די געגנט, ווען מען לאָזט זיך אַראָפּ פון ירושלים צו מזרח-
זײט, ווערט זי גרוי און נאַקעט. זאַמד און שטײן. איך קען אַ
סך אַזעלכע פאַרוואָרלאָזטע געגנטן אויף דער וועלט. צפון-אַמעריקע
האָט עס גענוג און אַפילו די בליענדיקע קאַליפאָרניע פאַרמאָגט
אַזאַ קאַרגשאַפט. פאַרהאַן אין ניי-זעלאַנד ערטער, וואו בריאת-
העולם איז נישט אַזוי געלונגען. ווינציק הסר. אַ סך רוגז אין דער
נאַטור. אין ארץ-ישראל ווילט זיך נישט גלויבן, אַז די נאַ-
טור האָט זיך נאָך נישט באַרויקט. עס חידושט אַזוי אַן ערד-
ציטערניש. עס חידושן די באַזאַלט-שטײנער, וואָס אין אויבערשטן
גליל — אָט די אַלע סימנים פון וואולקאַנישע אויסברוכן, וואָס
האָבן מיט לאַווע געפלייצט פון גלילס הייכן צו די טאָלן אַראָפּ.

אַזאַ צייכן פון מעשי-בראשית איז דער ירדן-טאָל און מער
פון אַלץ דער טויטער ים און די וויסטעניש אַרום. נידעריקער

איז טויטער ים פון מיטללענדישן ים, וואָס גאָר נישט הייט. טי־פער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער טויטער ים און ער טויט אין זיינע שוועבל־וואַסערן אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס פאַלן אַהין אַריין פון ירדן. און צוליב־וואָס ברעכט זיין גאניק דער ירדן, גאַלאָפּירנדיק פון צפון־זייט, כדי וואָס גיכער ברענגען זיינע וואַסערן אַהער, אויב ער איז נישט מתקן דעם טויטן ים?

עס ווערט הייסער מיט יעדער ווײַלע, ווען דער וועג שניידט זיך אַליין טיפער אַראָפּ צו מזרח. עס איז נאָך באַגינען און פון ערגעץ שלאָגט די ברענענדיקע היץ. עס ווערן איינציקווייז פאַרשוואונדן די לעצטע אַראַבישע הייזלעך און דאָס ביסל גרינס, וואָס דער פויער שלעפּט מיט עקשנות פון דער קאַרגער ערד אַרויס. אַליין אָפּטער קומט דער דרום אַנטקעגן. עס העלפט דאָ ווינציק די מסירת־נפש פון פויער. קען דאָס זיין, אַז צוליב דעם האָט מען זיך אַזוי געשלאָגן אין די אַלטע צייטן? וואָרעם דורכקוקנדיק ארץ־ישראלס היסטאָריע, איז דאָך בכלל אַ חידוש — איצטער, אַז מען זעט שוין אויף דער לאַנד־קאַרטע, וואָס פאַר אַ פּיצל וועלט ארץ־ישראל איז — און מען לאָזט פאַרן דמיון דורך די אַלע בלוט־פאַרגיסענישן — פרעגסטו אַליין ביי זיך:

— פאַרוואָס גרינט אַזוי ווינציק די ערד, דאָרטן, וואו היינט־צייטיקע פּיאָנערן באַמיען זיך נישט? פאַרוואָס האָט די בלוט־באַמיסטיקונג נישט פאַרזאָרגט ארץ־ישראלס בערג־ריפּן אויף אייביקע יאָרן מיט בליונג?

יאָ, די ערד איז איבערגעמיסטיקט און דורכגעברענט. צופיל גוטס, אָדער צופיל האָט דאָ טויט געפּאַקט מיט זיין שווערד און איינס אַנטקעגן אַנדערן געטריבן צו פאַרטיליקונג, די אויפגעבלאָזענע מלכימלעך פון אַלע צייטן.

מען קומט אַריין אין אַ טראָפּישער אַטמאָספערע. איצטער, נאָך מיינע וועלט־רייזעס, איז דאָס מיר וואויל באַקאַנט. אין אַזאַ־אָ אַטמאָספערע וואַרעמען זיך אויס שלאַנגען און עקדישן. די קליי־דער ווערן איבעריק אויפן לייב און די נאַקעטקייט בענקט צו באַהעפטן זיך מיטן וואַרעמען ווינטל, וואָס קומט פון ערגעץ צו־בלאָזן.

אונטן, אין ברייטן טאָל, דערשפּירט מען דעם אָטעם פון מדבר. די ערד האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן גאָר איר מילדקייט. די נאַטור האָט זיך נאַקעט אויסגעטאָן און אַנטפּלעקט די דער: פאַרקאַלכונג און געזאַלצנקייט. די פלאַכן אין ברייטן טאָל, וואָס פאַרלויפן ביז צום טויטן ים, וואַרפן אָן אַ אימעט און עס צווינגט צו פאַרגעסן, אַז ערגעץ, אָן אַ זייט, גאָרנישט ווייט פון דאַנען, גרינט עס און גראָזט און בלאָזט בענקט צום טוי. דאָ, די דאָרנדיקע געוויקסן זיינען פאַרגרעבטע, פאַרשטויבטע. אַ חידוש יאָר, ווי אַזוי עס שלאָגט זיך אַ וואָרצל אַרויס פון אַזאַ זאַלציקן אײבערפלאַך. די מואָב=בערג אַנטקעגן רירן זיך אין דער ליכט פון פרימאָרגן=שעה. באַשערט געווען די מואָב=בערג אַזוי זיך אײנצוקריצן אין זכרון פון די דורות. עס זיינען אין אַלע צייטן געשטאַנען אויף די שפּיצן בערג די פייל=און=בויגן=באַוואָפנטע און אַריבערגעקוקט צו די יהודה=בערג, וואָס אין מערב=זייט. געשטאַנען מיט פאַרלאַנגען זודיקע, ווי זודיק די געגנט איז דאָ אַרום טויטן ים, כמעט אַ קיילעכדיק יאָר אין דער אָנגעגליטער און פאַרקאַלכטער זאַלציקייט.

*   *
*

אַריבער זיבעציק קילאָמעטער לאַנג און ביי אַ זיבעצן קילאָמעטער איז ער ברייט אין זיין ברייטסטן אָרט, דער ים=המלח. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַשיידענער אָזערע. אין ליכט פון פרימאָרגן האָט אין זיין בלאַסער גרינקייט רעפלעקטירט אַ יונגע ראָזיקייט. אַ צונויפגעדריקטער צווישן די בערג, איז דער ים=המלח געלעגן און אַ צופרידענער געשמייכלט. די פליסיקייט זיינע איז אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר נישט קיין וואַסער. אַזאַ סם=המוותדיקן טעם איז זיך גאָר שווער אויסצומאָלן. איך האָב פאַרזוכט מיטן שפּיץ צונג דעם טויטן ים און אַ גאַנצן טאָג האָט עס מיר געבריט אין צונג. דער טעם איז זאַלציק און פעפּערדיק. יאָדינע און סירקע. אַוואו זיינען אַהינגעקומען די זיסע וואַסערן פון ירדן?

אין דער טיפעניש שלאָגן אַלערליי מינעראַל=קוואַלן, וואָס נעמען אין זייער ממשלה אַריין די ירדן=וואַסערן און פאַרוואַנד-

לען זײ אין אַ מין אײנגעמעניש. דאָס װאַסער איז שװער און אַ מענטש װאָלט זיך גיכער מיטן װאַסער געקענט פאַרסמען, אײדער דערטרינקען. איך האָב זיך אַװעקגעלאָזן שװימען און געבליבן װי אַ שטיק פּראָבקע אינדערהױך. דאָס װאַסער איז שװער און לאָזט דעם לעבעדיקן גוף נישט זינקען. װעלנדיק מאַכן אַ באַװעגונג צום שװימען, האָט עס מיך אינגאַנצן אױפגעהױבן, װי אַ שפּענדל. דאָס לײב איז געװאָרן שטײף, כאָטש בלײב אַזױ ליגן אומבאַװעגלעך אױפן װאַסער און װער אַנטשלאָפן.

נאָך אַזאַ אָרט איז פאַראַן אױף דער װעלט. דאָס איז דער געזאַלצענער ים אין דעם שטאַט יוטאַ, אין צפון-אַמעריקע, װאו עס לעבן די מאָרמאָנען. יעמאָלט, אינמיטן פון לעצטן יאָר-הונדערט, װען אַ מענטש מיטן נאָמען סמיט האָט זיך דער-קלערט פאַר אַ נביא און האָט געבראַכט פאַר זײנע חסידים די מאָר-מאָנישע תורה. די קריסטלעכע פאַנאַטיקער האָבן אים און זײנע אָנ-הענגער אַרױסגעטריבן פון די מזרח-שטאַטן און פאַריאָגט זײ ביז צו דער יעמאָלטיקער װילדער יוטאַ, װאָס אין די בערג אין מערב-זײט. דאָרטן איז אַ נס געשען: די מאָרמאָנען מיט זײער צע-היצטן געדאַנק האָבן דאָרטן אַנטדעקט אין יוטאַ אַ צװײטע ארץ-ישראל. דער עיקר האָבן זײ געפונען די פּאַרטאַפּלונג פון ים-המלח. זײ האָבן נישט װײט פון דעם געזאַלצענעם ים געפונען אַ זיס װאַסער, ענלעך צום ים-כנרת, און אײך דעם ירדן האָבן זײ דאָרטן געפונען, װאָס פליסט אַרױס פון דעם כנרת און גײט זײן װעג ביז צום ים-המלח. דאָרטן, אין יוטאַ, איז אױך פאַראַן דער באַרג ציון און צום סוף האָט דער נביא סמיט דאָרט אַנטדעקט אַ פּאָר לוחות מיט די עשרת-הדברות...

יאָ, עס טרעפן װילדע חידושים אױף דער װעלט; נאָר גע-װענדט, אױף װיפל דער מענטש האָט נאָך צײט צו לאָזן פרײ זײן דמיון. און װער זאָגט נאָך, אַז דער דמיון הײבט גאָר אָן צו דרעמלען און הײבט אָן צו שפּינען אַ חלום — יעמאָלט זוכט די װירקלעכקײט אַ באַהעלטעניש אונטער די חורבות פון אַלטע דער-פאַרונגען...

* * *

טויטער ים, צו נעוואַלצענער ים — — —

איצטער האָט מען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און פון יענער געגנט אַראָפּגעריסן די ראָמאַנטישקייט. עס זיצן שוין אַ צייט ביים ברעג פון טויטן ים כעמיקער און וועגן און מעסטן די פליסיקייט פון ים. מען טיילט כעמיש פונאַנדער אַלע זיינע עלעמענטן און מען חשבונט, וויפל מיליאָנען אָדער ביליאָנען עס וועלן אַריינטראָגן אַלע כעמישע שטאָפן, וואָס געפינען זיך אין טויטן ים. ווי לעבעדיק עס אַרבעט דער דמיון ביי די, וואָס שלאָפן נישט אין היינטיקן דור און וואָס ווייסן אַפילו דעם נוצן פון יעדן רעגנטראָפּן, אויב מען ווייסט נאָר צו פאַרצאַמען זיין וועג!

אַזוי וועט מסתמא קומען אַ צייט, ווען דער ירדן וועט זיך שוין מער נישט פאַרעפּטן מיטן טויטן ים און נישט ברענגען פון צפון־זייט אַהער זיין וואַסער־איבערפלוס. נישט ברענגען מער קיין לעבעדיקע פיש דעם טויטן ים אַ מתנה, וואו די פיש זאָלן דערשטיקט ווערן אין די שאַרפע מינעראַלן. אויך צו דעם וועט קומען אַ סוף, ווען מען וועט דעם ירדן מעכאַניש פאַרקירעווען און אָנווייזן אים אַ וועג, וואָס זאָל פירן צו תבואה־פעלדער און פרוכט־גערטענער.

דאָ ערגעץ זיינען די ייִדן אַריבער דעם ירדן. פאַר ישראלס טריט האָט זיך דער ירדן דערשראָקן און „פאַרקירעוועט אויף צוריק". איצטער האָבן זיך ווידער די בני־ישראל גענומען צו אים און קלייבן זיך אים צו פאַרשטעלן דעם וועג, אַז מער זאָלן זיינע וואַסערן נישט דערגרייכן צו די ברעגעס פון טויטן ים.

*   *
*

שיין איז די נאַטור דאָרט, וואו לעבן און טויט באַגעגענען זיך. מדבר און אָאַזיס. דאָס איז אויך פאַרן וואַנדערער אַ סוד. און דאָ, אַרום ים־המלח, האָט די האַנט פון רחמים אָנגעצייכנט איר וועג פון לעבן. די קאַלטע, זיסע קוואַלן האָבן פון דער טיף דערגרייכט צום איבערפלאַך.

נאָך אין יענע צייטן, ווען ארץ־ישראל איז געווען צעטיילט אויף אַזויפיל מלוכות, וויפל בערג און בערגלעך, דאָס לאַנד פאַר־

מאַגט; וויפל טאָלן און פעלזנשפּאַלטן ארץ-ישראל פאַרמאָגט — אין יענער צייט, איז אַרום ים-המלח, אין ירדן-טאָל, געווען אַ קיניגרייך, אַרום יעדן פרישן קוואַל. אַזוי האָט פון די אַלטע צייטן אָן געשמט דער אָאַזיס אין ירחו. אַזוי איז געווען באַרימט דער אָאַזיס פון עין-גדי און באַזונגען געוואָרן אין די שיר-השירים-לידער.

ירחו איז נאָך איצטער דער גרויסער אָאַזיס. פון ווייטן וואַרפט זיך אין די אויגן דער טיף-שווערער גרין, וואָס רייסט פונאַנדער דעם קאַלכיקן בליאַסק פון מדבּרדיקן, אויסגעברענטן טאָל. אַזוי האָט עס געווים אויסגעזען מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די גרינקייט האָט פון ווייטן געצויגן יהושען מיט די יידישע שבטים צו באַלאַגערן די שטאָט ירחו. אויך אַהין האָט מען געשיקט מרגלים אויסצופאָרשן, וואו-אַיין און וואו-אויס. און יעמאָלט האָט אַ זונה, אַ קינד פון ירחו, פאַרראַטן איר פאָלק און איבערגעגעבן איר לאַנד צום פאָלק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון די מואָב-בערג. יענע אַלטע ירחו האָט מען נישט לאַנג אויסגעגראָבן. אויפגעדעקט טיילן פון דעם מויער אַרום שטאָט, אַנטדעקט הייזער און גאַסן. איז טאַקע מקוים געוואָרן די קללה פון יהושע, אַז „פאַרשאָלטן זאָל ווערן אויף אייביק דער, וואָס וועט אויפשטיין און נאָך אַמאָל אויפבויען ירחו?"

ניין, אויף די קוואַלן, וואָס שלאָגן פון דער ערד, האָט די קללה נישט געהאַט קיין שליטה. פונקט איצטער, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק, הענגען שווער אַראָפּ די בינט מייטלען פון צווישן די לולבים אין די טייטל-פּאַלמען. פעטע, זיסע, זאַפטיקע טייטל-בינט הענגען די איינוואוינער פון ירחו אַרום פאַרן רייזנדער, און קיינער איז גאָרנישט חושד, אַז אַ קללה ליגט אין דער זיסקייט. צוליב אַזעלכע טייטלען אַליין האָט געלוינט צו גרינדן אַ קיניגרייך און פון אַזוינע טייטלען אַליין, אַז מען האָט זיך צו זאַט מיט זיי אָנגעגעסן, האָט געקענט אַרומכאַפּן הענ לייכטזיניקער טאָכטער פון ירחו אַ חשק צו פאַרבאָרגן בּיי זיך די יידישע מרגלים, ווען זיי זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו ירחו און זיך געלאָבט מיט ירחוס זיסקייט, אינאיינעם מיט די בינען, וואָס שווייבלען אַרום.

און אויך די ווינטערדיבן, זיסע אַזוינע, ווי איצטער אַזוי גאָר אַמאָל, האָבן זיך דאָ פֿריער, ווי אומעטום, אויסגעצייטיקט און נאָך אײדער מען האָט זייער זאַפֿט אין קעלטער אויסגעטראָטן, האָט שוין דער ריח אַליין געשיכּורט.

איצטער איז יריחו באַפֿעלקערט מיט בעדויִנער, מיט זאַטע, קרעפֿטיקע פֿרויען און אויסגעטריקנטע מענער. טונקלהויטיקע זייַנען דאָ די מענער און טונקלהויטיק זייַנען די פֿרויען און דעריבער זייַנען די ווייסלען אַרום די שוואַרצלען פֿון אויג נאָך ווייסער ווי ווייס; און דעריבער זייַנען די ציינער נאָך בלאַסער צווישן די גליִענדיקע ליפּן. עס האָט זיך אַנטקעגן מיר אַנידערגעשטעלט אַ שווערע בעדויִנערין, אָנגעטאָן אין איר גרוי־שוואַרץ מיט ווייסע פּאַסן, לאַנגער קלייד, ביז צו דער ערד. זעט אויס צו זייַן די „יפֿת־תּואר" פֿון יריחו און וואַרט, אַז די דורכפֿאָרער זאָלן זיך שפּיגלען אין אירע שוואַרצאַפּלען. גייט אַרום מיט די פּעך־שוואַרצע און גלאַנציקע האָר צעוואָרפֿן אויפֿן פּלייצע. פֿון פֿרי ביז נאַכט טראָגט זי אַרום אויפֿן מאַרק איר גרויסאַרטיקייט און וואַרט, מען זאָל זי פֿאָטאָגראַפֿירן. מאַכט פֿריער דעם אָנשטעל, כּלומרשט, אַז זי האָט מורא פֿאַר אַ פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט, נאָך פֿאַר אַ פּאָר פּיאַסטער טוט זיך פֿון איר אָפּ דער פּחד און זי איז גרייט מיט אײַך זיך צו לאָזן אין וועג אַרייַן:

— אַ גלייַדשוועסטערקינד אַוודאי פֿון יענער שייִנער רחב, וואָס האָט בייַ זיך אויפֿן דאַך פֿאַרראַטן איר פֿאָלק.

דאָס וואַסער איז געשמאַק און קאַלט אין יריחו. און מסתּמא קען אַזאַ וואַסער אויך אַרומוואַשן ריין אַ פּנים און הענט און קען דאָס גאַנצע לעבן אויסבאָדן. פֿונדעסטוועגן איז יריחו אַ מוסטער פֿון קלעפּעדיקער בלאָטיקייט. און ווייל אַלץ, וואָס עס וואַקסט דאָ, אין דעם טראָפּישן אַוויר, איז האָניקדיק זיס און ווייל די מענטשן, זייער פּנים און זייער הויט פֿון די הענט איז פֿאַרצוקערט זיס — דעריבער קיניגן דאָ די פֿליגן אומעטום, וואו איר ווילט. בייַ די קינדער אין די ווינקלען אויגן און בייַ די ווינקלען פֿון מויל זיצן בינטלעך פֿליגן און אַזוי אויף די הענט און אויפֿן גאַנצן לעבן.

איך בין משער, אַז דער מענטש האָט דאָ הנאה פון דער קלעפּע־דיקער זיסקייט.

* * *

איך האָב מיר אײַנגעקויפט אַ בינטל טייטלען און עטלעכע שווערע הענגלען ווײַנטרויבן און זיך אַוועקגעלאָזן קלעטערן באַרג־אַרויף, וואו מען האָט געמאַכט די אויסגראָבונגען און געזוכט די איבערבלײַבעכצן פון אַלט־יריחו. אַרום האַלבן טאָג, אין אַ זו־מער־טאָג, איז דאָ די היץ אומרחמנותדיק. ממש סכנות־נפשות אַזוי אין דער אָפנקייט צו זיצן.

עס האָט אָבער דאָך אַרומגעכאַפּט אַזאַ ווייטער, אומבאַקאַנטער געפיל, זיצנדיק אויף די חורבות פון יריחו מיט דעם בליק גע־ווענדט צו די מואָב־בערג. אַזוי פיל האָב איך זיך אומגעוואַלגערט איבער דער וועלט די לעצטע יאָרן. איך האָב גענוג פאַרבראַכט אין מדבר און גענוג מאָל זיך צוגעהערט, ווי די טראָפּנס שווייס קייקלען זיך איבער דער נאַקעטער פּלייצע און פאַרקייקלען זיך אַוש ביז אין די שיך אַרײַן — — — און אין ערגעץ האָבן זיך אַזוי מײַנע מחשבות נישט אַרײַנגעשניטן אין אייגענעם טרויער אַרײַן, ווי דאָס מאָל אויף די חורבות פון אַלט־יריחו.

איך האָב פּלעגמאַטיש געריסן טרויב נאָך טרויב פון הענגל, וואָס בײַ מיר אין האַנט, און מיטן זאַפט געלאָשן דעם דאָרשט, וואָס האָט ממש געגליט אין מיר, און מיר האָט זיך אײַנגערעדט, אַז די מואָב־בערג רוקן זיך נעענטער צו מיר, דערנענטערן זיך און בויגן זיך אַראָפּ, איך זאָל קענען אַריבערבליקן און זען די איבערשטע פּלאַכן. דאַכט מיר, אַז איך דערקען די באָרוועסע טריט פון אונזערע אַמאָליקע וואָגלער, וואָס צום אָאַזיס דאָ צופוסנס האָט עס זיי געצויגן און וואָס דער געפיל פון הערשן און באַהערשן איז יעמאָלט געוואָרן אַ חלום פון די וואָגלער.

אַ שטימע פרעגט מיר און איך דערקען נישט, פון וואַנען די שטימע קומט, צי פון מזרח־זייט ירדן, אָדער מערב־זייט. נאָר אַליין איינס. די שטימע פרעגט:

„פאַרוואָס זינגסטו נישט, ווי יענער בעל=חלומות בלעם, וועמען בלק, דער מלך פון מואָב, האָט באַצאָלט, ער זאָל שעלטן דאָס פאָלק פון די וואָגלער און ער, בלעם, דער בעל=חלומות, ווען ער האָט דערזען פון ווייטן די יידישע מחנות און זייערע געצעלטן, האָט ער גאָר אויסגערופן: „ווי גוט עס זיינען דיינע געצעלטן, יעקב! — —"

איך, נאָך איצטער זעט דאָס קליינע לאַנד אויס גרעסער, ווי גרויס, און גרעסער ווי גרויס זעט אויס יעדער ייד, וואָס קומט אַריבער קיין ארץ=ישראל און ברענגט מיט זיך אַ הייפּעלע זריעה צו פאַרזייען עס אַרום אַ קוואַל. און דאָ, זיצנדיק אויף די חורבות פון דער אַמאָליקער יריחו, זיינען מיר געקומען אויפן זינען די ווערטער פון אַ יידן=פיינטלעכן ענגלענדער. אין אינדיע איז דאָס געווען, אין די הימאַלאַיער בערג, אַריבער צען טויזנט פוס הייך, און דווקא דאָרטן האָט ער מיר געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן:

— איך האָב מורא, אַז די קומענדיקע וועלט=מלחמה וועט זיין צוליב דעם, וואָס די יידן האָבן זיך אונטערגענומען אויפצובויען ארץ=ישראל...

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך עס נישט באַגריפן. כאָטש דאָס האָט מיר געזאָגט אַן ענגלענדער. נאָר פאַרוואָס איז דאָס מיר אויפן רעיון געקומען אינאיינעם מיט בלעמס ברכה? און דווקא יעמאָלט, ווען איך האָב געלאָשן מיין דאָרשט מיט יריחוס ווייַנטרויבן?

אָבער ארץ=ישראל איז דאָך נאָך אַלץ אַ לאַנד, וואו חלום און וואָר גייען אַזוי נאָענט איינס לעבן אַנדערן, ווי נאָענט עס גרענעצן זיך די זיסע וואַסערן פון ירדן מיט דער סם=המוותדיקער פליסקייט פון טויטן ים. ווי נאָענט עס דערנעענטערט זיך דער מדבר צו דעם יריחו=אָאַזיס צו לעשן זיינע טרוקענע ליפּן אין קאַלטן קוואַל...

בית=לחם.

שיין איז דער וועג פון ירושלים קיין בית=לחם. נאָטורשאַפער קאַפּריז איז דאָ בולט: באַרג און טאָל געקניפּט אין ענגשאַפט. לויטער=בלויער הימל בויגט זיך איבער באַרג און טאָל. אַהער האָט עס געצויגן דעם דורכגייער. דער וועג צווישן די בערג איז אַן אוראַלטער. דורות האָבן אים נישט אָפּגעווישט. טריט זיינען נישט מיד געוואָרן אים לעבעדיק צו האַלטן. קעמל און אייזל ציען זיך דאָ פון אַלטע צייטן אין אַ ברוין=גרויען שנור, און די יהודה=בערג, און די בית=לחם=דערהייבונגען פון ביידע זייטן וועג זיינען גאָטספּאָרכטיק און שאַלקהאַפטיק.

שיין איז דער וועג קיין בית=לחם. ווייל דאָ בענטשט די ערד דער פויער מיט זיין מי: „די הויז פון ברויט...“ עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער פויער איז נישט אונזערער. טעראַסן פאַרקלייבן זיך באַרג=אַרויף און הויכן אַרויס דעם זאַפטיקן גרין צום הייסן טאָג אַרויס. ווייץ און ווייַנטרויבן, אייַלבערט און פייַגנבוים פאַרווייכן די שאַרפע קאָנטורן פון דער געגנט.

דאָ בויערט די ערד די קריסטלעכע רעליגיע שוין אַריבער ניינצן הונדערט יאָר. מיט ווייסע טיכער אויף דעם הויכן, אויפגעטורעמטן קאָפּ האָר, האַלב=באַרעמהאַרציק, מיט פאַרהלשטן מזרח=פייער אין בלוט, אַזוי גייען אום אין דער געגנט פאַרקריסטלטע אַראַבישע פרויען. בית=לחמער שטיינער. דאָס גיט נישט צו קיין חן דער געגנט. ווייל די אַראַבערין מיט אירע אָנגעקראַנצטע מטבעות איבערן פנים, ווען זי קומט אָן צו רייטן אויף אַ קעמל מיט דעם דאָזיקן וועג, וואָס פירט פון בית=לחם קיין ירושלים — זי פּאַסט זיך בעסער פאַר דער געגנט.

די בערג טראָגן אויף די אַקסלען אַראַבישע דערפער. און דעם וועג האָט פרומקייט פאַרשלייערט. די קריסטלעכע מענטשנוועלט שטויבט

זיך אין דעם שטויב, וואָס נאָכמיטאָגדיקער ווינט הייבט אויף פון אוראַלטן וועג. טוריסטן מיט פאַרשייטן אימפּעט טראָגן זיך דאָ הין און צוריק מיטן וועג פון ירושלים קיין בית-לחם. דער לאַנדשאַפט מאַניעט אַראָפּ פון וועג. אַלץ איז דאָ פון ביידע זייטן שליאַך אַלט און ניי. אַלטער אײלבערטבוים גיט אויך מיט יעדן יאָר־פאַרגאַנג זיין גרינעם, ביטערן אײלבערט. און דער ברוין-גרויער קעמל, ווי אין די אַלטע צייטן, טרעט איצטער אויך דעם וועג, און ווער ווייסט עס זאָגן אויף אַ קעמל אין ארץ-ישראל, אַז ער איז נישט קיין ניינצן הונדערט יאָר אַלט? ער, דער קעמל, מיט זיין שטילשווייגן ווייסט אויך פון דעם דאָזיקן שליאַך צו דערציילן.

עטלעכע מאָל בין איך געווען מיטן וועג קיין בית-לחם און האָב פאַרנומען די אומרויִקייט אין מיין געמיט. דאָ האָט יידישער סענטימענט געליטן. די יידישע אמונה האָט דאָ דעם קאַמף אָנגענומען און איז געבליבן מיד. כאָטש דער נ ו צ ר י שטאַמט פון נ צ ר ת, דאָרטן האָט דער שטילער וואָלקאַן זיין לאַווע אַראָפּגעגאָסן פון די נצרת-בערג — נאָר די קריסטלעכע ליידנשאַפט איז איצטער אַרום בית-לחם, און נישט אין נצרת. וויל דוד המלך איז געבוירן געוואָרן אין בית-לחם, וואָס אין יהודה, דעריבער האָט מען קיין בית-לחם אַריבערגעטראָגן די וויג פון נוצרי. קיינער חידושט זיך נישט אויף דעם, ווי עס חידושט זיך נישט דער קעמל, ווען ער שפּרייזט פאַרביי בית-לחם מיט זיינע ברייט-וייכע טריט; ווי עס חידושן זיך נישט די בערג אַרום בית-לחם, וואָס האָבן נאָך געהערט שפּילן אויף זיין לירע דעם יידישן פּאַסטעך און מלך דוד...

* * *

דעם יידנס זכרון איז אויסגעבלייכט געוואָרן און דווקא צו די קברים, וואו עס רוען די ביינער פון די סאַמע גרויסע אונזערע — דווקא צו זיי האָט זיין זכרון געפעלשט. ארץ-ישראל איז געווען מולדיק פאַר די, וואָס האָבן שטייענדיק אויף פאַלעסטינעס שטויביקער בינע מיטן קאָפּ דורכגעריסן די הימלען און אַוועקגעפלויגן. עס ווייסן די מאַכמעדאַנער, וואו דעם גרייטן נביאס פוסטריט האָבן צום לעצטן מאָל די שטויביקע ערד אָנגערירט. און עס

ווייסן די קריסטן צו ציילן אין ארץ־ישראל איעדן אָרט, וואו דער מאַן פון נצרת האָט אַ מחשבה אָנגעוואָרן.

מיר יידן האָבן שוין אַ סך פאַרגעסן און די פאַנטאַזיע וויל עס נישט באַנייען. ביי אונז ווייסט מען נישט, וואו עס רוען די ביינער פון די אַלע, וואָס האָבן גאָר אַ סך אַריינגעזאָגט אין דעם חלל פון די צייטן:

„און קיין מענטש האָט נישט געוואוסט, וואו זיין קבורה איז ביז צום היינטיקן טאָג...“

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף משהן, וואָס האָט באַפוילן צו בויען דעם אייער פון איעדן קנעכט, וואָס האָט צופיל ליב געהאַט זיין האַר.

און דער נביא, וואָס האָט צוגעזאָגט, אַז „אַ טאָג וועט קומען און אַ קעלבעלע וועט שלאָפן זייט ביי זייט מיט אַ בערעלע, און אַ לייב וועט, מישטיינס־געזאָגט, קייען שטרוי — — — מען וועט נישט טאָן קיין שלעכטס און עס וועט נישט געשען קיין פאַרדאַרבונג אויף דעם הייליקן באַרג — — —“ ווער ווייסט, וואו עס איז דער קבר פון נביא ישעיה?

גוט אַזוי. וואָרעם צופיל הייליקע קברים וואָלטן מיר געהאַט. גוט אַזוי, וואָס דווקא אונזערע גרעסטע און שענסטע האָבן זיך נאָכן טויט אויסבאַהאַלטן פון מענטשנס הילפלאָזיקייט אין פון זיין גרויסער קליינלעכקייט.

נאָר זיי, די קריסטן, זיי ציען אַהער קיין ארץ־ישראל שורות־וויז. ביי זיי איז אַלץ קלאָר פאַרצייכנט. די אומות העולם האָבן דעם זכרון אַהער אַריבערגעטראָגן. ביי יעדן הייליקן אָרט וועט איך אַ מאָנאַך מיט דער גרעסטער פשטות דערציילן פון יעדן און יעדן טראָט, וואָס אַ הייליקער האָט געמאַכט. זיי האָבן זיך צוגעטוליעט צו אונזערע חורבות, צו אונזערע קברים. אַ קאַלטער דמיון אַרבעט דאָ פלעגמאַטיש. זיי האָבן די שיריים פון אונזער זכרון אָפּגעראַטעוועט און מיט אַזאַ איפּערזוכט, מיט אַ גרינעם פייערל אין די אויגן שטעכן זיי דורך, בעת איינער פון אונז דערנעענטערט זיך צו „זייערע“ הייליקע קברים.

די מאַכמעדאַנער האָבן בײַ אונז פֿאַרכאַפּט דעם אבן־השתיה, האָבן פֿאַרכאַפּט די קברים פֿון די אָבות. נאָר צו בית־לחם האָט זיך דאָס קריסטלעכע האַרץ צוגעזויגן, אױש צעבלוטיקט דאָס האַרץ אין אַ רגע פֿון עקסטאַז!

* * *

עס איז מיר אַריבער אַ סקרוך איבערן לײַב, אַז איך האָב זיך דערנעענטערט צו אונזערע־פֿרעמדע הײליקײטן, צו אונזערע גע־דאַנקען־חורבות און גלאַט אַזוי תּרבות. מיר האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז יעדעס שטיבעלע, װאָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו מײַן טראָט, שרײַט:

„װער ביסטו אַזאַ אײנער, װאָס דו טרעטסט מיך מיט דײַן זינ־דיקן טראָט? דײַן פֿאָלק האָט קײן זכות נישט אױף ארץ־ישׂראלס שטױב!“

אָ, נײן, װינציקער פֿון אַלץ האָב איך געהאַט אין זינען צו שפּירן מיט מײַן װעזן די הײליקײט אין ארץ־ישׂראל. איך האָב אין ארץ־ישׂראל געװאָלט מײַחד זײַן מײַן אָטעם מיט דעם אָטעם פֿון מאַמע ערד; שפּירן איר פֿולם און בײזע מוטערלעכקײט. אַ בלישטשעדיקעס שטײנדל קען אױף מיר נישט אָנװאַרפֿן זײַן כּישוף מער: אַ גרין פֿאַסיקל ערד, אַ צעאַקערטס, אַ פֿאַרװײטס און אױס־געגאַנגענס אין די שװער־פֿאַרהאָרעװעטע הענט דערבײַ — האָט פֿון מאַן, פֿרױ און קינד — אַלץ װאָלט איך איצטער פֿאַר דעם אַװעק־געגעבן! און דאַכט מיר, אַז אױך די בערג פֿון בײדע זײַטן בית־לחם־װעג ענטפֿערן אױף מײַן געדאַנק.

װאָס קענען איצטער רײדן צו מײַן געמיט קברים הײליקע? בפֿרט, אַז אונזער יסורים־װעג איז גאָר זײערע געװאָרן; אונ־זער פֿאַרגאָסן בלוט איז געװאָרן זײער הײליקײט. די קריסטן װאָלטן דאָ אַלץ פֿאַרנומען מיט זיך און אונטערגעבעט מיט דעם די סענטי־מענטן. יענע אױסגעװײנטע, אָדער אױסגעטרערטע אױגן פֿון דער הײ־ליקער מוטער — אָ, װי זײ פֿאַרפֿאָלגן אומעטום! דעם נוצרים פֿאַר־טראַכטקײט גלײט אין אַלע זומערדיקע זאַמדן. װאַײל איז דאָ אין ארץ־ישׂראל דעם באָקסערבױם, צי דעם פֿײַגנבױם, װאָס פֿאַרשטײען

נישט מער, ווי צו געבן אין צייט זייערע פירות, און וואָס אַפילו אין קאָלכשטיין האָט זייער וואָרצל געפונען חיונה.

וואָס זוכן נאָך די וועלט-פאַנאַטיקער אין ארץ-ישראלס וואַקער פאַרחלומטקייט? בית-לחם און נצרת זיינען ווייט איינס פון אַנדערן. בית-לחם איז אין יהודה און נצרת — אין די גליל-בערג. נאָר די הייליקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון דעם פויערים-לאַנד צו די שטאָלצע יהודה-בערג. אין בית-לחם ווייזט מען אָן דעם אָרט, וואו זיין וויג איז געשטאַנען. מען ווייזט אָן אין וואַנט פון דער טיף-געוועלבטער קירך דעם אָפדרוק פון מרימס האַנט, ווען די האָט זיך אין פעלז אָנגעשפּאַרט, דערשפּירנדיק אירע ווייען. מען דערקענט אויפן פעלז אַלע פינגער-צייכנס אירע. דער מאָנאַך, וואָס דערציילט עס מיר, פּרוּווט אויס מיין פּנים מיט זיין נאַיוו-ביטערן שמייכעלע און מיט דעם בליק וויל ער איבערצייגן און ער פרעגט:

— צי דערקענסטו נישט דעם אָפדרוק אין וואַנט? דערקענסטו נישט די צייכנס פון פרויען-פינגער?

— יאָ, איך דערקען; ווייכער פעלז, האַרטע פינגער...

* * *

איבער גאָר דער וועלט איז די רעליגיעזע קאָנקורענץ ברייט, ווי די וועלט. יעדע אָפּצווייגונג פון קריסטלעכן מקור האָט פאַר זיך פריי דעם גאַנצן כדור-העולם. געגוג אָרט פאַרהאַן פאַר קאַטוילישע און פראָטעסטאַנטישע קירכעס, פאַר לוטעראַנער, אָדער אָרטאָדאָקסיש-גריכישע. אָבער דאָ, אין בית-לחם, אויף דעם אָרט, וואו דער דערלייזער איז געבוירן געוואָרן — איין קירך און נישט מער; האָט זיך די גאַנצע רעליגיעזע קאָנקורענץ אין איין בנין אַריינגעקליבן.

צעשניטן איז די קירך אויף שטיקער. גיכער וואָלט עס הייסן — צעריסן אויף שטיקער. אין יעדן ווינקל אַ באַזונדערער עמוד; ביי יעדן עמוד — אַנדערע צערעמאָניעס; אַנדערע תפילות און אַנדערע בעלי-תפילות. נאָר די ליכט, וואָס ברענען, רויכערן אויף איין אופן, אָבער די תפילות גייען דורך באַזונדערע טיר און פענסטער.

קאַטוילישער אָטעם האָט פאַרכאַפּט דעם עיקר בנין. דערנאָך קומט די גריכיש=אָרטאָדאָקסישע שווערע פרומקייט. די אייגענע פּאָפּעס, וואָס האָבן אין רוסלאַנד גערויכערט ווייהרויך, די אייגענע בערד און לאַנגע האָר. די אייגענע טאָגעס און די אייגענע זאַטקייט. אין די ווינקלען טוליען זיך פאַרשטויסן די מער וואָכעדיקע און האַלב=אַפּיקורסיש=פּראָטעסטאַנטישע דאַוונער מיט זייערע בעלי=תפילות. זיצן בית=לחם=פרויען אין די ווייסע טיכער, זיצן פאַרטליווערט און אָטעמען די שווערע וואַרעמקייט, וואָס ציט פון דעם וואַלד אָנגעצונדענע ליכט; טראָגן אַריין ליידנשאַפט אין דער קאַטוילישער אַטמאָספערע.

פנימער פאַרגאַפטע, פון דעם גרוי=אָפּגעריסענעם פויער ביז צום אַמעריקאַנער אויפגעקומענעם טוריסט, פון דעם הינטוועלטיקן, ביז צו די מזרח=קריסטן, וואָס קומען פון ווייט אַהער מיט קינד און קייט און שמאַטעס — אַלע נישטערן און זוכן דערלייזונג. אַלע אויגן זויגן שטראַלן פון די טונקעלע ווינקלען אַרויס.

דאָ, אויף דעם געבורטס=אָרט פון דערלייזער, וואָס האָט פרידן אַרויסגעטראָגט טויק אויף די ליפּן פון דער וועלט, דאָ פרישט אָפּ די וועלט איר פאַרחלשטן האַס צו אַלע, אַלע, וואָס האָבן דעם „דערלייזער געפּייניקט"; צו אַלע, אַלע, וואָס האָבן זיין בלוט פאַרגאָסן און וואָס האָבן אים צום קרייץ צוגענאָגלט.

* * *

שיין איז דער וועג, וואָס פירט פון ירושלים קיין בית=לחם. באַגיינען זינגט די גרינע בערגיקייט איר אייגענעם געזאַנג און דערציילט פון צייטן, ווען געפליגלטע רייד זיינען אינאיינעם מיט פייגל צווישן די=אָ בערג געפלויגן פון ביידע זייטן וועג. דאָ און דאָרטן אַ ווייַנגאָרטן. קלערט זיך: אַוודאי איז דאָך עס די אייגענע ערד, וואָס האָט דעם טרויב מיט דעם כישוף=זאַפט אָנגעגאָסן צו פאַרבן רויט די באַקן פון די דורות.

אַפילו אַזאַ טרויערער, ווי ירמיהו, האָט נאָך געפונען גענוג זינגענדיקע הבטחות:

„אָ, דו װעסט נאָך אָנטאָן דײַנע פּײקלעך און אַרױסגײן אין אַ פֿרײלעכן טאַנץ — — —"

דאָ, אין בית-לחם, האָט מסתמא דער װײַן געטריפט פֿון פֿעלז. דער װעג איז אַ רעדעװדיקער. מענטשן גײען דאָ און פֿאָרן פֿאַרבײַ. ירושלים קוקט אַפֿיר פֿון װײַטנס צום בלאַסן שליאַך. דאָ װײסן קװאַלן אױך צו דערצײלן, װער און װאָס עס האָט זײַנע פֿאַרברענטע ליפּן אין זײ געלאָשן און װאָס פֿאַר אַ מײדל עס האָט דאָ, אין דער פֿאַרנאַכטיקער, קורץ-אָטעמדיקער שעה, אַרױסגעגאַנגען אַרײַנצוהױכן איר בענקשאַפֿט צו די בערג.

דאָ, אין דער געגנט, האָט דער יונגער דוד אױך געקענט זינגען, אַז אױף די בערג האַלטן זיך אױף די װאַסערן... „און עס גײען די װאַסער-בעכן אַװעק צװישן די בערג, אָנצוטרינקען דעם דאָרשט פֿון די װילדע". אַ פֿײַער האָט דאָ געברענט אין געמיט פֿון ישׂראלס קינדער אין די אַלטע צײַטן, אַז די ליפּן האָבן זיך גערױכערט. די טריט פֿון נוצרי האָט מען פֿון גליל אַהער אַריבערגעפֿירט, זײַן הײסן גליל-אָטעם אַהער אַריבערגעבראַכט.

פֿון בית-לחם ביז צו ירושלים, ריפּ צו ריפּ שלײַסן זיך די בערג און צװישן זײ — דער װעג קײן בית-לחם. אױף דעם דאָזיקן װעג האָבן אין אַ פֿאַרנאַכטיקער שעה מײַנע פֿאַרטריקנטע ליפּן געשעפּטשעט און זיך אַלײן געפֿרעגט:

— אַזױ פֿרײַ האָסטו זיך געשפּירט אין אינדיעס װילד-װאַלד און פֿאַרװאָס ביסטו דאָ געװאָרן אַ פֿאַרװאָגלטער פֿױגל, װאָס זוכט אַ צװײַג און קען נישט געפֿינען?

טרױעריק-שײן איז דער װעג, װאָס גײט פֿון ירושלים קײן בית-לחם. בײַם זײַט װעג זיצן דורות, דאָס פּנים אין די קני באַגראָבן.

שכם און די שומרונים.

מיין פריינט יהושע גאָרדאָן, וואָס קען זייער גוט ארץ־ישראל, איז געווען מיין באַגלייטער די ערשטע פיר טעג פון מיין רייזע איבערן לאַנד. יעמאָלט האָט ער פאַר מיר אַ בלעטער־געטאָן דעם תנ"ך, בעתן פאָרן. און שכם האָט די נאַטור אַליין אַ פּאַך גע־טאָן אויף מיר מיט אַ קאַלט ווינטל. מיך האָט אַרומגענומען אַ געוויסע אומרויִקייט. יהושע גאָרדאָן האָט באַמערקט אין דער שטיל, — ווען מיר זיינען אַריין אין שטאָט:

— זייער נישט פריינדלעך צו אונז, יידן, זיינען אָט די אַלע יוסטע באַלעבאַטים, וואָס שפּאַצירן איצטער אין די גאַסן. דאָ פּרוב־פּערט זיך דער אַנטאַגאָניזם צום יידישן ישוב.

דאָס האָט מיטגעהאָלפן, אַז דורך אַ פאַרגעפלטקייט זאָל איך אַרויסזען שכם און די אומגעגנט. איך האָב געפילט מיין חוב צו באַזוכן שכם נאָך אַמאָל און אַליין פאַר זיך, ביחידות, אַפּדעקן דעם שלייער, וואָס ליגט אויף דער געגנט. דערווייל האָט דאָס לאַנד געליטן פון ערד־ציטערניש און שכם איז געווען איפן שוועל פון גאַנצן אונטערגאַנג. שכם איז צום שטאַרקסטן צעטרייסלט גע־וואָרן. און קלאַנגען זיינען אַרומגעגאַנגען, אַז די שכמער לייט גלויבן, אַז דאָס האָט זיי אַללאַ אַזוי ביטער באַשטראָפט פאַר דער שנאה צו יידן. אָבער האָבן יידן אין צייט פון אומגליק אַרויסגעוויזן גרויס באַרעמהאַרציקייט צו דער געליטענער שכם. געשיקט זיי ברויט, געלט און חלוצים צו ראַטעווען די קרבנות פון אונטער די חורבות. טיילווייז האָט די ערד־ציטערניש צעשטערט מיין פּלאַן צו באַזוכן שכם נאָך אַמאָל. נישט געוואָלט זען שכם אין איר אומגליק און נידערפאַל.

מיך האָט אָבער פאָרט געצויגן פאַרן פאַרלאָזן דאָס לאַנד צו פאַרלויפן קיין שכם, און ווען איך האָב צום לעצטן מאָל באַזוכט

ירושלים, האָב איך זיך אַהין אַראָפּגעכאַפּט. עס איז מיר אויסגעקומען שפּעטלעך, נאָך האַלבן טאָג. און אויך צום צווייטן מאָל איז מיר געווען באַשערט צו שפּירן דאָס אייגענע קאַלטע ווינטל, וואָס האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן אין צייט פון מיין ערשטן באַזוך. און עס איז נישט קיין חידוש: אַ צו גרויסער שייד־וועג איז געווען שכם פאַרן יידישן מזל. וועגן און שטעגן האָבן זיך אין אַלע צייטן דורכגעקרייצט. געשעענישן האָבן זיך אַהער פאַרקייקלט. נישט נאָר שטומע עדות זיינען דער באַרג גריזים און דער באַרג עיבל, וואָס וואַכן אַרום שכם. עדות זיינען די אַלע קוואַלן אַרום שכם, וואָס זיינען נאָך נישט פאַרשטומט געוואָרן אַפילו, ווען אַבער זיי האָבן זיך געבויגן צו לעשן ליפּן דאָרשטיקע, די אין קייטן געשמידטע, וואָס האָבן מיט זיך אַרויסגעטראָגן פון לאַנד אויף אייביק די טריט פון דעם גרעסטן טייל שבטים.

* * *

דאַכט מיר, אַז קיין שום לאַנד פון אַזאַ קליינעם מאַסשטאַב, ווי ארץ־ישראל, פאַרמאָגט נישט אַזויפיל באַהעלטענישן, וואָס זאָלן קענען דינען פאַר נעסטן, וואו שבטים מיט זייערע אייגענע ליידנשאַפטן זאָלן זיך קענען אויסוואַרעמען. פאַר די שוואַכע זיינען געווען די בערג, ווייל פון די הייכן איז געווען גרינגער זיך צו באַשיצן. די שטאַרקע האָבן פאַרנומען די טאָלן, די פרוכטבאַרע; די שטאַרקע האָבן זיך באַזעצט אַרום די גרויסע קוואַלן.

דער היפּך פון ירושלים איז שכם. ירושלים איז אַ גאַנץ יאָר אָפּן פאַר דער וועלט. אויסער רעגן, וואָס קומט אין גשם־צייט, הערשט דאָרט כסדר טריקעניש. כמעט אומפאַרשטעלעך, פאַרוואָס מען האָט זיך אַזויפיל אַרומגעשלאָגן אַרום דער שטאָט ירושלים, וואָס האָט אויף די נאַקעטע שטיינער זיך באַזעצט. סיידן די געטלעכקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אויסדערוויילטע, שטייענדיק אויף די בערג אַרום; סיידן די פליגל, וואָס האָבן זיך אויסגעשניטן ביי די, וואָס האָבן געוואָלט ווייט אַריבערקוקן. און פון ירושלים קען מען ווייט אַריבערקוקן.

אַנדערש איז שכם, וואָס ליגט אין די אפרים-בערג און וואָס ווייסט נישט פון הונגער אַ קיילעכדיק יאָר; וואָס ווייסט נישט פון קיין דאָרשט אַ קיילעכדיק יאָר. רעכטס און לינקס זיינען איפּגעטורעמט בערג, דורך וואַנען עס ציט זיך דער אוראַלטער שליאַך צום ירדן און צו די לענדער אַריבער. שכם אַליין ליגט אויסגעשאָטן צופוסנס פון באַרג גריזים, דער באַרג, פון וואַנען משה האָט געהייסן בענטשן דאָס יידישע פאָלק. און אַנטקעגן ליגט שווער מיט זיין טרוקנקייט דער באַרג עיבל, פון וואַנען די קללה האָט אַראָפּגעדונערט צום פאָלק. די קוואַלן אין דער געגנט האָבן זיך קיינמאָל נישט געשראָקן פאַרן באַרג עיבל. און ווען איך בין צום צווייטן מאָל אָנגעקומען קיין שכם, האָט זיך נאָך פון מערב-זייט דורכגעריסן אַ פּאַס ליכט און איבערגעשניטן דעם וועג. אַזוי סימבאָליש זיינען געווען די זונענפלעקן אויפן קאַלכיקן שטויב פון וועג. דאָ איז דער מיטלפּונקט פון לאַנד און דער מיטלפּונקט פאַר דער יידישער האָפענונג, איצטער אַפילו.

איך האָב געטראַכט, וואָס קען אויסטאָן אַ האַנט פון פרידן אין ארץ-ישראל און וואָס פאַר אַ גן-עדן דאָ, אין די אפרים- אָדער שומרון-בערג, האָט געקענט זיין. פאַר די יידישע מלכים אַמאָל איז דאָ געווען אַ נעסט פון וואוילטאָג. אַהער זיינען געקומען די פרינצן שלמה המלכס, וואָס האָבן זיך געלערנט צו טראָגן אַ קרוין אויפן קאָפּ. דווקא דאָ האָט ביידע מאָל מיר אויסגעזען די נאַטור פיל מילדער, ווי די היסטאָריע און איר הינטערגרונט. ווייצן-פעלדער האָב איך דאָ געזען גרין און זאַפטיק אַפילו נאָך דער ערד-ציטערניש. דאָס בילד פון צעשטערונג האָט מיין מהות פאַרבונדן ווייניקער מיט ערדציטערניש — גיכער פון אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן, אַז דאָ איז געווען אַ מלחמה און מיט היינטיקע קאַנאָנען האָט מען צעשטערט די שטאָט.

אַ געוויסע צייט בין איך געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן מיין אויטאָמאָביל און נישט געפעלט ביי זיך צו לאָזן זיך איבערן שטאָט. מיר איז געווען ליבער צו זען, ווי די שאָטנס שלייכן זיך ביי די בערג-שפּיצן. נאָר דאָ איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָמאָביל, פון גליל אויפן וועג קיין ירושלים. אין אים בלויז איין פּאַסאַזשיר.

ווען ער איז אַרויס פון זיין אַווטאָמאָביל, האָט ער מיך באַמערקט און איך ווייס נישט, וואָס האָט אים צוגעצויגן צו פאַרבינדן מיט מיר אַ שמועס. ער האָט מיך באַגריסט אויף ענגליש. באַלד איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַ שטלעכטע ווערטער אין העברעיש און באַלד צוריק אויף ענגליש. גיכער פון אַלץ איז ער געווען אַ מיסיאָנער, אָדער אַ גלח איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער:

— קענסט מיר אפשר עפּעס דערציילן פון דעם דאָזיקן אָרט? האָט ער זיך צו מיר געווענדט באַלד נאָך דער באַגריסונג.

עס איז מיר געקומען אויפן זינען דער מיסיאָנער, וואָס איז צו מיר צוגעשטאַנען ביים כותל־מערבי מיט תמעוואַטע שאלות, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט וויסן דעם באַטייט פון דער טרויער־וואַנט ביי ייִדן און געפרעגט, איך זאָל אים דערקלערן, פאַרוואָס קלאָגן אַזוי די ייִדן ביי דער קאַלטער וואַנט. איך האָב חושד געווען, אַז ווען נאָר איך זוך יחידות אין ארץ־ישראל, וועט פאַר מיר פון אונטער דער ערד אַרויסקריכן אַ מיסטעריעזע פּערזאָן אין געשטאַלט פון אַ קריסטלעכן מיסיאָנער און שטעלן איבערגעשפּיצטע פראַגעס. איך האָב באַטראַכט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. פאַרטריבן מיין חשד און האָב אים געענטפערט:

איך וואָלט דיר אַ סך געקענט דערציילן פון דעם דאָזיקן אָרט, נאָר מיין שטימונג איז איצטער אַזאַ, וואָס איך פיל זיך גאָר אָנצוהייבן.

— דו ביסט דאָך אַ ייִד — זאָגט ער פּלוצלונג און מיט אַ לייכטן ציטער אין דער שטימע — דערפיל זע איך די אומרויִקייט אין דיר.

— געפעלט עס דיר?

— כע־כע־כע — איך מאָל מיר אויס, וואָס אַ ייִד באַדאַרף איבערלעבן אין דעם אָרט, וואו מיט אַ דריי טויזנט יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע צעטרייסלונג פון ייִדישן פאָלק.

— ווייסטו דאָך, געווען פון שכם, האָב איך צו אים געזאָגט, ווייסט נאָך מער פון מיר. ווייל איך ווייס נישט, אויב אַיעדער ייִד, וואָס פאָרט דורך שכם, צי טראַכט ער גאָר, אַז אים פעלן די צען

שבטים, וואָס זיינען דאָ אַרום אַרויסגעפירט געוואָרן און צעזייט געוואָרן אָן אַ שפּור...

— פאַרוואָס וויל דאָס יידישע פאָלק נישט אונטערגיין? — טוט ער מיר פלוצלונג אַ פרעג. און איך באַמערק איצטער אַ שטריך פון שנאה אַרום זיינע דינע ליפּן.

איך האָב אַ צייט געשוויגן און האָב באמת נישט געוואוסט, ווי צו רעאַגירן אויף דעם. און דווקא אין שבת איז מיר שווער געווען אין דעם דאָזיקן פאַרנאַכט זיך אַריינצולאָזן אין אַ וויכוח מיט דעם אומבאַקאַנטן איבער דעם קיום פון יידישן פאָלק. מיר איז אָבער דורכגעלאָפן אַ בליץ-שנעלער געדאַנק און איך האָב אים נישט געקענט באַהאַלטן. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— איר זייט דאָך אַליין אַ ייד, אמת? איצטער דערקען איך עס אין אייך...

האָט ער זיך פלוצלונג צעלאַכט אויפן הויכן קול. די שנאה איז פאַרשוואונדן פון זיין פנים. שנעל אַ דריק געטאָן מיין האַנט, זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און אַוועק אין דער ריכטונג קיין ירושלים...

* * *

ווי אומגעריכט עס קומען אַמאָל אָן וואָלקן אין די הייכע בעת, און ווי אומגעריכט עס קומען אָן דונערן און בליצן אין די הויכע בעת, ווי אומגעריכט עס קומען די שלאַקס רעגנס און ווי אומגעריכט די זון באַווייזט זיך און טריקנט אויף דיר די פאַרעגנטע מלבושים! וואָס האָט דער פרעמדער ייד געוואָלט פון מיר? צוליב-וואָס איז ער אָנגעקומען, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, כדי מיט אַ פרעמדער שטימע מיך פרעגן: „פאַרוואָס וויל דאָס יידישע פאָלק נישט אונטערגיין?“

אַ קינד מיט אַ פאַרשמידטן פנים פון פרישע פייגן, וואָס ער האַלט אין עסן און מיט פליגן אין די ווינקלען פון די אויגן און מיט אַ זיסן שמייכל אַזוי, איז ער צו מיר צוגעגאַנגען, אויסגעשטרעקט אַ בלאָטיק הענטל און געבעטן באַקשיש. האָב איך אים אַריינגעלייגט אַ פּיאַסטער אין האַנט. האָט ער אויסגעשטרעקט די אַנדערע

האַנט און ווידער געבעטן באַקשיש. לייג איך אים אַריין אַ פּאַסטער אין דער צווייטער האַנט און הייס אים אַראָפּטרייבן די פֿליגן פֿון די אויגן־ווינקלען. האָט ער זיך אויך צעלאַכט אויפֿן הייכן קול און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן.

אַ פּאַס ליכט איז געפֿאַלן אויפֿן באַרג עיבל און ער האָט מיט אַ געלן שמייכל זיך אַ נייג געטאָן צו מיר. איך האָב מיר דערמאָנט איינע פֿון די קללות, וואָס משה האָט אָנגעצייכנט, אַז פֿון באַרג עיבל זאָל מען אַראָפּשעלטן: „שטויב פֿון הימל וועט נידערן אָנשטאָט רעגן... און אייבערט־ביימער וועסטו האָבן אין אַלע דיינע גרענעצן און נישט דו וועסט דעם אייל פֿון זיי ציען.“

אַן אַלטע מעשה. ווער פֿון די אַמאָליקע פֿעלקער איז געווען צופֿיל געבענטשט? און אויב אַריכת־ימים, לאַנגע יאָרן, איז אַ ברכה — זיינען מיר דאָך גאָר די געבענטשטע. איצטער אויך איז שכם געבענטשט מיט אייבערט־ביימער געגנט. די אייבערטן זיינען געראָטן. אַזויפֿיל אייל — פּשוט צו באָדן זיך. אין שכם זיינען די גרויסע זייף־פֿאַבריקן. און פֿון דעם אייבערט־אייל מאַכט מען גרינלעך־געלע, פּירקאַנטיקע שווערע שטיקער זייף, וואָס דער גאַנצער מזרח וואַשט דאָס לייב מיט דעם. אַ מילדע שיינקייט ליגט דאָ אויסגעגאָסן אין דער נאַטור. נאָר נישט ווייט פֿון שכם איז דער באַרג שומרון, פֿון וואַנען מען זעט אַרום דעם מיטללענדישן ים. ליכט און שאָטן שטרייפֿן זיך אַזוי איינס אין אַנדערן. לעגענדע און ווירקלעכקייט קרייצן זיך דורך פֿאַר דיינע אויגן. דאָ קען מען אַרויסזען, אַז סיי שנאה און סיי ליבע, אַז מען פֿאַרפֿלאַנצט, גייען די וואָרצלען טיף אין שווער און די צייט קען די וואָרצלען נישט פֿאַרשעלטן. שנאה איז דאָ פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן דורך די אייגענע מלכים אין צייט פֿון ברודער־קריג. שנאה איז דאָ פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן צו די בריערס פֿון ירושלים אין אַלערליי הדרות און ביז איצטער איז די שנאה נישט אויסצוואָרצלען. די צוויי בערג, גריזים און עיבל, אָט זיינען זיי ווייט איינס פֿון אַנדערן און אָט האָבן זיי זיך דערנענטערט. געווענדט נאָר אין דעם שפּיל פֿון ליכט און שאָטן; געווענדט נאָר פֿון וואָס פֿאַר אַ זייט די זון שיינט אויף דער געגנט...

* * *

וואָס פאַר אַ סימבאָל זיינען די הונדערט אין עטלעכע צענדליק נפשות, די שומרונים, וואָס לעבן אין שכם און וואָס ווילן, אַז מען זאָל גלויבן, אַז זיי זיינען די איבערבלייבעכצן פון די עשרת־השבטים? טראַגיש איז זייער גורל. מיט זייער שטאָלצן גלויבן וועלן זיי זיך נישט אַרויסראַטעווען. אַליין אין זייער פייער טריקענען זיי צו ביסלעך אויס. און ווען אַפילו זיי וועלן זיך צונויפגיסן מיטן יידישן כלל, וועלן אויך זייערע שפּורן ווערן אָפּגעווישט. און דווקא אין שכם לעבט דער צייכן פון אונזער שוואַכקייט דאָ, און דעם הורגאַנג צווישן פעלקן, א גן־עדישע קאָרידאָר, דורך, וועלכע מען קלייבט זיך אַרויס צו די שומרונים, וואָס לעבן זייער אָפּגעזונדערט לעבן און טראָגן אויף די אַקסלען די גאווה פון אַן אַלט מזרח־פאָלק. און קומענדיק קיין ארץ־ישראל פון אינדיע, בין איך געווען איבערראַשט צו זען די שומרונים, אַז די גלייכע, הויכע, טונקלהויטיקע און שוואַרצבערדיקע מענער מיט זייערע דראָבנע פּויען. ממש ברידער זיינען זיי פון די בראַמינער, די כוהנים און שטאָלצע מענער אין אינדיע. סיי די באַנעמונג און סיי די האַנט־באַוועגונג, די שטים און פאַרבאָרגענע ליידנשאַפט אונטער דער בלאַסלעך־ברוינער הויט — אַזוי שטאַרק האָט עס מיר דערמאָנט אין אינדיע.

די שומרונים ווייסן, אַז די אויגן פון דער וועלט זיינען געווענדט צו זיי און האַלטן זיך גרויס. זיי שפּירן אין זיך דעם קיום פון דער גאַנצער יידישער אומה און מיט זייער אונטערגאַנג וועט אונטערגיין דאָס אמתע יידישע פאָלק. דערווייל זיינען זיי דאָ אין שכם אַ טאָפּלטער סימבאָל פאַר די אַלערליי טוריסטן, וואָס שלאָגן אָפּ זייערע שוועלן. פאַר איינעם איז דאָס אַ צייכן פון יידישן אונטערגאַנג און פאַר אַ צווייטן — אַ צייכן פון יידישן איבערדויער. און איך אַליין, וואָס האָב אין מיינע רייזעס שוין באַגעגנט אַלערליי יידן, האָב זיך דאָ, אין שכם, אויך נישט געחידושט צו שטאַרק, ווען דער כוהן ווייזער האָט גערעדט מיט שטאָלץ פון זייער קהילה און איז זיינע געציילטע ווערטער איז געווען די ווערדע, וואָס

זעלטן באַגעגנט מען זי בּיי אַ מערבֿ־ייִדן. זעכצן מיליאָן צעזייטע איבּער גאָר דער וועלט זיינען מיר און הונדערט מיט עטלעכע צענדליק שומרונים, דאָ, צווישן די פעלזן אין שכם... ווען מען זאָל לייגן אויפֿן וואָגשאָל די מיליאָנען פון איין זייט און די שומרונים פון דער אַנדערער זייט — וועט אַ גאַנצע וועלט וואַרטן, אַז די עטלעכע צענדליק זאָלן איבּערוועגן.

דאָ, אין שכם, אַז איך האָבּ זיך אַנידערגעשטעלט צווישן די שומרונים, צווישן די שיינע מענער, העכער פון מיר אין וואוקס, געקליידט אין זייערע לאַנגע העמדער מיט קאַפּטנס פון אויבּן — מיט די שוואַרץ־שוואַרצע בּערד — האָבּ איך מיר געשפּירט גרוי און פון טויזנטיאָריקע ווינטן אויסגעווינטיקט. פינדעסטוועגן האָבּן מיר געקלונגען פאַר'ן זינען די ווערטער פון יענעם חכם אַנוערן, וואָס האָט געזאָגט, אַז „אַ גרויסן חסד האָט הקדוש־בּרוך־הוא געטאָן מיט ייִדן, וואָס ער האָט זיי צעזייט צווישן די אומות־העולם"...

איך האָבּ געזען די צעזייטע און צעשפּרייטע איבּער אַלע וועלט־טיילן און וואָס זייער צאָל פאַרמערט זיך אויף צו־להכעיס אייגענער ענגהאַרציקייט און אויף צו־להכעיס דער אַלוועלטלעכער ענגהאַרציקייט. די שומרונים מישן זיך מיט קיינעם נישט אוים. אַפילו אונזער בּלוט איז פאַר זיי נישט גענוג ריין. די איצטיקע דורות, וואָס זיי שטעלן אויף, זיינען בּלאַסע קינדערלעך ווינציק. מיידלעך און ייִנגלעך, וואָס וואַקסן אויף די אויגן פון די טוריסטן, קוקן אַזוי גלייך אין די אויגן דעם פרעמדן, וואָס נייגט אין זייער וועלט אַריין. איך זע, אַז בּענקשאַפט פאַרציט דאָס פּנים פון זייערע יונגע פרויען, ווען די פרעמדע קומען אין גייען. נישט ווילנדיק האָט זיך געטראַכט: „אין וואָס וואָלט געווען, ווען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק באַשטייט איצטער פון הונדערט אין עטלעכע צענדליק נפשות?..."

אַ בּחור אין אַרגענטינע, אַ געבּוירענער אין די ייִדישע קאָלאָניעס, האָט מיר אַמאָל אַ פרעג געטאָן, וויפל ייִדן עס זיינען אויף דער וועלט פאַרהאַנען. און אַז איך האָבּ אים געענטפערט: „מען רעכנט, אַז פופצן אָדער זעכצן מיליאָן ייִדן זיינען פאַרהאַן

אויף דער וועלט", האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען:

— אוי ווי, אַזוי פיל ייִדן אויף דער וועלט, און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט!

און איך בין משער, אַז פון יענעם טאָג אָן האָט יענער יונג זיך אַליין דערזען אַ שטאַרקערן, אַ געזינטערן. ווייל ביז יענער צייט האָט זיך יענער אַ"עגטינער בחור אויסגעוויזן, אַז אַהינטער זיין קאָלאָניע לאָזט זיך אַראָפּ דער ייִדישער האָריזאָנט. און אַזוי איז דאָס מיט די שומרונים: אַהינטער שכם לאָזט זיך אַראָפּ דער ייִדישער האָריזאָנט. נישט דורכצוקוקן ווייטער. און דאָס נייע, באַנייטע לעבן, וואָס קומט אין קלאַפּט אין טיער פון זייער קליינער מחנה, ווירקט נאָר, אַז שטאַרקער זאָלן זיך די שומרונים באַגראָבן אין האַרטן שאָלעכץ.

און איך מוז מיר מודה זיין, אַז מיין אַנטיפּאַטיע צו חורבות, וואָס לעבט שוין לאַנג אין מיין כאַראַקטער, איז פיל בולטער געוואָרן מיט מיין איצטיקן באַזוך אין ארץ־ישראל. ווען די נאַכטיקע שעה האָט אָנגעהויבן צו פאַרשאָטענען דעם טאָל צווישן דעם באַרג גריזים און דעם באַרג עיבל, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין שכם איז דאָך געווען ערדציטערניש און איך האָב מיר געלאָזן גיין צווישן די חורבות. אַ עלטערע פרוי איז געזעסן ביי אַ חורבה און מיט אַ שטיקל בלעך האָט זי פונאַנדערגעשאַרט די צעקרישלטע ציגל און שטייקער ליים. עפּעס האָט זי פון דאָרט אַרויסגעקליבן און געלייגט אין אַ שמאַטע אַריין. דערשפּירנדיק מיין נאָענטקייט, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּלייצע צו מיר. די ערדציטערניש אין ארץ־ישראל האָב איך איבערגעלעבט. איך האָב געהערט דעם אונטערערדישן גערויש; געהערט ווי די ווענט פון מיין הויז קרעכצן און אין יענער רגע האָב איך געזען אַ וועלט, ווי זי גייט אונטער. און איצטער זיצט די אָפּגעריסענע פרוי אויף אַן אַ חרובער וועלט, זיצט מיטן פּלייצע צו מיר און מיט אַ שטיקל בלעך ריעט זי זיך אין מיסט פון איינגעפאַלענע וועלטן...

טרעפט, אַז אַ ווירבלווינט דרייט אין איין קרייז אַ שטרויעלע, הייבט עס אויף פון דער ערד און לאָזט עס פאַלן. עס טרעפט,

אַז אַ חירבלווינט כאַפּט זייער אָפט אונטער דיין גאַנצן מהות, הייבט אים אויף און לאָזט אים פאַלן. אין אַזאַ מצב בין איך זייער אָפט געווען אין ארץ-ישראל. וואָס אַ טאָג, אַן אַנדער שטימונג. און אַזוי האָט דער צווייטער באַזוך אין שכם מיך געבראַכט צו די חורבות פון איינגעפאַלענע הייזער און געזען האָב איך בלויז די אַלטיטשקע פרוי מיטן שטיקל ברויט אויף אירע חורבות. אונזערע שבטים, וואָס זיינען פון דאַנען געוואָרן אַרויסגעריסן און ערגעץ צעפּולווערט גע-וואָרן, מי-יודע אין וואָס פאַר אַ וועלטן — איך באַטראַכט איצטער דעם וועג, וואָס האָט זיך איינגעוויקלט אין פאַרנאַכטיקע שאָטנס און קען די פּרט פון אונזערע פאַרלאָרענע שבטים נישט דערקענען. זייער גרויסער צאָל קען איך נישט אַרויסזען.

פאַר מיר שווימט אויף דאָס בילד, ווי עס שטייען אַ טייל שבטים אויפן באַרג גריזים און בענטשן, און אַ טייל אויפן באַרג עיבל און שעלטן. און מיט וואָס פאַר אַ פייער די שעלטערס שעלטן און ווי בלאַס עס זיינען די ברכות אַנטקעגן די קללות!

צו שעלטן האָט דער מזרח-מענטש בעסער געלערנט זיין צונג. און ווי שמייכלט נאָך איצטער דער באַרג עיבל נאָך אַזאַ מין תוכחה. וואָס האָט זיך אויף אים אויסגעפּיקט? מיך האָבן דאָ געדריקט די בערג פון ביידע זייטן.

הייזער זיינען איינגעפאַלן אין שכם פון ערד-ציטערניש און די קוואַלן אַרום שכם גיבן נאָך אַלץ זייער וואַסער. אַ שטראָם רייסט זיך פון ערגעץ און שניידט איבער דעם שטויביקן וועג.

נ צ ר ת.

אַ באַרג צווישן בערג איז דער, ביי וועמען עס האָט זיך איינגעוואָרצלט דער נאָמען נ צ ר ת. אַ שטעטל געווען. אַ דערפל געוואָרן. אומגעקומען און ווידער אויפגעקומען. וואָס באַטייט איצט דאָס שטעטל נצרת, וואָס אין גליל?

אפשר אַ ביסל שטילער לעבן די מענטשן אין נצרת. אפשר קלערער איז דער טרונק־וואַסער פון נצרתער קוואַל. געניע צוויי טויזנט יאָר זיינען אַריבער זינט פון דאַנען האָט מען געהערט צו די, וואָס אונטן אין טאָל, און דערציילט זיי פון גערעכטיקייט. אַ נייע תורה האָט עס דעמאָלט געהייסן. ווי — פאַר וועמען. פאַר ייִדן איז דאָס געווען ערשט נעכטן. פאַר דער וועלט — אַ סך היסטאָריע. איצט, ווי יעמאָלט, רינגלען אַרום די בערג דעם עמק־יזרעאל, וואו אין אַלע צייטן האָט זיך געקוועלט דער פויער ברויט אַרויסצובאַקומען פון דער ערד און איבער דעם פויערס תבואה־פעלדער האָבן זיך אין אַלע צייטן דורכגעטראָגן אוראַגאַנען און דעם מענטש מיט זיינע תאוות אַריינגעכאַפּט. אָ, וויפל פאַרוויסטונג איז שוין געבראַכט געוואָרן אויף דעם טאָל אונטן פון די נצרת־בערג! און נצרת, די שטילע נעסט צווישן די גליל־בערג — וואָס האָט זיך דען נישט אויסגעפּיקט אין יענער נעסט? וואו איז איצט נצרת, וואו עס איז אויפגעקומען דער וועלט־דערלייזער, פלייש פון אונזער פלייש און בלוט פון אונזער בלוט — וואָס האָט די וועלט נ י ש ט דערלייזט?

איז דאָס געווען דער יסורים־טאָל אין יענע צייטן? און וואו איז איצט דער יסורים־טאָל פון דער וועלט? אין מיינע רייזעס איבער דער וועלט האָב איך אים אומעטום געזען. אומעטום ציען זיך די מחנות געבויגענע צו דער ערד און די תפילות פון זייערע טרוקענע ליפּן פאַלן צו דער ערד. ניינצן הונדערט און אַכט

און צוואנציק יאר ציילט די גרויסע קריסטלעכע וועלט פון דעם טאג אן, וואס די שטילע ווערטער פון דעם וועלט-דערלייזער האבן אראפגעטריפט צום טאל. די ווערטער זיינען געקומען אין נאמען פון די באליידיקטע. די ווערטער האבן געצילט צו די גרויס-האלטער פון ירושלים. ביי אונז אליין האט עס געקאכט שטארק אין קעסל פון פארלאנגען און עס האט איבערגעשוימט איבער די ראנדן. ביים פאלק ישראל האט זיך דאס הארץ געצאפלט צווישן פרימיטיווע געפילן און וועלט-באפרייונג. אין ירושלים האט מען נאך אלץ געטריבן די סטאדעס בהמות צום בית-המקדש. געבראכט קרבנות און זייער בלוט האט נישט געקאנט ריין האלטן דאס לעבן. דער רוימישער גייסט, וואס האט באדארפט פארברענט ווערן אין דיין אייגענעם פייער, איז אויסגעלאשן געווארן און געווארן דערשטיקט אין אונזערע קאלטע קוואלן, וואס האבן אויפגעשאסן אומגעריכט אין גליל צווישן די הארעפאשניקעס. באשערט געווען, אז דאס יידישע פאלק זאל זיין דאנט האבן אין דעם. ווארעם אויף וויפל דער זון פון נצרת איז אונזער בלוט און פלייש געווען און וואס-צוליב אים רייסט מען אונזער פלייש לעבעדיקערהייט פון אונז, און וואס-צוליב אים האט מען נאך ביז איצט נישט אויפגעהערט צו פאדערן אונזער בלוט — — — קען איך מיר נישט אויסמאלן, ווי אזוי עס וואלט אויסגעזען אין מערב-וועלט אן דעם זון פון נצרת.

דער מזרח, וואס האט אויסגעוואקסט נישט נאר איין רעליגיע און געגעבן דער וועלט גאנצע אדער האלבע תורות — דער מזרח האט אויך קריסטנטום געגעבן. און די דאזיקע תורה האט אין די מזרח-לענדער נישט געקענט זיך איינבירגערן. צו ראציאנעל און צו טרוקן איז די תורה פון קריסטוס, ווי אויך אונזער אייגענע תורה, וואס האט אין דער מזרח-ערד קיין ווארצלען נישט געשלאגן. און דער בלאס-ווייסער מענטש פון די מערב-איראפעאישע לענדער, וואס האט אליין שווער געחלומט, פאר אים איז די נייע תורה, וואס איז אראפ פון די נצרת-בערג, געווארן א דין העמדל צום לייב, וואס צעציט זיך אנאיינעם מיט דעם אנקוועלן פון גוף.

וואָס איז איצט פאַרהאַן צו דערציילן פון דער שטעטל גופא, וואָס הייסט נצרת און ליגט אין די בערג פון גליל? אַ גרוי שטעטעלע איינגעגראָבן אין די בערג. דורך די שטויביקע גאַסן ציט דער וועג, וואָס פירט צום ירדן־טאָל און איבערשטן גליל. אויך די מענטשן אין די גאַסן און ביי די הייזער זיינען נישט פאַרביק גענוג, צו באַפרידיקן די פאַנטאַזיע פון באַזוכער, וואָס קומט אָנגעלאָדן מיט דורות אויף זיינע אַקסלען. דאָ שטייט דער אייזל אָנגעלאָדן מיט מחשבות. דאָ הויערט דער קעמל אין שטויב און איז מעלה־גירה. עס זיינען אַוועק פון אונז יענע ציטן, וואָס אַ פּשוטער געדאַנק, אַרויסגעזאָגט מיט נאָך פּשוטערע ווערטער, איז געווען פאַר דעם מענטשן אַ זונאויפגאַנג, וואָס האָט געבראַכט ליכטיקייט אין דערלייזונג פאַר אַ דאָרשטיקער נשמה. איצט האָבן מיר, די „גרויסע חכמים", דערלעבט, אַז אַ יעדעס וואָרט, ווי געלייטערט עס זאָל נישט זיין, איז דאָס נישט דורכזיכטיק און האָט דעם קלאַנג פון פאַרזשאַווערטן בלעך.

זאָל היינט עמעצער אַראָפּשרייען פון אַ באַרג־אַראָפּ צו מענטשן, וואָס וואַרטן אין טאָל אויף אַ גרויס וואָרט, זאָל מען, למשל, אַראָפּשרייען:

„זייט וויסן, מענטשן און קינדער, אַז אויב עמעצער האָט איינעם פון אייך דערלאַנגט אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק, זאָל ער אונטערשטעלן די לינקע אויך".

איך מאָל מיר אויס די אומצופרידנקייט פון די, וואָס אין טאָל. און אפשר וואָלט מען אים אויסגעלאַכט אַזוי הויך, אַז די בערג וואָלטן מיטגעלאַכט. עס וואָלטן אויך נישט געקלונגען פיל קליגער די פּשוטע ווערטער: „אַז אויב עמעצער האָט ביי דיר צוגענומען דיין מאַנטל, גיב אים אויך אַוועק דיין העמד".

איצט טראָגט עס אַפילו אַרום די קריסטלעכע וועלט אויף די ליפּן. און עפּעס האָט די וועלט געמיינט דערמיט און נישט דערמיינט. עדות זיינען די אַלע בערג אַרום, אַז גענוג שטיינער האָבן זיך געקייקלט מיט דעם שיפּוע פון די בערג צו דעם טאָל אַראָפּ. אַנדערע שטיינער האָבן זוכה געווען איינגעמויערט צו ווערן אין אַ וואַנט אַריין. אַנדערע שטיינער האָבן זוכה געווען, אַז מען זאָל

זיי אַרומליגן אַרום אַ קוואַל. די ווערטער, וואָס האָבן זיך געקייקלט צו די מענטשן אין טאָל, האָבן באַקומען פליגל. און ווי צו ווערטער, וואָס ווערן געפליגלט! ווייל פליגל קען מען אונטערשערן. פליגל קען מען אויך אָפּהאַקן און מאַכן פון זיי אַ פעדערוויש, שטויב אַראָפּצופּוצן; אָדער איבן בעטן אופן צונויפקע׳ן קרישלעך ברויט פון אַן אָפּגעגעסענעם מיטאָג. ביים פאָלק ישראל האָט עס יעמאָלט געפלאַמט דער מוח. אונזער גאַנצקייט איז צעשפּאָלטן געוואָרן פון פרעמדער היץ. פאַרוואָס דער יידישער גייסט האָט זיך אַזוי געעקשנט אָנצונעמען דעם רוימישן צייכן פון דער צייט — דאָס איז קלאָר גענוג. פונדעסטוועגן דאַרף מען צושרייבן צום געפיל, וואָס קנעכטשאַפט איז געווען פרעמד דעם יידישן גייסט. די וואָס האָבן זיך געריסן פון די אייגענע רייען צו זיין אונטערשטופּער פון אַ פרעמדן רייטוואָגן, כאָטש שפּעטער האָבן זיי איין די בגדים געבראַכט דעם גאָלדענעם שטויב פון פרעמדע וועלטן — די פאָלקסמאַסן האָבן דעם דאָזיקן שטויב געהאַסט. און אפשר האָט דער יידישער אינסטינקט געשפּירט יעמאָלט דעם רוי׳עם אונטערגאַנג און די אַלע, וואָס האָבן דעם רוימישן קולט געשלעפּט אין דער יידישער מחנה אַריין, זיינען פון פאָלקסגעוויסן פאַר־משפּט געוואָרן. און אויך דאָס, וואָס מען האָט ביי אונז גופא געהאַלטן אין פאַרשטאַרקן די צאַמען אַרום לעבן — דאָס אַליין איז אויך נישט געווען צום גוטן. ווייל די אַלע צאַמען־פלעכטער זיינען אויך אָפט די, וואָס דערלאָזן נישט, אַז קלאָרע לופט זאָל דערגרייכן צו די, וואָס אינעווייניק אין צאַם, זיינען אָפט די, וואָס שמידן קייטן אויף הענט און פיס פון פאָלק: זיי זיינען אָפטמאָל אויך די, וואָס מיט אַ לאַנגער ביטש קנאַקן זיי איבערן לעבן.

און יעמאָלט, ווען די פּשוטע פון פאָלק הייבן אָן אויפצוזאַכן מיט זייער אייגענער חכמה, און ווען ביים פאָלק באַווייזט זיך איינער, וואָס קען ריידן מיטן לשון פון פאָלק — יעמאָלט פלאַצט אויך דער געדולד ביים פאָלק, שטענדיק, ווען מען האָט די סטרונע צו שטאַרק אָנגעצויגן, האָט די סטרונע געפּלאַצט דווקא דאָרט, וואו מען האָט נישט געוואָלט. פאָלקסגעוויסן האַרעמט זיך אויס אין דער טיף. די, וואָס רייטן פון אויבן אויפן קאַרק פון פאָלק,

קענען עס נישט באַגרייפן אין צייט, ביז וואַנען דאָס פאָלק שליי־דערט די רייטערס נישט אַראָפּ פון פלייצע.

שטייענדיק אויפן ראַנד פון נצרת-באַת און, ווען איך האָב אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַראָפּגעקוקט צום טאָל, וואו עס ווערט ווידער באַנייט אַ יידיש לעבן, איז מיר שווער געווען מיטן געדאַנק אַריבערצוואַרפן אַ בריק צו יענע טעג, ווען פון ירושלים האָבן געצויגן די, און יאוש-אַריינגעפאַלענע, וואָס האָבן געזוכט זייער יאוש צו קילן ביים ברעג ירדן אָדער אין בליען כנרת. וואו יאוש איז פאַרהאַן — דאָרט איז אויך דער אָנהייב פון איבערשוואונג, דער אָנהייב פון פּראָטעסט און די קערנער פון אַ נייעם שטרעבן. ווייל פעלקער, וואָס זיי איז באַשערט געווען איבערצולעבן אַ צו-לאַנגע צאָל דורות, זיי ווייסן פון אַ סך אָנהייבן און ווילן נישט דערקענען קיין שום סוף. אַזעלכע פעלקער האָבן זייער צייט פון שיכחה און צייט פון הינערפלעט.

צי איז גערעכט געווען דער נוצרי, ווען ער האָט געזאָגט: „וואַרף נישט קיין פּערל פאַר חזירים"? האָט ער זיינע פשוטע אָנגעשנירלטע ווערטער טאַקע אַזוי געשאַנעוועט? און אפשר זיינען אַלע חכמים פון די מזרח-לענדער אַזוי געווען.. אפשר איז ביי יעדן פאָלק, וואָס איז נוטה אַיינצודרעמלען, פאַראַן די ליבע צו שניר־לען קלוגע רייד און אָנהענגען אויפן האַלז. מיר, מערב-מענטשן, האָבן קיין טעם און דעם נישט געשפּירט. און עס חידושט מיר דעריבער, וואָרעם קריסטנטום, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט אין מזרח, האָט געדאַרפט באַקומען אין מערב. און ווען אַ מערב-מענטש אין ענגלאַנד, צי אין אַמעריקע הייבט מיר אָן צו קייען דעם זין פון דעם „האָב ליב דיין שכן, ווי זיך אַליין" — איז דאַך מיר עס אַזוי גרינג צו באַנעמען, מיסטיניש געזאָגט. צום גרינגסטן איז דאָס מיר געווען צו פאַרשטיין אונטער דעם קנאַל פון קאַנאָנען אין מיין יאָרהונדערט.

פּרוּווט איצט וואַרפן שטיינדלעך פון באַרג נצרת אַראָפּ, באַרג-אַראָפּ — די שטיינער זיינען פאָלגעדיק אַזוי לאַנג, ווי זיי שפּירן דעם כוח פון מיין האַנט, אַזוי לאַנג, ווי זיי שפּירן דעם שטויס.

און איך זע אָבער פֿונדערווייטנס, ווי דאָס שטיינדל האָט זיך געקייקלט, געקייקלט, ביז עס האָט געפֿונען אַ ווייך גריבעלע און געבליבן אין דעם רוען. מיר האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אַראָפּשרייען פֿון באַרג־אַראָפּ. נישט דערפֿאַר, ווייל קיינער האָט אונטן ביים צופֿוסנס פֿון באַרג נצרת נישט געוואַרט אויף מיין וואָרט — איך ווייס, אַז די אַלע נייע הייזער מיט די רויטע דעכער, וואָס זיינען צעזייט איבערן טאָל (יידישער חלום פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט), אַז דאָרט האָט שוין אַן אַנדער אמונה באַצוואונגען דאָס לעבן. די אמונה אין אַרבעט און גלויבן אין דער געבענטשטער קללה:

„מיט דעם שווייס פֿון דיין פּנים זאָלסטו עסן דיין ברויט“.

דאָס יידישע פֿאָלק האָט זיך געעקשנט אין זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אַלץ, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אויפֿן נצרת־באַרג. כאָטש מיר איז דאָס פֿאָלק שוין פֿון לאַנג פֿון די פֿויערדיקע רייד, וואָס זיינען אַראָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון באַרג סיני. און ווער קען עס זיך דערנענטערן צום אַקער, וואָס גייט נאָך מיטן אַקער זיינע אָקסן, אים אַ קלאַפּ טאָן אין פּלייצע און זאָגן:

— הייב אויף דיין קאָפּ, דו קינד פֿון דער ערד, און זע, ווי די ממשלה פֿון הימל נידערט אַראָפּ צו דיר!...

אונזערע פֿויערים פֿון טאָל צעאַקערן מיטן אַקער ווידער אַ נייעם אָנהייב פֿאַר׳ן פֿאָלק און נישט נאָר די נצרת־בערג, נאָר אַלע בערג, וואָס וואַכן דאָ איבערן טאָל, זיינען געווען עדות איבער אַזעלכע אָנהייבן ביי אַ פֿאָלק, וואָס וויל פֿון קיין סוף נישט וויסן...

עס קומט מיר אויפֿן זכּרון אַ קאַלטע נאַכט אין די הימאַלאַיע־בערג אין אינדיע. איך האָב מיר פֿאַרקליבן צו־הויך. אַריבער צען טויזנט פֿוס אין די בערג. דרויסן האָט געשטורעמט מיט שניי, דער ווינט, וואָס האָט געיאָמערט, האָט דערוועקט אַלערליי מחשבות. די קריסטלעכע הויז, וואו איך האָב זיך אויפֿגעהאַלטן, איז געווען זייער פֿריינטלעך צו מיר. אַ מוטער, אַן אַלמנה מיט איר איין און איינציקער טאָכטער, זעכצן יאָר אַלט, זיי האָבן געוואוסט, אַז איך

בין אַ ייד. נאָר דאָס האָט נישט געשטערט די באַציונג צו מיר. פאַרקערט, ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי מיט מיר אָנגעצויגן אַ שמועס מכּוח יידן און ליב געהאַט צו הערן מעשׂיות מיט אַ היסטאָרישן הינטערגרונט. זיי האָבן מיר דערפאַר באַלוינט מיט מעשׂיות פון זייער לעבן אין אינדיע, מעשׂיות פון אַלערליי פּאַסירונגען אין דער ווילדערניש; דערציילט פון איבערפאַלן פון טיגערן און לעמפּערטן.

און זיצנדיק ביים וואַרעמען קאַמין, בשעת הדויסן האָט די זאַווערוכע געדרייט, איז, ווי דער שטייגער, דער שמועס איבערגעגאַנגען פון אַ מחנה ווילדע העלף, וואָס האָבן אַמאָל באַפאַלן זייער היים און אַזוי איז מען דערגאַנגען צו די לעצטע פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַינע. צו גאַסט זיינען געקומען יענעם אָוונט פון שכנישן ישוב אַן עלטערע פרוי פון אַ דאָקטאָר מיט איר זון, וואָס האָט זיך געשדכנט צום יונג מיידל. בשעת איך האָב געמאָלן בילדער פון יידישע רדיפות, האָט דאָס מיידל נישט אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון מיר. כאָטש אַ בלאָנדע מיט בלויע אויגן, נאָר אַ געבאָרענע אין דער ווילדערניש. האָט דאָס אָפט פון אירע אויגן אַ שפּיזל געטאָן מיט אַ ווילדן פייער. פּלוצלונג טוט זי אַ פרעג:

— פאַרוואָס שלאָגט מען אַזוי שטאַרק דאָס יידישע פאָלק?

איר שטימע האָט געקלונגען אי נאַוו אי דרייסט. סיי קינדיש און סיי מיט פּראָטעסט. אַ ווײַלע איז מען געווען שטיל. דער עולם האָט זיך דורכגעוואָרפן מיט בליקן. דערנאָכדעם האָבן זיך אַלעמענס אויגן געווענדט צו מיר, וואָס איך וועל ענטפערן. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן אויף שנעל אַן ענטפער, וואָס זאָל דער יונגער מיידל באַפרידיקן. נאָר דאָ איז מיר דער חתן-בחור פאַרלאָפן דעם וועג:

— ווייסט נישט, קינד? דאָס איז דאָך דערפאַר, וואָס די יידן האָבן אונזער דערלייזער געקרייציקט...

זי האָט עס באַגריפן. און ווען איר בליק איז ווידער געפאַלן אויף מיר, האָט שוין אין אים געגליט גאָר אַן אַנדער פייער. מער האָט זיך יענעם אָוונט דער שמועס נישט געקלעפּט. און אויך אין

די ווייטערדיקע טעג האָט דאָס יונג מיידל אויף מיר געקוקט מיט אַנדערע אויגן.

אין נצרת, כאָטש אין אַ בלענדנדיק ברענענדיקן טאָג, דאָך איז מיר געקומען אויפֿן רעיון יענע שטורעמדיקע נאַכט אין די הימאַלאַיער בערג. בעת איך האָב געשפּאַצירט דורך די שמאָלע געסלעך פֿון נצרת, האָב איך געשפּירט די אייפֿערזיכטיקע בליקן, וואָס זיינען אויף מיר געפֿאַלן פֿון די קריסטלעכע איינוואוינער פֿון נצרת.

יאָ, די אַטמאָספֿער אין נצרת איז אַן אָנגעשטרענגטע. אמת, אין נצרת איז נישט פֿאַרהאַן דער אויסברויז פֿון רעליגיעזע ליידנשאַפֿטן, ווי אין בית-לחם, וואו מען ווייזט אָן אויף דעם אָרט, וואו דער דערלייזער איז געשטאַנען. אַלע לעגענדן פֿון זיין געבורט זיינען דאָך אַזוי אומטים, וואָס אַפֿילו קליינע קינדער קענען עס באַנעמען... און דאָס איז דאָך דער חסרון.

אין נצרת האָט ער שוין געהאַלטן זיינע דרשות און עס איז צום הונדערטסטן מאָל באַוויזן געוואָרן, אַז אין דער אייגענער שטאָט קען מען קיין נביא נישט זיין. און אַפֿילו אים, דעם באַשיידענעם, האָט אַזאַ ביטערער אמת פֿאַרדראָסן. אַוודאי פֿילט דער דורכרייזנדער, און אפֿשר אויך דער פֿרומער קריסט שפּירט אַ קרענקלעכן ציטער אין די באַקן, ווען ער קומט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט צום אָרט, וואו מען האָט געהייסן די באַק אונטערשטעלן צו יעדן, וואָס וויל פּאַטשן. און מיר, ייִדן, וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף אַפֿילו דעם ערשטן פּאַטש אויך נישט באַקומען — ווי געשריען — מיר קריגן דערפֿאַר אונזער חלק אויף ביידע באַקן...

און איצט, ווי אַמאָל, האָרעוועט שווער דער גליל-מענטש אַרויסצוציען ברויט ביי מאַמע ערד. ייִדישע פֿעלדער גרינען איצט ווידער צופֿוסנס פֿון דעם נצרת-באַרג.

אין לאַנד פון ריזן.

דאָ, אַרום חברון, צעוואַרעמען זיך די אַמאָליקע חדר־יאָרן, וואָס ליגן שוין לאַנג אין פאַרגליווערטקייט און צוריק קומט אויף ינגלשער דמיון פון די צייטן, ווען דער רבי האָט געריסן פאַרן איער ביז בלוט, למאַי די פאַנטאַזיע פון תלמיד האָט נישט דורכגעברענט די סטעליע.

חברון, „דאָס לאַנד פון די ריזן", וואוהין עס זיינען געקומען די מרגלים, וואָס משה האָט געשיקט פון מדבר אויסצופאָרשן דאָס לאַנד כנען. חברון, וואו די הענגלען וויינטרויבן זיינען געווען אַזעלכע שווערע, אַז די מרגלים האָבן באַדאַרפט טראָגן איין שווערן הענגל אויף אַ שטאַנג אָנגעלאָדן.

דער רבי האָט דערציילט, אַז איעדער מילגרוים איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי אַ קאָפּ פון אַ מענטש. און יעדער פייג די גרייס — דאָס האָט דער רבי געמאָלן געפּרעסטע פייגן — יעדער פייג איז געווען גרויס ווי אַ מילשטיין...

חברון — דאָרטן ליגן דאָך אין דער געטאָפּלטער הייל די אָבות מיט זייערע פּאָרן: אברהם און שרה, יצחק און רבקה, יעקב און לאה. אברהמס וואַנדערונגען און דער טויט פון שרהן דאָ אַרום חברון — נישט געווען אין קינדערשן מוח קיין שטח פון צייט. ווייט מיט נאָענט האָבן זיך געגעבן די הענט. פונדעסטוועגן איז מיר געבליבן אין זכרון אַ בילד פון די הענגלען ווינטרויבן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויפן פאָלק ישראל אין מדבר און דער פאַטאַלער בונט, וואָס האָט געפירט צו אַזאַ האַרבער שטראָף:

— אין מדבר וועלן אייערע פגרים אויספאַלן!...

דור המדבר... אויף אייביק געשטעמפּלט אַ פאָלק מיט אַזאַ פאַרשאָלטענעם נאָמען. שולדיק געווען דער שאָטן פון יענע ריזן,

וואָס האָבן געלעבט אין חברון; מענטשן, וואָס זייערע ווידעס זיינען פון הימל אַראָפּגעפאַלן און שוין איף דער ערד האָבן זיי דעם הימל אונטערגעשפאַרט.

וואו זיינען זיי, די אַמאָליקע ריזן? נישט קיין ריזן־פאָלק זיינען די היינטיקע באַזיצער פון חברון. אַזוי הערדיש ווי אַלע אין זייער גלייכן אין פאַלעסטינעס אויפגעכוואַליעטער געגנט. אָבער נאָך ביז היינט איז חברון באַרימט מיט די אויסדערווילטע ווייַנטרויבן. נאָך ביז היינט איז חברון די היים פון די אָבות. און איצטער איז חברון אויך די היים פון סלאָבאָדקער ישיבה.

* * *

אַ סך האָב איך נאָכגעטראַכט אין ארץ־ישראל, געוואָלט פאַר־לויפן אין דעם סוד פון די קומענדיקע טעג. געפרווט אויסמאָלן פאַר זיך אַליין דאָס יידישע לאַנד, ווען עס וועט זיין אויפגעבויט. שווער זיך אויסצומאָלן, ווער און וואָס עס וועט נעמען די בכורה: תורה, סחורה, אָדער שווערע פראַצע ביי דער ערד? אַז מען איז אין תל־אָביב, מאָלט זיך סחורה. אין ירושלים, צי אין צפת, איז דער קול התורה, וואָס שרייט הויך. לאָזט מען זיך אַ־אָפּ אין טאָל — קומט אַנטקעגן דער קלאַנג פון האַמער און גראָבאַייזן. בכלל האָט זיך די תורה אין ארץ־ישראל פאַרקליבן אין די בערג אַריין.

נאָר דאָ, אין לאַנד כנען, פאָרנדיק קיין חברון אין אַ פאַר־נאַכטיקער שעה, האָט דער דמיון געמאָלן די אַמאָליקע ריזן. גרינג איז געווען פאַר די מחשבות ווי פאַר די בליקן, וואָס האָבן גע־בלאָנדזשעט אין דעם פאַרנאַכטיקן ליכט און שאָטנשפּיל. אַלטע בילדער, אַז זיי ווערן ניי געבוירן, קריגן זיי פליגלען און טראָגן אַמאָל דיך אַריבער איבערן תהום, וואָס ליגט צווישן אַ דורות־דיקער געגנוואַרט. אַזאַ נס געשעט דאָך מיט פיל אין ארץ־ישראל.

פונדעסטוועגן האָט צו מיר פאַרהלשט געקוקט די געגנט פון ביידע זייטן וועג. פון בית־לחם ביז צו חברון, ווילט איר — איז דאָס אַ האָנן־שפּרונג. און ווילט איר, איז דאָס אַהינטער זיבן באַ־זונדערע הימלען. אין מיין פאַרנאַכט האָט זיך דער וועג געצויגן

און געגנט פון געגנט האָט זיך אַרויסגעוויקלט; לאַנד פון לאַנד האָט זיך אַרויסגעשיילט. עס רוט פלעגמאַטישקייט אויף אַראַבישע פעלדער. ליגט פלעגמאַטישקייט אויף זייערע גערטנער אויסגעגאָסן. דאָ, אין דעם „לאַנד פון די ריזן" האָט עס אויך געקענט, וואַסער זיין. ווייל קוואַלן לאָזן זיך דערקענען. וואַסער שלאָגט פון דער ערד. נישט קיין פאַלשע וואַסער־בעכן קומען דאָ פון צווישן די בערג אַרים. נישט אומזיסט איז חברון פון אַלטע צייטן אָן דער אָאַזיס אין דער אַרומיקער מדבריקייט. אַ פיל גרעסערע שפע האָב איך דערוואַרט צו זען דאָ אין דער געגנט.

עס איז געווען דאָס מאָל אויך די צייט, ווען ווינטרויבן ווערן צייטיק, און שווער זיינען געלעגן די ווינשטאָקן אויסגעצויגן אויף דער ערד. פון אַהינטער די גרינע בלעטער האָבן אַרויסגעקוקט די הענגלען לענגלעכע ווינטרויבן, אָנגעגאָסן מיט זאַפט ביז צום פּלאַצן. נאָר עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קיין שום האַנט גיט אויף זיי נישט אַכטונג; קיין שום בליק האָט די דאָזיקע ווינשטאָקן נישט געוואַרעמט: אַליין פון זיך, אַליין פאַר זיך קוועלן די ווינטרויבן, נישט קיין אונטערגעשפּאַרטע, נישט קיין אונטערגעלענטע. אויפן געדאַנק קומען ווידער אַרויף יענע לעגענדאַרישע שווערע הענגלען, וואָס זאַלבענאַנד אויף אַ שטאַנג אָנגעלאָדן האָט מען באַדאַרפט איבערן הענגל טראָגן.

*   *
*

אין דער פאַרנאַכטיקער שעה האָבן זיך די איינוואוינער פון חברון אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן. שפּרייזן פאַמעלעך מיט דער שמאָלער גאַס, טריט ביי טריט די חשובי־העיר. אַנדערע מיט רויטע פעסקעס אויפן קאָפּ. קוקן פון אַ ווינקל אַפיר פרויען מיט קרענקלעכע בליקן. קומען אָן אַנטקעגן פרויען מיט פאַרדאַגנגע פנימער. מען באַטראַכט מיט אַ ביסל גאווה די געסט, וואָס פאָרן אָן קיין חברון. ס'איז דאָך די אַלטע חברון: די לייט ווייסן, אַז זייערע ווינטרויבן זיינען די בעסטע. נאָר בעסער פון אַלץ ווייסן זיי, אַז דאָ ליגן די אָבות אין דער מערת־המכפלה.

דער פעלאַך, אָדער דער פויער, איז דאָ אַ ביסל פאַרביקער. אַ רויט אָדער ראָזע טשאַלמע אַרום קאָפּ. דער בליק ווינטיקער און געראָטן אין דער געגנט. ווער עס קומט אָן פון פעלד איפן קעמלס רוקן זיך וויגנדיק, ווער — אויף זיין קליין אייזעלע און די פיס אויסגעצויגענע ביז צו דער ערד — קיינער פאַרפעלט נישט אַ בליק צו וואַרפן צו די פרעמדע, וואָס קומען אָן מיט אַן אָנגעצונדענעם דמיון.

די מערת־המכפּלה איז אַ גאַנצע פעסטונג, אין מזרח־זייט שטאָט. הויכע ווענט, אפשר אַ איבער דרייסיק פוס הויך, פון גרייסע געטעשעטע שטיינער, זאָגן עדות אויף פריערדיקע דורות. מען וויל האָבן, אַז די אונטערשטע שיכטן שטיינער שטאַמען נאָך פון די חשמונאים. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז מיר פיל ליבער געווען דער באַשיידענער אוהל אויף דער מוטער רחלס קבר, ביים וועג פון בית־לחם.

די מוסולמענער האָבן דאָ אַ גרויסן מעטשעט און די קברים זיינען פאַרצאַמט פאַר די, וואָס זיינען פון אַן אַנדער גלויבן. ייִדן שפּאַרן זיך אָן ביי אַ וואַנט דרויסן און שעפּטשען זייערע תפילות. צו די צענטראַלע, שווערע שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן צו דער מערה, מעג מען זיך בלויז דערנענטערן. מען דערלויבט אַ עטלעכע טרעפּ אַרויפצושטייגן. אָפּגעריסענע יינגלעך רייסן פאַר די פאָלעס און בעטן באַקשיש. און בכלל איז אַרום דער מערת־המכפּלה נישטאָ קיין צופיל קדושה. מער ענלעך אויף אַ מאַרק, וואו עס יאַרידלען זיך אַלערליי וואילדע יונגען און אין דער אַבסאָלוטער גרויער וואָכעדיקייט איז נאָך דער ייד אַ פּסולער ענין.

מיין בליק איז געפאַלן צו אַ שטוב אין שכניש, וואו דער מאַן האָט מיט גרויסע שליסלען פאַרשלאָסן די טיר, פאַרשליסנדיק זיין ווייב אינעווייניק, און ווען זי האָט פּראָטעסטירט, האָט ער איר אָנגעבראָכן די ביינער... אַזאַ אוממענטשלעכער געווין האָט געשלאָגן פון אינעווייניק און דער שמייכל פון דער קלעפּעדיק־זיסער צופרידנקייט, וואָס האָט זיך בשעת־מעשה אויסגעגאָסן אויף דעם עולם יונגען — דאָס האָט מיר אַרויפגעבראַכט אויפן זכרון די מוטער שרה און די מוטערס רבקה און לאה, און וואָס מיט אַ

עטלעכע טויזנט יאָר שפּעטער, בײַ זייער קבר פֿאַרשליסט נאָך דער מאַן זײַן חייב אַהינטער אַ שלאָס...

— און ווי זײַנען געווען די אַמאָליקע רייזן פֿון חברון?

יאָ, ווײַן, וואָס עלטער, ווערט ער שטאַרקער און שיכּורט אָן דעם טרינקער. און דאָ, די היסטאָרישע געגנט האָט מיך נישט פֿאַרשיכּורט. דאָס האַרץ האָט זיך בלויז אַ צאַפּל געטאָן טראַכטנדיק, אַז דאָ ליגט די אמתע יידישע מוטער, וואָס האָט פֿאַר איר ליבלינג אויסדערווײלט יעקבן, דעם יושב-אוהל, און האָט פֿון זיך אָפּגעשטויסן דעם פֿײַלנוואַרפֿער און בײגנשיסער.

* * *

און אפֿשר האָט זיך צוליב דעם קיין חברון איבערגעקליבן די סלאָבאָדקער ישיבה. דאָ, אין לאַנד פֿון די אַמאָליקע ריזן און פֿון די איצטיקע קאַליקעס? — און כאָטש אין די בערג פֿון ארץ-ישראל איז די היים פֿון תורה, און חברון אַליין איז אַ דרײַ טויזנט פֿוס הויך, אין די בערג, פֿונדעסטוועגן האָט עס מיר אַזוי געחידושט, ווען דער באַקאַנטער גמרא-ניגון האָט זיך צו מיר אַ טראָג געטאָן דורך די אָפֿענע פֿענצטער פֿון אַ גרופּע געמויערטע הײַזער, בײַם זײַט גאַס.

דער גמרא-ניגון, וואָס האָט אַזוי פֿיל יאָרן געוואַקסט בײַ די ברעגעס פֿון ניעמאַן, דאָרטן, אין דער קאָוונער פֿאָרשטאָט — דער אייגענער ניגון האָט אַהער אַרײַנגעבלאָנדזשעט. דאָ קלינגט דער ניגון אַ נאָענט, אַ ווײַט. עס האָט אַהער נישט דערגרייכט די יידישע האַנט אונטערצולענען די ווײַנשטאָקן — וואָרעם עס וואָלטן די ווײַנשטאָקן אַזוי קרום געקוקט אויף דער בריהשער האַנט פֿון אונזערן אַ פֿויער, ווי עס קוקן די אײַנוואױנער פֿון חברון אויף דעם יידישן פֿויער מיטן גראָבאַײזן אויפֿן אַקסל.

דערפֿאַר, פֿאַרשטײ איך, איז דער קול-התורה, וואָס וויקלט אײַן די עטלעכע געמויערטע בנינים בײַם זײַט וועג, דער סלאָבאָדקער ניגון איז אַ סך ליבער צום אַראַבערס אויער, ווי דער היינטיקער „אם אין אני לי, מי לי — — —" דאָס הפֿקר-ליד פֿון די חלוצים, וואָס זײַנען אָנגעקומען איבערצוקערן און באַנײַען דאָס פּנים פֿון לאַנד.

אין הער דעם ניגון און באַטראַכט די בעט. אַרום און וויל עס אין דמיון איינס מיטן אַנדערן פֿאַרבינדן.

— צי האָט איר, בערג, געגאַרט, אַז די דאָזיקע זאָלן קומען און זיך אײַנגעסטלען מיט זייערע שטענדערס צווישן אײַך?

דאָך שמידט דער ניגון און ער ציט אַראָפּ פֿון וועג. עס כוואַליעט זיך דער „אוי תנו רבנן“ און דער „אוי אָמר ר׳ שמעון“, דער „קל־וחומר“ און דער „מאַי קאָ משמע לן“.

טאַקע, וואָס לאָזט עס מיר אַלץ צו הערן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָך אַ וועלט־מלחמה, און נאָך אַזאַ בלוטיקן שיבת־ציון, פֿון מפֿקיר זײַן די בײנער פֿאַר קדחת און מפֿקיר זײַן דאָס גאַנצע ביסל יונגע יאָרן פֿאַר אויסטריקענען זומפּן אין עמק־יזרעאל, צי עמק־הירדן? אָט קום איך נאָר־וואָס פֿון דאָרטן. אָט האָב איך דאָך נאָר־וואָס געשטיינט פֿון אַזאַ ברייטקייט אַוועק־צוגעבן אַלץ, אַלץ, אַבי נאָר די פֿאַרטריקנטע ערד זאָל אַ שמייכל טאָן; אַבי אַ קאָרן, צי אַ ווייצנזאַנג זאָל זיך באַווייזן אויפֿן שפּיץ שטרוי, און אָנזאָגער, אַז די מי איז נישט געווען אַרויסגעוואָרפֿן. אָט בין איך דאָך גאָרנישט לאַנג געזעסן בײַ די „ברודער־טישן“ אין די קבוצות און געגעסן זייער „לחם־עוני“, דעם אַזוי שווער פֿאַרדאָרעוועטן ברויט. ניין, די סלאָבאָדקער האָט נישט פֿאַרכאַפּט די וועלט פֿון אַרבעט, דער חשק צו בויען, מיט דינאַמיט אויפֿרייסן דעם פֿעלז — — און דאָ, טראַכט זיך, וועלן אויסוואַקסן רבנים, ארץ־ישראל־רבנים, וואָס וועלן נאָכטאָן זייערע גלייכן מיט אַמאָל אַראָפּפֿאָרן צווישן די יידישע פּויערים און אַרײַנקוקן אין זייערע הייזער, צי איז דאָרט חלילה נישט כשר, און צי האָט, חלילה, אַ פּויער נישט מחלל־שבת געווען צוליב זײַן שווערער האָרעוואַניע אין פֿעלד. —

— אַלץ קען אין ארץ־ישראל געמאָלט זײַן, ענטפֿערט אַ געדאַנק.

יאָ, ס׳איז ארץ־ישראל, וואו מען וויל אויסבויען אַ אײַנהייטלעכן לעבן און פֿונדעסטוועגן איז דאָס פֿאָלויפּיק אַ פֿעלד פֿון אַזוי־פֿיל סתירות, אַזויפֿיל סתירות. — —

די בחורים, וואָס דרייען זיך אַרום דרויסן פאַרן פענסטער, זייגען זיינטמאָדיש. און אויך די, וואָס שאָקלען זיך איבער דער גמרא איינגעוויינטלעך, אַזוי שטייענדיק ביי די סטענדערס — אויך זיי זעען מער אויס ווי חתן-בחורים, איידער ישיבה-בחורים. היינטיקע בחורים, וואָס ווייסן די וועלט. די רייזע פון ליטע ביז ארץ-ישראל אַליין איז ביכולת אויפצועפענען די אויגן ביי אַ יונגן מענטשן. און די מחנות חלוצים ביים שטיינער האָקן און זייער ניגון איז אויך נישט קיין צו-גרויסער דיסאָנאַנס.

* * *

מעלאַנכאָליש איז געוואָרן דער פאַרנאַכט. דער ניגון האָט זיך מיט דעם פאַרנאַכט נישט געחברט. איך האָב אָפּגעזעגנט פון וועג און זיך דערנעענטערט צו די פענסטער. איינער אַ בחור, כאָטש מיט אַ יאַרמאָלקע אויפן קאָפּ, אָבער דאָס פּנים היינט-וועלטיק, האָט מיר אָפּגעגעבן שלום-עליכם. אַ שמועס האָט זיך פאַרקניפּט און נישט געקניפּט.

— שפּירט זיך די תורה דאָ היימישער, ווי ביי די ברעגעס פון ניעמאַן?

ער לאָזט אַראָפּ די אויגן און איך באַמערק, עס הוידלט זיך אין דער בלייכקייט פון זיינע באַקן. אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק און ער האָט זיך דערשפּירט אומבאַקוועם פון מיין פראַגע.

פרעג איך ווידער:

— און ווי קלינגט דאָ דער גמרא-ניגון אין שכנות מיט דער מערת-המכפּלה?

שטאַרקט ער זיך און זאָגט:

— איך בין אייך מקנא אייערע רייזעס איבער דער וועלט... איך ווייס ווער איר זייט. געלייענט.

— און די לעצטע ערדציטערניש האָט נישט איבערגעריסן אייער ניגון? פרעג איך ווידער.

האָט אַרומער אַ בלאַסקייט באַדעקט זיין פּנים און ער האָט זיין בליק פאַרבאָרגן פון מיר. — — —

האָבן מיר זיך אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען? און וואו איז מיין איינענער גמרא-ניגון? — אפשר אַבצן שעה אין מעת-לעת האָב איך דאָך אַמאָל מיט מיין קול-התורה דעם הימל געלעכערט און איצטער קען איך זיך מיט אים נישט צונויפריידן. איז ער שולדיק? בין איך שולדיק?

שולדיק איז דאָך מיין באַזוך מיט אַ פּאָר טעג פריער אין עמק-הירדן און שולדיק איז דער לחם-עוני, וואָס איך האָב געגעסן ביים ברודער-טיש — — —

*　*
*

נאָר צום אַלטיטשקן בוים, אָן אַ זייט פון חברון, דער אשל-אברהם, דער בוים, וואו אברהם האָט אונטער אים אויפגענומען די מלאָכים-געסט, וואָס האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז שרה וועט אים געבוירן אַ זון — אוי, סאַראַ אַלטיטשקער בוים! דאָס איינציקע פון דער נאַטור דאָ, וואָס איז מיט אַזויפיל פיעטעט אָפּגעהיט געוואָרן. צי דער בוים שטאַמט נאָך פון אברהם-אָבינום צייטן — וויל איך מיר נישט שפּאַרן. נאָר געדענקען געדענקט אַ סך אַזאַ זקן אַ בוים. אין יאַפּאַן, וואו מען גיט אָפּ דרך-ארץ איעדן אַלטן בוים, ווי אַ בכבודיקן זקן אין דער פאַמיליע — געוויס וואָלט מען אים געבראַכט מתנות און צו אים וואָלט מען זיך געבוקט.

ער איז צעצווייגט, און יעדער צווייג איז אַ בוים פאַר זיך אַליין. דער סאַמע מיטלסטער צווייג, דער העכסטער, איז שוין אַן אויסגעטריקנטער און טייט אַזוי אין דער געגנט אַריין. די אויסגעדוילטע און אויסגעפוילטע לעכער אין בוים האָט מען פאַרלייגט מיט ליים און צעמענט. מער ליים אין שטאַם ווי האָלץ. פונדעסטוועגן גרינען אַרום אים אַ סך אייניקלעך-צווייגן. צום שטאַם זיינען צוגעקלאַפּט פרימיטיווע מאָלערייען, וואָס שטעלן פאָר אברהם אָבינו און די מלאָכים.

קומט אַ פויגל צו פליען פון ערגעץ און שטעלט זיך אָפּ אויף דעם העכסטן מיטלסטן און טרוקענעם צווייג. אָ, וויפל מעשיות זיינען אונטער דעם בוים אויסגעדערציילט געוואָרן אין יענע צייטן, ווען ער האָט נאָך געשפּרייט אַ סך שאָטן אַרום זיך. איצטער איז

ער אַרומגעצאַמט. ווינציק שאָטן אַרום אים. טריקנט אַיין אין זיינע איגענע מחשבות. אפשר געדענקט ער נאָך די צייט, ווען ריזן זיינען דאָ געווען אין דער געגנט. און דערווידער זייגען אים די באַזוכער מיט די ניכטערע מחשבות.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן, און דער קינדערשער דמיון, וואָס האָט זיך צעוואַ־עמט, פאַ־נדיק קיין חברון, האָט איצ־טער זיך דערשראָקן פאַר די שאָטנס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט צופוסנס די בערג.

ניין, ניט אָנגעשלאָגן האָב איך זיך אין די טריט פון די ריזן.

צ פ ת.

אַזוי אָפּגעזונדערט פון דער אָפענער וועלט האָט זיך אײַנגע־וואָרצלט אין די בערג פון אייבערשטן גליל די שטאָט צפת. זי איז באַשיידן און צניעותדיק מיט איר צוגעטוליעטקייט צו די קנאָכיקע ריפּן פון די בערג.

די שוואַרצע באַזאַלט־שטיינער אַרום צפת באַווייזן, אַז גאָר נישט רויִק איז געווען אין די טיפענישן פון דער ערד, דאָרטן, וואו צפת האָט זיך אײַנגעעקשנט צו ציילן אירע דורות. אין די אוראַלטע צייטן האָבן דאָ פון וואַנע וואַלקאַנען געשטראָמט לאַ־וועשטראָמען און קענטיק איז נאָך איצטער זייערע שווערע שפּורן. פאַרגליווערטע, צעפּלאַצטע, גרוי־שוואַרצע באַזאַלט־גליבעס זיינען אײַנגעגעסן אין דער ברוינלעכער און פרוכטבאַרער ערד. מער שטיין ווי ערד דערשיינען צום אייבערפלאַך. אין דער זוניקייט גליט עס און טריקנט און מאַכט, אַז די געגנט זאָל אויסזען אַ פאַרשאָל־טענע.

פונדעסטוועגן האָט זיך אַ שטאָט אײַנגעעקשנט, דאָ צו נאָגן חיונה פון דער אומרויִקער ערד. אין וויפל מאָל די ערדציטערניש האָט נישט געפרוווט די שטאָט צפת אַראָפּצוטרייסלען פון די בערג־ריפּן, איז דאָס אַלץ נישט געלונגען. ירושלים איז אַזוי פיל מאָל חרוב געוואָרן פון מענטשנס האַנט, פון פעלקערס ליידנשאַפטן, חרוב געוואָרן און אַ מיסטעריעזע האַנט האָט די שטאָט צוריק אויפ־געבויט. אין צפת הייבט זיך די היסטאָריע כּסדר אָן פון איין ערדציטערניש און ציט זיך ביז אַ צווייטער. מיט ניינציק יאָר צוריק איז געווען אַ גרויסער „רעש“, כּמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן איז די עקשנותדיקע שטאָט, און איצטער איז נאָך אַלץ צפת דער פאַר־באָרגענער חן פון אייבערשטן גליל. ירושלים פאַרמאָגט יוגנט־לעכע חוצפּה, אַזוי זיך אַרויסצוהייבן אין דער אָפנקייט, אָפּצו־

דעקן די טויערן פאַר די פיר ווינקלען פון דער ערד. ירושלים גלויבט נישט אין חורבן. אָבער צפת האָט זיך אויסגעהאַלטן נישט איפצונעמען דעם קאַמף מיט דעם מענטשנס בלוטדאָרשטיקייט און שטענדיקער תאווה צו דעראָבערונג. צפת האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון מענטשנס איג און אין אירע באַהעלטענישן האָבן אונזערע יידישע גענעראַלן מלחמה געהאַלטן מיטן שטן, מיט דער סיטרא-אחרא. דאָ האָט מען באַקעמפט אין זיך אַלע קערפּערלעכע ליידנשאַפטן. דאָ האָבן אונזערע העלדן, „גיבורי-הרוח" געוואָלט אײַנגאַנצן אומברענגען דעם זינדיקן גוף און מיט דעם די נשמה לייטערן, ביז זי וועט אָנצינדן די גאַנצע וועלט מיט איר ליכט.

כאָטש אין ירושלים איז קאָנצענטרירט אַ סך פון יידישן מדות. כאָטש ירושלים האָט געהאַט דאָס הייליקסטע פון אַלע הייליקייטן — נאָר ירושלים האָט זיך אָנגעזינדיקט געגנוג. ירושלים „האָט אין אַלע פאַלדן געהאַט טומאה". און די ירושלים, וואָס באַדאַרף נאָך אויסגעלייזט ווערן, האָט אַליין פאַר זיך נישט געקענט אײַנרייסן די וועלט. פאָלקס-דערלייזער האָבן זיך פאַרקליבן אין די בערג פון גליל. און דאָ, אין צפת, וואָס איז הויך אין די בערג, ווי ירושלים, דאָ האָט די שכינה אַ סך געטרויערט. אַהער האָבן געצויגן מקובלים פון גאָר דער וועלט. דאָ האָט דער יידישער מוח געברענט און געפלאַקערט.

אָ, וויפל בענקשאַפט, וויפל השתפכות-הנפש עס האָט פון צפת געצויגן צו אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד! דאָ האָט זיך נישט נאָר איינמאָל די יידישע נשמה פאַרגאַנגען, ווי אַ קליין קינד, ווען די מוטער פאַרלאָזט עס אויף לאַנג. דאָ האָט מען אויך דעם יידישן גוף פאַרמשפּט, ער זאָל אָפּקומען וואָס מער; ער זאָל פאַרנעמען אַזוי פיל סיגופים און פּלאָגעניש, ביז די נשמה וועט ווערן אויסגעלייזט פון אירע ערדישע שטויבן און דערביי אויסלייזן די זינדיקע וועלט פון איר שטענדיקן וויגן זיך צווישן לעבן און טויט. אַלע צרות, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן קאָפּ פון די יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, די ווייגעשרייען פון די, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואַרפן אויפן שייטערהויפן, די פאַרמשפּטע פון דער אינ-

קוויזיציע — זייערע ווייַעשרייען האָבן געקראָגן אַן אָפּקלאַנג אין צפת, וואָס אין די הויכקייטן פון איבערשטן גליל.

דאָ, אין צפת, האָבן די בעלי-מקובלים דערשפּירט די יידישע מיסיע. דאָ האָבן זיי געשפּירט די חבלי-משיח; דאָ האָבן זיי פאַרנומען די קייטן פון געשמידטן משיח. פון דאַנען האָבן זיי דערבליקט זיינע גליענדיקע וואונדן. דאָ האָט מען דעם גוף געפּייניקט מיט תעניתים; דאָ האָט מען זיך פאַרמוחט, ביז פונקען האָבן זיך געטראָגן פון די איגן, הייליקע פונקען, וואָס האָבן פון דער איגענער נשמה פייערדיק אויסגעשפּולט. פון דאַנען האָט מען געוואָלט כשרן זינדיקע וועלטן, לייטערן און מסגל מאַכן די ערד, זי זאָל קענען איפּנעמען די ריינע, געלייטערטע טריט פון מלך-המשיח. דאָ האָבן געבליט האָפענונגען און אַנטוישונגען. דאָ האָט מען די נשמה-וואַכקייט דערבראַכט ביז צו פאַרחלשטקייט.

דער זעכצנטער יאָרהונדערט איז געווען פול מיט נסיונות פאַר דער יידישער נשמה און אין צפת האָט מען פאַר איר אויפגעשטעלט די האַרנע. ר׳ יצחק לוריא, אָדער „דער אַר״י״, ווי ער הייסט ביי די מקובלים, און שפּעטער ר׳ חיים וויטאַל, זיי האָבן ממש די געטלעכקייט אַוועקגענומען פון ירושלים. אין צפת איז געווען דער לוג-אָרט, פון וואַנען מען האָט אויסגעקוקט די טריט פון משיח. דאָ, אין צפת, האָט אויך אין דער ערשטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט געפּייניקט זיין לייב דער מאַראַן שלמה מולכו, דער פון מלכותדיקע פאַלאַצן אָנגעקומענער, און וואָס האָט דאָ געגרייט זיין גייסט צו קענען איפּנעמען די לייצעס אין דאַנט, און זיין דער פירער פון פאָלק ישראל. און דאָ האָט ער אויך זיין לייב אויסגעפּייניקט, אַז ווינציק זאָל בלייבן פאַרן פייער, ווען מען האָט אים שפּעטער פאַרברענט אויפן שייטער-הויפן.

* *

איצטער איז צפת דער וויכטיקסטער אַרויסבליק צום עבר-הירדן. אַזאַ לויטערקייט שפּרייט זיך פון די הויכקייטן אַרום צפת, וואַהין מען זאָל נישט ווענדן די אויגן. אין מזרח-זייט, טיפער אין

דער נידער, שפרייט זיך דער ים-כנרת. אַ גענוגנדיקע ווייטקייט פון צפת און מיט אַ פיר טויזנט פוס אין דער טיף ליגט דער כנרת, נאָר ער רופט אַרויס אַזאַ צאַרטע בענקשאַפט, ווען מען קוקט צום כנרת פון צפת אין פרימאָרגן, אָדער פאַרנאַכט. פון צפת האָט געצויגן אַן איסגעטראָטענער שטעג באַרג-אַראָפּ צום ירדן-טאָל, ביז צו טבריה. געווים האָבן פון צייט צו צייט זיך אַוועקגעלאָזן יענע בעלי-מקובלים צו שפּיגלען זייערע איסגעצערטע געשטאַלטן אין ים-כנרת. איצטער איז דאָס נישט ווייט. דויערט בלויז אַ-יבער אַ שעה פון צפת ביז טבריה. נאָך פון אַ טיף פון עטלעכע הונדערט פים אונטערן ים-פלאַך צו דער הייך פון צפת. בייט זיך די אַטמאָספערע און עס בייטן זיך די שטימונגען. ווייטער צו דרום-מזרח, אַריבער דעם כנרת ציען זיך אין געקאַבטע שורות די גולן-בערג; ווייטע חעלטן, אומבאַקאַנטע ווייטקייטן. אין דרום-זייט דערהייבט זיך דער באַרג תבור און צעשניידט פאַר בליק דאָס לאַנד, כאָטש עס באַווייזט זיך אין דער נידער אַ טייל פון עמק-יזרעאל און העט, ווייטער, די שומרון-בערג.

איצטער ליגט שלווה אַרום צפת. בלויז דער וואַכעדיקער באַזוכער, וואָס טראָגט זיך אַהער מיטן אויטאָמאָביל, ער ברענגט דעם דו-דאָ אין דער דורכגעזיפּטער אַטמאָספערע אַריין. קיין צו גרויסע מאָנומענטן פון דעם עבר אינזערן פאַרמאָגט נישט צפת גופא. די שול פון דעם אר״י, וואוהין דער שמש פירט באַווייזן, וועקט נישט דעם געמיט. און די סימנים פון קרייצצוגלער זיינען דאָ נישט אַזוי באַדייטנד.

אין דער נידער, אין די ענגע געסלעך צונויפגעדריקט, ליגט דאָס יידישע לעבן. די לעצטע וועלט-מלחמה האָט שטאַרק צעטרייסלט דעם ישוב. אַ דריטל איז געבליבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן זעען זיך אָן די בערך ״דריי טויזנט יידישע נפשות זייער שטאַרק. די גאַנצע באַפעלקערונג פאַרמאָגט קרוב פון צען טויזנט נפשות. דאָ, ווי אין ירושלים, איז דער רוב מנין פון חלוקה-יידן, וואָס האַלטן אונטער דעם אַלטן גייסט פון ארץ-ישראל. זיי שפּרייטן דאָ מיט זייערע פאַוואָלעדיקע טריט דורך צפתער שמאָלע געסלעך און פלאַנצן דאָ אַיין זאָרגלאָזיקייט. די לומדי-

תורה, אין די געקאָלירטע זשופּעצעס רייסן די גרויקייט אין די גאַסן, וואו בייטאָג שווימלט עס מיט מאַ־ק און וואָכעדיקייט. נאָר די צייט טוט זיך אויס. דער נייער ישוב האָט קיין צפת פאַרטראָגן דעם גייסט פון אומרו צו דער יוגנט. און אויך קיין צפת, די שטאָט פון געדיכטן מיסטיציזם, האָט זיך פאַרטראָגן די ניכטערקייט.

אין גאַס האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ בחור, האַלב פרום און האַלב היינטוועלטיק. אַ ביסל פאַרשעמט פאַר זיינע אייגענע רייד, האָט ער מיך געפרעגט:

— פאַרוואָס קוקן נישט אַריין אין אונזערע הערצער אַלע אייערע שרייבער, וואָס קומען אַהער? איך זיינען נעענטער די אַלטע קברים, איר קומט אַהער זוכן די שפּורן פון די אַמאָליקע בעלי־קבלה — איר באַמערקט גאָרנישט די טראַגעדיע פון היינטיקן בחור, אָדער מיידל, דאָ אין צפת.

איך מוז מיר מודה זיין, אַז דאָס איז מיר געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז איך האָב נישט געוואוסט, וואָס אים צו ענטפערן. זיין באַוואוסטזיניקייט צו דעם, וואָס קומט איצטער פאָר אין לעבן פון ארץ־ישראל, איז געווען אַ גאַנץ פאַרנעפּלטע. ניבער פון אַלץ האָט ער פון צפתער הויכקייטן אַריבערגעקוקט ווייט, אַריבער די גרענעצן פון ארץ־ישראל אַפילו. שווער געווען צו באַשטימען, וואוהין עס טראָגט זיך דער מהות פון אַזאַ יונגנמאַן. און געווים איז ער נישט איינער אין ארץ־ישראל, וואָס גיט אַוועק זיינע טעג און יאָרן דעם אַלטן בית־מדרש און שרעקט זיך פאַרן רוף פון לעבן. וואָס רייסט זיך אַריין אין קול־התורה. איך האָב אים געפרעגט:

— זיצט איר נאָך איבער דער גמרא?

ער האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פאַר מיין שאלה, און באַלד צוגעגעבן:

— איצטער בלאָזט שוין אַ גאָר אַנדערער ווינט אין צפת, כאָטש אַזוינע ווי איך ווערן דאָ איצט גערודפט.

עס האָט זיך געטראַכט נישט ווילנדיק פון די אַלע מינים ווינטן, וואָס בלאָזן איצט אין ארץ־ישראל. פאַרהאַנען ווינטן, וואָס בלאָזן

נאָך גאָר לינד און ווי זיי קומען, אַזוי גייען זיי אַוועק. ארץ־ישׂראל האָט דעם כּוח צו קאָנסערווירן אַפילו גײַסט אײַך. עס ווערט שווין אַליין פֿון זיך אױפֿגעשטעלט איין גדר נאָכן אַנדערן, אַז חלילה זאָל נישט געמינערט ווערן דאָ און דאָרטן פֿון דעם, וואָס די חכמים האָבן אַמאָל, גאָר אַמאָל געזאָגט.

דאָ, אין צפֿת, איז דער פֿאַרבאָרגענער ווינקל אין ארץ־ישׂראל, וואו אַלטע קבֿרים ריידן נאָך צו אַ סך אַפילו פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער יוגנט. טראַכטנדיק שפּעטער פֿון יונגגמאַן, וואָס האָט מיר דערציילט פֿון די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן אין צפֿת, האָב איך מיר דערמאָנט, אַז דאָ האָט מען זיך יאָ אַמאָל געשטעלט אויף דער זייט פֿון די נייע ווינטן. און דאָס איז געווען אין סוף פֿון דרײַצנטן יאָרהונדערט, בשעת אַ גרופּע מקובלים, וואָס האָט זיך באַפֿעסטיקט אין עכּו, בראש מיט דעם פּראָנצויזישן רבֿ ר׳ שלמה פּעטיט, זיי האָבן אין חרם אַרײַנגעוואָרפֿן דעם רמבּ״מס פֿילאָסאָפֿישע ווערק. זיי האָבן פֿאַרמשפּט זײַנע ספֿרים צום פֿאַרברענען. יעמאָלט דווקא האָבן די רבנים פֿון צפֿת זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון רמבּ״ם. זיי האָבן פֿון זייער זייט געוואָרפֿן אין חרם יעדן איינעם, וואָס האָט געשענדט דעם רמבּ״מס נאָמען.

* *
*

פֿונדעסטוועגן, אַז מען גייט אום דורך די שמאָלע געסלעך אין דער נידער, וואו דאָס ביסל ייִדישע אָרעמקייט וויקלט זיך אין אַלטע טראַדיציעס, יעמאָלט, ווען עס קומען דיר אָן אַ שורה קעמלטרייבער פֿון עזגעץ, די קעמלען געלאָדן מיט אַלערליי סחורות, און ווען די קעמלען הייערן דאָ און דאָרטן משא פֿון זיך אַראָפּצולאָדן — פֿאַרגעסט מען, אַז צפֿת האָט אַרײַנגעלעבט אין היינטיקן יאָרהונדערט; פֿאַרגעסט מען, אַז דאָ אונטן, אין טאָל, רייסן שטיקער פֿון מאַמע ערד די, וואָס האָבן יאָ געבראַכט אַנדערע ווינטן, שאַרפֿע ווינטן אין זייערע פֿאָלעס.

די מיסטישע כּוחות, וואָס האָבן זיך דאָ איינס פֿון אַנדערן אַרויסגעוויקלט אין די פֿאַרגאַנגענע דורות — זייער צייט איז איצטער אַ פֿאַרגאַנגענע. ווינציקער פֿון אַלץ נייטיקט זיך איצטער דאָס ייִדי-

שע לעבן און איבערגעטריבענע חלומות. און נאָך ווינציקער איז דאָס איצטער יידיש נישטווענדיק. איצטער איז אַ דור פון וואַך זיין, כּמעט פּעסימיסטן וועלן אויפוויזן, אַז די דורות פון אַריסטאָקראַטישע חלומות דיינען געווען נוציקער פאַרן יידישן קיום, ווי די איצטיקע דערוואַכונג. און דעריבער, דווקא אין ארץ־ישראל, אין ירושלים, צי אין צפת לעבט די גרויסע געגנערשאַפט צום ראַדיקאַלן אויפבוי פון ארץ־ישראל. דער פרומער קלאַס, וואָס וויל נישט איבעררייסן דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן חלום פון דער אמתער גאולה, וואָס וועט ברענגען דעם מלך־המשיח, אָט דער, וואָס וועט קומען ווי אַן אָרעמאַן צו רייטן אויף אַ ווייסן אייזל — די פרומע לייט פון ירושלים און פון צפת פאַרנעמען די דאָזיקע טריט נאָך איצטער אין חלום. זיי, די בעלי־חלומות, גרילצט אין די אויערן די העברעישע שפּראַך און רעכענען עס פאַר אַ גרויסע פאַרשוועכונג אַרומצושלעפּן די „הייליקע שפּראַך" איבער די גאַסן פון דער יידישער וואָכעדיקייט. דווקא זיי עקשנען זיך און ריידן יידיש, די וואָכעדיקע שפּראַך, די אַזוי נישט־באַליבטע אין ארץ־ישראלס אויפגעוואַכטן לעבן.

צפת איז אַ סימבאָל פאַר יידישער עקשנות און יידישן גייסט, וואָס האָט זיך כּסדר געקליידט אין פאַרבן פון בין־השמשות. דאָ, אין ארץ־ישראל, האָט עס מיר באַנג געטאָן, פאַרוואָס דער בין־השמשות איז אַ קורצער. דער טאָג אַוועק — די נאַכט קומט אָן. און ווען די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ איבער צפת און דער שווער איינגעשטערנטער הימל שפּרייט זיך אויס איבער דער גאַנצער געגנט, יעמאָלט וויקלט זיך אַרויס אַ בין־השמשות פון דער נאַכט אַרויס. דאַכט זיך, די בערג אַרום הייבן זיך אָן צו באַוועגן און זיי וואַנדערן איבער פון איין אָרט צום אַנדערן. דער כנרת בייט אויך זיין אָרט. און די אונטערערדישע כּוחות, וואָס האָבן זיך אַזויפיל מאָל פאַרמאָסטן אַראָפּצוטרייסלען צפת פון איר פונדאַמענט אַראָפּ, זיי האַלטן אַיין דעם אָטעם, זיי פאַרשווערן זיך, נישט צו ברענגען מער קיין צעשטערונג.

ביינאַכט האָט עס געצויגן פון דער טיף צו מיין אָפענעם פענסטער אויפן דריטן שטאָק אַ מעלאַנכאָליש געזאַנג. אַ מתמיד האָט זיך פאַרגאַנגען אויף זיין קול און אַזוי דורכדרינגענדיק דורך דער

נאַכט האָט זיך אַרויסגעקייקלט זיין גאַנג. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שעה אין דער נאַכט דאָס איז געווען. איך האָב נישט געקענט אויסגעפינען די גרענעצן צווישן צייט און צייט, צווישן דור און דור. אַז איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער אין דער נאַכט אַריין, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז לאַנג, לאַנג דויערט די דאָזיקע אויסגעשטערנטע נאַכט. וואָרעם ווען טאָג זאָל באמת קומען, ווי מען מיינט, וואָלט די וועלט און דער מענטש אויף דער וועלט אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם פאַרפלאָנטערטן גורל. עס האָט זיך געטראַכט, אַז נישט אומזיסט רעכענען די אינדוסן די לעצטע פינף טויזנט יאָר פאַר איין לאַנגן פינסטערן דור... דער גמרא־ניגון איז געקומען פון דער נידער, פון דער טיף, וואו די יידישע הייזער טוליען זיך צום שפיץ פון באַרג. די שטימע איז געווען אַ יונגע, אַזאַ, וואָס האָט נאָך גאָרנישט לאַנג אָנגעהויבן צו זינגען אין דער נאַכט אַריין. דאָס איז אויך ארץ־ישראלס ווירקלעכקייט. ווייל נאָך געגנט זיינען פאַראַן פאַרבענקטע אין ארץ־ישראל, וואָס ווילן נישט גלויבן אין יידישער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל...

דאָ פרעגט נישט נאָר איינער: „שומר, מה מלילה?..." — וואָס זאָגט עפעס דער שומר פון דער נאַכט אַרויס?

פונדעסטוועגן איז די נאַכט אַריבער און אינאיינעם מיטן זונאויפגאַנג האָט זיך אָפּגעדעקט דער מזרח־דרום, וואו דער ים־כנרת האָט געלויכטן ווי זיין שטיגער איז אויף זיין באַשטימטן אָרט. געלויכטן אין זיין בלויער פאַרחלומקייט. ווייל מיט ארץ־ישראלס אַ לויטערן טאָג פירט איך אָן דער האַר פון די חלומות.

יאָ, אַרום צפת קען מען נאָך איצט היינט חלומען אויף דער וואָר.

פאָלק ישראל טאַנצט.

טאַנץ איז געקומען צום מענטשן אינאיינעם מיט געזאַנג. און ביידע — פריער פון וואָרט. ווי די פרייד, דער לעבנסקוואַל, איז געקומען פריער פאַר טרויער.

טאַנץ איז דער אויסדרוק פון פרייד ביים פרימיטיוון מענטשן און ווען טרויער איז געקומען און געפונען זיין אָרט אין לעבן, האָט ער אַ פאַרגליווערטן שטילשווייגן געבראַכט צום לעבן. טרויער-געזאַנגען זיינען אויפגעקומען אויפן קבר פון פרייד. די אמתע פרייד האָט זיך כמעט אויסגעלעבט ביים מאָדערנעם מענטשן און איר אָרט האָט פאַרנומען טרויער. טרויער-טענץ און טרויער-געזאַנגען זיינען אַ שפּעטערדיקע דערגרייכונג. השק צו פאַרטאַנצן אַ צער, אַ טיפן יאוש, איז שוין באַלד געוואָרן אַ קולט ביים מאָדערנעם מענטשן.

דעם יידנס טענץ זיינען אויך געווען אַמאָל קינדער פון דער פרייד. זיי ווערן דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט פריידהייט און נצחון. מיר האָבן אויך רעליגיעזע טענץ געהאַט. און בשעת מען האָט געטריבן יידן פון שפּאַניע, ווען דער ווי איז געווען נישט איבערצוטראָגן און געוויין האָט זיך געריסן פון האַלד און אייגן, יעמאָלט, שוין ביים טויער פון לאַנד, האָבן אַנדערע גובר געווען דעם טרויער און אַרויס אין אַ טאַנץ מיט די פּעקלעך אויפן פלייצע, מיט מצבות אָנגעלאָדענע אויפן אַקסל און מיט קראַנקע קינדערלעך אויף די הענט.

נישט פריילעכע זיינען געווען אונזערע טענץ. און אַז מיר האָבן זיך אַריינגעלעבט אין אונזער צייט אַריין, און אַז מיר האָבן זיך אויסגעמענטשלט מיט מענטשן צוגלייך, האָבן מיר אויך אָנגעהויבן צו טאַנצן מיט דער וועלט אינאיינעם. איז עס אַוועק, אַזש פון פאָקס-טראָט ביז טשאַרלסטאָן. נאָר עס טאַנצן נאָך

אַ ביסל יידן דעם יידישן טאַנץ אין שמחת-תורה און אויך חסידים אַרום רבינס טיש טאַנצן. און מען טאַנצט ביי יידן אויף אַ חתונה, פאַר דער חופּה מיטן טרויערדיקן, וויינענדיקן ניגון; נאָך דער חופּה, ווען שוין מיט אַ ביסעלע משקה אין קאָפּ — קומט אַ פריילעכס... נאָר עס קאַפּען איך טרערן ביי עמעצן. אַי, ווי עמעצן ווילט זיך עס וויינען אינמיטן טאַנץ... אַי, ווי עמעצן ווילט זיך עס אַרויסנעמען אַ טיכל און פאַרדעקן דאָס פּנים! מיר ווייסן עס. מיר קענען עס. דאָס איז אונזערס. און טאַקע נאָך די טענץ איז געקומען באַזעצנס, מיט דעם באַרימטן: „ויין, כלה׳לע, וויין...“

זיינען מיר דאָך אַ פאָלק, וואָס איז געקומען צום וואָרט אַזוי פרי. מיט אַזאַ ערנסט האָט דורך אונזערע גאָטס שטימע אַליין גערעדט: געהייסן אַוועקוואַרפן קינדערשטיק. צו קיין אָפּגעטער נישט דינען. צו די צייכנס פון דער נאַטור זיך נישט צוהערן. צו דער אמתער פרייד פון לעבן זיך נישט גיבן. נישט פאַרהאַנען ביי יידן דער „אָדלער-טאַנץ“, דער „זונען-טאַנץ“, ווי ביי די רויטע אינדיאַנער אין אַמעריקע. נישט פאַרהאַנען ביי אונז און אויך נישט ביי די קריסטן דער „זאַנגען-טאַנץ“, דער טאַנץ פון די כוואַליעס, אָדער דער „שטורעם-טאַנץ“, ווי ביי די פּאָלינעזער שבטים אויף די דרום-אינזלען. דביקות אַ ביסל האָבן מיר אייגענע. השתפכות-הנפש בשעתן טאַנץ האָבן מיר אייגנס אַ ביסל. אַ זוך מיטן האַנט אין לערן חלל, אַ פּרוו מיט דעם טראָט די ערד — צי די ערד איז זיכער אונטער די פיס — דאָס אַליין.

יאָ, ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַ בעל-שמחה, וואָס שמחת-תורה איז נאָר קיין סוף נישט געווען צו זיינע פריידיקע אויסברוכן. אַ גאַנצן טאָג אַזוי. קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט און מיט אים מיטגעטאַנצט. נאָר שטענדיק האָט זיך עס געענדיקט פאַרנאַכט-צו, ווען ער איז געלעגן אַ מידער אינמיטן מאַרק און געקלאָגט אויפן הויכן קול... קינדער האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם באַשייד פון זיין געוויין און האָבן אויך געווישט די טרערן פון די אויגן...

* * *

אינאיינעם מיט דער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל האָט זיך בײַ די חלוצים דערוועקט אין די ביינער דער חשק צו טאַנצן. און נישט קיין יחידות־טאַנץ! אין ארץ־ישראל האָט זיך אַרויסגעוויזן דער קשר צווישן שטרעבן און דערגרייכונג. בײַ די חלוצים איז אויפגעקומען דער צייכן פון דער נייער צייט, דער צייכן פון אַ קאָלעקטיוון ווילן. און אַזוי איז אויך אויפגעקומען דער טאַנץ, אַ געבונדענער, אַ קאָלעקטיווער. נישט קיין ברוגז־טאַנץ פון יחיד איז זיין קרייז, נאָר דער „אורה־טאַנץ" פון דער מאַסע. אַז איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אין די ירושלימער צריפים פון די חלוצים די פּאָר הונדערט הענט אויף אַקסל שווער און דיכער פאַרלייגטע, בחור און מיידל אין טאַנץ, וואָס האָט די ערד געמאַכט זיך וויגן אונטער די פיס און אַז דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג— אַזש דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך פאַרגאַנגען מיט אַ פאַרשלאָגענעם אָטעם אין טאַנץ — — — יעמאָלט האָב איך געפילט, אַז מען האָט פאַרטאַנצט קרחת. יעמאָלט האָט מען הונגער פאַרטאַנצט. יעמאָלט האָט מען יאוש פאַרטאַנצט; יעמאָלט האָט בײַ מיר זיך עפּעס אָפּגעריסן אין מיין מהות און איך האָב זיך אַליין געפרעגט:

„טאַנצט טאַקע פאָלק־ישראל אַזוי? האָט די פרייד צו אונז זיך אומגעקערט? איז דאָס וואָרט אויף אַ ווײַלע שטום געוואָרן? איז געזאַנג איצט העכער איבערן לעבן? איז טאַנץ אויך בײַ אונז פון איצטער אָן דער מושל איבער טרויער? און איז טאַקע ארץ־ישראל־אַטמאָספערע אַרום און אַרום מסוגל דערפאַר? עס קומט דאָך ווידערגעבורט, אַ מין תחיה בײַ אונז, ווי בײַ לייטן... און ווי גוט איז עס צו שטיין בײַ אַזאַ מין תחיה, וואָס איר אַנזאָג איז געזאַנג און טאַנץ!"

טאַנצט אָבער פאָלק־ישראל זיין טרויער אויס אויך אין ארץ־ישראל. און אַלע אינאיינעם, אַלט און יונג שליסט זיך אין טאַנץ. אַלע, פרום און פריינגעשטימט, אַלע, אַלע אין דעם טאַנץ. דאָס געשעט ל״ג־בעומר, אַרום דעם קבר פון רבי שמעון בן יוחאי, דער תנא, וואָס האָט געזוכט יחודות, זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט. געזעסן אין אַ הייל און, ווען אַרויס אויף דער פרייהייט,

דאָט זיין בליק פייערדיק געברענט. אויך וואָס זיין בליק איז געפאַלן — איז אַוועק מיט פלאַמען.

* *
*

איך האָב מיך אויך ערב-ל״ג-בעומר געלאָזן קיין מיראָן, וואָס ליגט נידעריקער אין טאָל ביי צפת. אַהין האָט געצויגן יונג און אַלט. די וועגן זיינען געווען פול מיט לעבן. בחורים און מיידלעך, באַזונדער און שורותווייז, פוסגייער. דאָ און דאָרטן רוט מען ביים וועג אונטער אַ בוים און מען גייט ווייטער. פון עמק-יזרעאל איז נעענטער. פון עמק-הירדן — נאָך נעענטער. נאָר ווייט איז צפת און מיראָן פון יהודה און אומגעגנט. אויפן וועג באַגעגנט מען זיך. מען פרעגט זיך אויס פון וואַנען און וואָס? און מען טיילט זיך מיטן קרייז. נישט צו דערקענען, אַז דאָס גייט דער עולם צום גרויסן טאַנץ, וואָס וועט אָוש ביז צום פאַרגעסן אַלע קרייזן טרייבן די בלוטן און די אָדערן.

און צפת האָט דער עולם זיך געקליבן אַ גאַנצן טאָג. די שטאָט צפת האָט געאָטעמט מיט אַ טיפן באַגערן זיך אָפצורייסן פון איר בערגיקן פונדאַמענט און אַוועקלאָזן זיך קיין מיראָן, וואָס אין טאָל. צפת אַליין איז איצטער געבונדן. אַ ריינעם צפתער טאַנץ קען מען איצטער מער נישט זען, ווען די יוגנט, ווען העגט, וואָס האָבן זיך אַליין מפקיר געווען פאַר שווערער אַרבעט, זיינען אַהער אַרויס צו דערלייזן זיך אין טאַנץ.

— און פאַרוואָס איז געקומען דאָס חלוצים-פאָלק אַהער, קיין מיראָן, זוכן אַ וועג פאַר דער פרייד, וואָס האָט זיך געוואָלט צעוויינען אויפן הויכן קול? און פאַרוואָס דווקא ביים קבר פון רבי שמעון בן יוחאי?

דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן פון האַלז ביים יונגן עולם, האָט נישט איבערצייגט אין קיין שום תחיה. ווייל שווער איז געפאַלן אויפן געמיט דער טרויער, וואָס האָט זיך אַראָפגעלאָזן אויף דער געגנט אינאיינעם מיט דער אויסגעשטערנטער נאַכט דאָ, צופוסנס פון די בערג. — — — דאָ האָב איך געטרונקען די אמתע מאָס פריידיקן טרויער, אָדער טרויערדיקע פרייד. איך האָב זיך

געטוליעט צו דער יוגנט, כּדי זיך אָפּצופּרישן, און וואָס מער עס האָט זיך געכוואַליעט דאָס געזאַנג מיט דעם: „רבי שמעון בר יוחאי חי"... — אַלץ ווייטער און ווייטער האָט עס מיך אַרויסגעטראָגן פון די פריידיקע גרענעצן.

אַהער, קיין מיראָן, וואָס בײַ צפת, זיינען אויך אָנגעקומען ייִדן פון סיריע און מצרים; בוכאַרער ייִדן און קאַווקאַזער, תּימנער און ספרדים. פון ווייט געקומען מיט האַק־און־פּאַק. מיט קינדער און קינדס־קינדער, זיידעס, באָבעס און אייניקלעך און אַ סך שמאַטעס און פּעקלעך. מידע גופים אײַנגעוויקלט אין פאַרביקע קליידער. אַזוי זיינען זיי געקומען פון ווייטן וועג און אַזוי זיינען זיי מידע אַוועקגעפאַלן אַרום קבר, שווייגנדיקע מיט שוואַרצע גליענדיקע אויגן — נאָך מער ווי ייִדישע אויגן. אַנטקעגן זיי איז אָנגעקומען דער שטראָם פון חלוצים און חלוצות, אין גרינגע קליידער, מיט נאַקעטע פיס און פאַרשאַרצטע אָרעמס, מיט אַנטבלויזטע קעפּ און דורכגעזוניקטער הויט אויף האַנט און פּנים. דאָ האָבן זיך בליקן באַגעגנט, זיך אָנגעקוקט און געשוויגן. נישט פאַרשטאַנען זיך.

די, פון ווייט געקומענע, האָבן געבראַכט סודות מיט זיך, עפּעס פון משיח־ווייען און בענקענישן צו דערלייזונג. און די נאָענטע, היינטיקע, מיט אָנגעגריפענער דערלייזונג, מיט אַ האַלבן חלום אַ פאַרווירקלעכטן, מיט אַ האַלבער האָפענונג אַ צעשטערטע. דאָ איז אַ שטומער צוזאַמענטרעף. אַ ווייט־נאָענטע באַגעגעניש. אַהער איז געקומען דער פאַרסלאַווישטער ייִד און זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם אמתן מזרח־ייִדן, ווענעם פּסיכאָלאָגיע עס איז אונז כּמעט אינגאַנצן אַ פרעמדע. און דאָ גאָר, בײַ די קברים, איז די באַגעגעניש.

די קברים זיינען אַלטע. אַ גרויסער אהל, אַ שול אַ גאַנצע, איבער די קברים. אויבן — דער געוועלבטער דאַך, וואָס נעמט אויף זיך אַרויף גאַנצע מחנות מענטשן. אויבן, אויפן דאַך — צוויי מזבחות, זיילנמעסיקע, אויסגעהוילטע. אַהער ברענגט מען זיידענע קליידער און שטיקער שטאָף פון לייב אַראָפּגעריסענע. אַהער ברענגט מען בוימל פלאַש נאָך פלאַש. די קליידער שטאָפּט מען אין מזבח אַרײַן. דעם בוימל גיסט מען פון אויבן. מיט תּפילות אויף די ליפּן שטופּט מען דאָס אָפּגעניצטע זיידנס אין מזבח אַרײַן און מיט געצאַמטן עקס-

טאַז גיסט מען דעם אייל. טוען עס מענער, פֿרויען. טוען עס אַלט און יונג.

אונטן, אין אוהל, די קבֿרים פֿון רבי שמעון בר יוחאי און זיינע זין; די קבֿרים פֿון נאָך תּנאים. מײַערלעך אַרום די קבֿרים און צו די מײַערלעך קלעפּט מען ליכט און זיי ברענען און שמעלצן זיך. צום מויער קלעפּן זיך באַטריבטע מאַמעס, האַלב־פֿאַרווירטע אין זייער השתּפּכות־הנפֿש. טריפֿט דער חלבֿ פֿון די ליכט אויף זייערע בגדים — זיי זעען נישט. טריפֿט דער חלבֿ און פֿאַרטריפֿט דעם קאָפּ, די האָר — מען שפּירט עס נישט. דאָ איז אַ פֿאַרלאָרנקייט. דאָ איז אַ מינוט פֿאַרן אומקום. דאָ איז אַ טריט פֿאַרן תּהום.

אָ, וואָס זיינען עס פֿאַר אַ טרערן! אַזוי רייסן זיך נאָך אַריין מוטערס צום אָרון־קודש, ווען דער ציטעריקסטער פֿון שטובֿ האַלט ביים אויסגיין. — ווער גייט דאָ אויס? ווער איז דאָ דער ציטעריקער? ווער טרינקט זיך דאָ? גייט עס אונטער ערגעץ דאָס גאַנצע פֿאָלק ישׂראל? נאָר אַהער האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון אונטערגאַנג אָט־אָ דער געמיט פֿון מענטשן, אַהער דערלאָפֿן אַיינרייסן קבֿרים און צערייסן דערמיט דעם גזר־דין? איך האָבֿ נאָך קיינמאָל אַזעלכע צוקנדיקע ליפּן נישט געזען און אַזעלכע פֿאַרצאָקטע געמיטער נישט געשפּירט אַרום זיך. איך האָבֿ נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט אַזאַ יאוש איבער מיין קאָפּ און אַזעלכע ביטערע טרערן ביים זייט פֿון אַ קבֿר.

ליכטלעך שמעלצט מען צו צו די ווענט פֿון די קבֿרים און די ליכטלעך שמעלצן זיך. הונדערטער ליכטלעך. טויזנטער ליכטלעך. קליינינקע, דינינקע אַזוינע — מען זאָל קענען זען דעם אויסגאַנג זייערן. אויף וואָס איז דאָס אַ סימבאָל? אויף וואָס איז דאָס אַן אָנדייט? און אויך מענער שווער באַלאָדענע מיט טרויער און זאָרגן, אַזעלכע ערנסטע, שפּאַרן זיך אָן אין די קבֿרים, אויך זייערע זיפֿצן פֿאַלן שווער איבער די קעפּ פֿון די, וואָס ליגן אויף דער ערד אַרום די קבֿרים. און נישט די שווערע זיפֿצן פֿון מענער און געוויינען פֿון פֿרויען, זיי רירן נישט דעם געוועלבטן, שווערן סופֿיט, אויף וועלכן דאָרט אויבן, דרויסן, האָט זיך צוגעפֿגענומען אַ גאַנצער מענטשן־קנויל.

און פאַרן קבר, אין פאָדערשטן אוהל, טאַנצט דאָס פאָלק. צווײ קלעזמער. אַ קלאַרנעט און אַ פּויק. דער קלאַרנעט רײסט קברים און דער פּויק לײגט אײן די וועלט. פאָלק ישראל טאַנצט. אַלט און יונג טאַנצט. פאָלק ישראל וויל זיך אָפּרײסן פון דער ערד אינגאַנצן און פאַלט צוריק צו דער ערד. פון ווײט געקומענע, נישט פון ארץ־ישראל־ערד, צווײ יונגעלײט האָבן זיך אַוועקלאָזן אין טאַנץ און ווילן פון דער אײגענער הויט אַרויסשפּרינגען. אײן טענצער מיט פאַר־גלײזטע אויגן און מיט אַ שטעקעלע אין האַנט. ער און דאָס שטעקעלע אַ פּאָר. שײדן זיך נישט. אַמאָל פירט דאָס שטעקעלע אין לויפן און אַמאָל ער. דער טענצער וואַרפט זיך מיט די הענט צו דער סטעליע. פאַלט דאָס שטעקעלע צו דער ערד — פאַלט ער צו צו דער ערד. אָן אַ סוף העוויות; אָן אַ סוף תּנועות. ער טאַנצט אַנט־קעגן זײן חבר. טאַנצן אַרײן אײנער אין אַנדערן און טאַנצן ווידער אַרויס. דאָס איז אַ יחידות־טאַנץ, וואו צווײ ווילן אָן ווערטער, מיטן טאַנץ אַרויסשרײען פאַר דער וועלט זײער פאַרבענקטן ווי צו דער־לײזונג און קענען זיך נישט דערלײזן.

קומט אַרײן דער חלוצים־קאָלעקטיוו און פאַלט אַרײן אין אַ אומבאַגרײפלעכער שיכּרות. האַנט אויף אַקסל — און האָפּײ, און האָפּײ... עס בײגט זיך דער רינג אין אַ זײט און גלײכט זיך אויס... „רבי שמעון בר יוחאי חי!" אוי, ווײ געשריגן... מען וויל אויפוועקן די, וואָס רוען דאָ זײער אײביקע רו. און פאַר־וואָס האָט מען דווקא אויסגעקליבן צו שטערן די רו פון די דאָזיקע, וועמעס בײנער עס רוט דאָ אונטער דעם געוועלב? פאַרוואָס זײער רו צו שטערן, האָט זיך די ארץ־ישראל־וועלט אָנגעלײגט? פאַר־וואָס?

גײ ווײס דעם וועג פון מענטשנס געפילן. גײ מעסט זײנע טריט און וואוהין ער קען דערגײן!

חסידישע רבּיים זײנען געקומען פון ווײט און זײ איז מען מכבּד אָנצוצינדן די צווײ אָנגעלאָדענע מזבּחות; אָנצינדן די אין אײל־אָנ־געזאַפּטע זײדנס און אַטלעס און אַנדערע געוועבן. עס איז צום צום ערשטן מאָל זינט איך האָב באַזוכט אינדיע, וואָס איך זע אַ מין עבודת־אלילים צווישן אונזערע; אַ מין געצנדינסט. אַן עקסטאַז

ארץ־ישראל

אַזאַ, אַ פֿאַרלאָרנקייט אַזאַ — אַלץ קען דאָ געשען אין אַזאַ נישטיקייט.

פֿייער ברענט, ווער עס זאָל נישט צינדן. נישט נייטיק געווען קיין חסידישע רבֿיים פֿאַר דער הדלקה. געווים האָט אַ קינד געקענט אָנצינדן די אָנגעזאַפּטע שמאַטעס מיט אייל. עס וואָלט פּונקט אַזוי געלויכטן; פּונקט אַזוי וואָלט עס געפֿלאַקערט.

ביידע מזבחות פֿלאַקערן. די נאַכט ווערט שווערער אַרום און אַרום און די שטערן אין הימל פֿאַרלירן זייער לויטערקייט צוליב די פֿלאַקערן. שאָטנס וויגן זיך אַרום און אַרום. דאָס בילד איז מיסטעריעז, נישט פֿון אונזער לעבן אַרויס האָט זיך עס אויסגעשטאַלטיקט. עס איז בשום אופֿן נישט קיין סימבאָל פֿאַר דער נייער צייט. נישט קיין סימבאָל פֿאַר מסירת־נפֿש. נישט קיין ביישפּיל פֿון טענץ, וואָס זיינען קינדער פֿון פֿרייד און אַרבעט.

איך האָב זיך אַליין געפֿרעגט: „ווי קומען אַהער די חלוצים פֿון אַלע עקן לאַנד? די שטיינהאַקער, די קאַנאַלגרעבער, די אַקערער, די זייער, די שניטערס און די קי־מעלקער? ווי קומען אַהער די צעמענטגיסער, די פּעלזנרייסער, גערטנערער און בלומענפֿלאַנצער?“

חבֿרים זיינען געקומען צו דער הדלקה. ביאַליק קאָרטשעט זיך — עס איז אים דערווידער. שלום אַש איז טרויעריק — עס גלוסט זיך אים וויינען. און איך בין געקומען פֿון אינדיע, וואו איך האָב געזען אַזאַ מין עקסטאַז אַרום טעמפּלען צו דער געטין קאַלי און אַנדערע געטער און איך בין נשתומם אַזעלכעס נאָך ביי אונז צו געפֿינען...

ווי איז מיר ליבער געווען דער טאַנץ אין די צריפֿים נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. און ווי וואָלט מיר ליב געווען אַזאַ טאַנץ צו זען אין צענטער פֿון עמק־יזרעאל, צי אין יהודה — נאָך שניט, צי נאָך דרעשן! בעסער צו טאַנצן אַרום אַ קוואַל, וואו דאָס וואַסער איז געזונט געוואָרן צו טרינקען. בעסער צו טאַנצן מיטן פּנים צום זונאויפֿגאַנג, אויב טאַנצן איז שוין באַשערט...

פֿאָלק ישראל טאַנצט — איז זיין טאַנץ אויך אַרום קבֿרים. איז עס ביטער, ווי פֿאַלין, איז עס טרויעריק ביז צו דערוועקן אַלע טרערן־קוואַלן.

אינהאלט:

זייט

מכבייער בלוט 5

ארץ־ישראל, דאָס געבענטשטע און פאַרשאָלטענע לאַנד 13

צום קלאַנג פון אַקער און גראָבאייזן 20

„ניט פאַר קיין זילבערשטיקער וועט איר אויסגעלייזט ווערן" 27

די פרייד פון מדבר 34

אַכט טויזנט 41

דער ברודער־טיש 48

ביים קוואַל פון אויסגעווייטאָגטער פרייד 56

דער וועג צו יחידות 63

פון רייזל ביז שושנה 71

ירושלים 79

עטאַפּן פון יידישער בענקשאַפט 86

די בת יחידה 93

טוי און רעגן 101

עטאַפּן צו מאַמע ערד 108

אָדם ובהמה 116

די ליכטיקע אויג פון גליל 124

לעבן און היסטאָריע 130

אונזער צעשפּאָלטענע צונג 140

ערדציטערניש 149

אַראַבער 157

גרים און אָלטגעזעסענע 166

אַרום טויטן ים 176

בית־לחם 168

שכם און די שומרונים 193

זייט

נצרת	203
אין לאנד פון ריזן	211
צפת	220
פאָלק ישראל טאַנצט	228